ווייסליץ, וועלכע געפינט זיך אויפן ברעג פון דעם טייך נידא, ווערט פאררעכנט אלס איינע פון די עלטסטע שטעט אין פוילן, וואס איר געשיכטע דערגרייכט איבער טויזנט יאר. אין אמאליקן פוילן איז ווייסליץ (ווישליצא) געווען ארומגערינגלט מיט א באפעסטיקטן מויער און אין איר — א באפעסטיקטער פאלאץ. די שטאט האט אויך ארומגענומען די פארשטאט גאריסלאוויצע און איז דערגאנגען ביז דעם דארף קוכארי. אין שטאט זענען געווען דריי קריסטלעכע קירכעס. זיינער צייט האט זיך די שטאט געפונען אונטער דעם פראטעקטאראט פון קעניג וולאדיסלאוו לאקיעטעק, דעם פאטער פון קאזימיר דעם גרויסן און איז געווען ביי אים גאר באליבט. די סיבה דערפון איז געווען דאס, וואס נאך זיין צוריקקומען פון זיין גלות קיין פוילן, ווען ער איז צוריק געווארן קעניג פון פוילן, איז די שטאט ווייסליץ געווען די ערשטע, וואס האט אים אויפגענומען אלס געזעצלעכן קעניג. צום אנדענק פון דער דאזיקער געשעהניש האט דער קעניג וולאדיסלאוו לאקיעטעק געגרינדעט די גרויסע קירכע אין ווייסליץ.

ווי עס איז באקאנט האט זיך די גרויסע עמיגראציע פון יידן פון דייטשלאנד און באהעמיע קיין פוילן אנגעהויבן אין דער צייט, ווען עס האט געהערשט קאזימיר דער גרויסער (1310—1370) — דער דאזיקער אוהב ישראל (וואס לויט דער לעגענדע האט ער געהאט א יידישע פרוי, אסתר׳קע) האט אויפגענומען די יידן מיט אפענע ארעמס און האט זיי געגעבן די פולע בירגער־רעכט צום פארטיידיקונג פאר

די שטאטישע עלעמענטן („מיעשטשאניע") וועלכע האבן מורא געהאט פאר דער ידישער קאנקורענץ אין מסחר און אין האנטווערק.

ווארשיינלעך, אז אויך אין אזא וויכטיקער שטאט ווי וויסליץ זענען די ידן געקומען, כדי לעבן אונטער דעם אונמיטלבארן פראטעקטאראט פון קעניג קאזימיר דעם גרויסן. עס איז מעגלעך, אז נאך פאר דעם האבן דארט געוועזן ידן, ווייל דער צוועק פון קעניג איז געווען אנטוויקלען די מדינה מיט דער הילף פון די ידישע אימיגראנטן. אויף דער וויכטיקייט פון וויסליץ אין יענער תקופה צייגט דער פאקט, אז ווען קאזימיר דער גרויסער האט געוואלט געבן דעם פוילישן פאלק א געשריבענע קאנסטיטוציע, האט ער צונויפגערופן די פוילישע אדל־לייט און העלדן אויף א גרויסער פארזאמלונג אין וויסליץ אין יאר 1347 און דא האט ער פראקלאמירט די ערשטע קאנסטיטוציע, וואס ווערט אנגערופן מיטן נאמען „סטאטוט ווישליצקי".

וועגן דער נייער קאנסטיטוציע און דער ידן־פראגע שרייבט דער בארימטער היסטאריקער פראפ. שמעון דובנאוו:

„...די דאזיקע אלע רעכט (בירגער־רעכט פאר ידן) זענען געגעבן געווארן דורך קאזימיר דעם גרויסן מיט דער הסכמה פון די אנפירער פון דער אריסטאקראטיע מיט וועלכע ער האט זיך בעראטן, אבער די פאראררדנונגען לגבי די ידן האבן אויפגעוועקט קעגנערשאפט מצד דעם פארשטייער פון די קליינע גיטער, „די שלאכטע". אויף דער קאנפערענץ אין וויסליץ (ווישליצא) אין יאר 1347, איז געלונגען די פיינט אין קליין־פוילן באקומען א באגרענעצונג אויפן עסק פון ידישן קרעדיט".

דער היסטאריקער ב. מארק שרייבט אויף דער דאזיקער טעמע:

„...אויף דער פארזאמלונג פון פוילישן „סיים" אין ווישליצא אין יאר 1347, איז באשלאסן געווארן פארקלענערן דעם פראצענט אויף די הלוואות פון די ידן און באגרענעצן די משכנתאות בלויז אויף אומבאוועגלעכן פארמעגן. אויף דער פארזאמלונג פון פוילישן „סיים" אין ווישליצא, אין יאר 1368, האט מען באשלאסן, אז די פוילישע עלטערן זענען נישט מער פאראנטווארטלעך פאר חובות פון זייערע קינדער ביי די ידן".

ש. דובנאוו שרייבט אויף דער דאזיקער טעמע:

„...וולאדיסלאוו יאגעללא האט געמוזט זיך אונטערגעבן דעם דאפלטן דרוק (מצד די פירער פון קלער) און אויף א פארזאמלונג פון די פירער פון די אינסטיטוציעס איןווארטא, 1423, האט ער באנייט די פאראררדנונגען פון דער וויסליצער קאנפערענץ פון יאר 1347, אז די ידן קענען לייען געלט בלויז פאר א משכון און נישט פאר וועקסלען אדער היפאטעקן. אויך דער באליידיקנדיקער ארגומענט פון דער וויסליצער קאנפערענץ איז אנגענומען געווארן מיט א שארפערן נוסח.

מען קאָן פעסטשטעלן לויט דער וויכטיקייט פון שטאָט אַז דאָן האָבן שוין געוווינט יידן אין וויסליץ אַזוי ווי און אַלע אַנדערע וויכטיקע שטעט אין פּוילן אין יענער תקופה".

אין מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרעפנטלעך געוואָרן דורך מגר. אליעזר פעלדמאַן אין „יונג היסטאָריקער" נר. 3, ווערט געזאָגט:

„אויפן סמך פון דאָקומענטן פון פּוילישע אַרכיוון האָבן יידן געוווינט אין 14־טן, 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט אין די דאָזיקע שטעטלעך פון סאַנדאָמיעזשער ראַיאָן: אַפּאַטאָוו, אָפּאַטשנאַ, פּילזנאַ, פּינטשעוו, פּאָלאַניעץ, ראַדאָם, ראַדזיווילאָוו, ראַקאָוו, סאַנדאָמיעזש (צוזמיר), כענטשין, כמעלניק, גלובאָטשאָוו, גז'מאַלאָוו, איוואַניסקאַ, יאַנאָוויטש, קאַרטשין, נאָווע־מיאַסטאָ, אָפּאַטאָוויץ, שיינצע, סטאָשעוו סטאַנאָוויצע, טאַרנאָוו, ווישליצא, זוואָלין.

אין אַמאָליקן פּוילן איז וויסליץ געווען אַ הויפּט־שטאָט פון וויסליצער באַצירק סאַנדאָמיעזשער וואָיעוואָדסטווע.

אין יאָר 1407, אין דער תקופה פון דער הערשאַפט פון קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעללאָ (1386—1434) זענען אויסגעבראָכן פּאָגראָמען אויף יידן אין קראָקע, נאָך אַ העץ־רעדע פון מאַגיסטער בודעק, דער קאַנאָניקוס פון וויסליץ אין דער קירכע „די הייליקע באַרבאַראַ" אין קראָקע. צו דער הילף פון די קראָקאָווער יידן איז דאָן געקומען, — אונטער דער השפעה פון די וויסליצער יידן, דער קאַסטעלאַנוס פון שטאָט בראש פון די באוואָפנטע זעלנער און האָט אַזוי געראַטעוועט די קראָקעווער יידן פון פּאָגראָם. עס איז כדאי צו באַצייכענען, אַז דער קאַסטעלאַנוס



ככר זאַמקובי — זאַמקאָווי פּלאַץ

פון ווייסליץ איז געווען א שטענדיקער קליענט ביי די יידישע באנקירן אין קראקא. (דער ערשטער פוילישער היסטאריקער, יאן דלוגאש, איז געווען א פראלאט פון דער בארימטער ווייסליצער „קאלעגיאטע" און אין 15־טן יארהונדערט האט ער אויפגעשטעלט זיין הויז אין ווייסליץ, וועלכער איז באקאנט אונטערן נאמען „דאם דלוגאשא").

ערשטע היסטארישע דאקומענטן

די ערשטע אפיציעלע דאקומענטן, וועלכע אנטהאלטן איינצלהייטן וועגן די ווייסליצער יידן, זענען פון יאר 1514, פון דער תקופה, ווען וועלכער דער קעניג זיגמונט דער I־טער האט באפוילן זיין שוועסטער נישט ארויסצוטרייבן די ווייסליצער יידן — ביז ער אליין וועט קומען קיין ווייסליץ.

פון אנפאנג פון זייער באזעצן זיך אין ווייסליץ האבן די יידן געמוזט פירן א שווערן קאמף מיט די שטאטישע עלעמענטן, הויפטזעכלעך אויפן עקאנאמישן געביט, צוליב זייער פחד פאר דער יידישער קאנקורענץ אין מסחר און מלאכה, ביז זיי זענען געקומען צו א הסכם מיט זיי אין יאר 1545, וועלכער איז דערנאך באשטעטיקט געווארן דורכן קעניג זיגמונט דעם 1־טן. טראץ דעם הסכם צווישן די שטאטישע „מיעשטשאנעס" מיט די יידן איז זיי געלונגען ארויסצובאקומען פון קעניג זיגמונט אוגוסט א דעקרעט, לויט וועלכן די יידן איז געווארן דערלויבט זיך באזעצן בלויז הינטער די מויערן פון שטאט, אויפן ארט וועלכן מען האט גערופן „זשידאוויעץ". דאס איז געווען דער יידישער קווארטאל, הינטער די שטאטישע מויערן, ביים גרענעץ פון גאריסלאוויצע, אויפן וועג קיין קאבילניק. שפעטער האבן די „שטאטישע" שלום געמאכט מיט די יידן.

אין דער צייט פון דער הערשאפט פון קעניג זיגמונט אוגוסט (1548—1578) זענען אנגעקומען קיין פוילן יידישע פליטים פון טשעכיע, וועלכע זענען ארויסגעטריבן געווארן פון פראג. א טייל פון זיי זענען געקומען קיין ווייסליץ און האבן דא אויפגעשטעלט א שול. דאס יאר 1656 — די תקופה פון דער שוועדישער אינוואזיע קיין פוילן — איז געווען זייער א שווערע פאר דער שטאט ווייסליץ און אירע יידן בפרט. בעת זייער מלחמה קעגן די פאליאקן האבן די שוועדן צעשטערט די מויערן פון שטאט; זיי האבן פארברענט דעם בארימטן פאלאץ פון ווייסליץ. די שטאט האט שטארק געליטן פון דער מלחמה. דער פוילישער העטמאן, סטעפאן טשארניעצקי, וועלכער איז געווען בארימט מיט זיינע פאגראמען אויף יידן, האט געוואלט זיך נוקם זיין מיליטערישע מפלה. ער האט דעריבער מעליל געווען אויף די יידן, אז זיי האבן געהאלפן די שוועדן. העטמאן טשארניעצקי האט מארשירט פון שטאט צו שטאט און האט דערמארדעט פיל יידן. אין אונדזער סביבה האט ער אויסגעמארדעט און חרוב געמאכט די קהילות: ראקאוו, כענטשין,

כמעלניק, שידלאוו, וואידזשיסלאוו — און אויך ביז פינטשעוו איז ער דערגאנגען, אבער דא האט זיך דער גראף (בורגראביא) זיך קעגנגעשטעלט און די פינטשעווער יידן זענען געראטעוועט געווארן. אויך ווייסליץ האט דער שונא נישט אויסגעמיטן און די גאנצע יידישע באפעלקערונג, 50 פאמיליעס, האט ער פארניכטעט. דער יידישער קווארטאל הינטער די שטאטישע מויערן האט ער חרוב געמאכט און פארברענט ביז צום גרונט און אויפן דאזיקן פלאץ איז מער נישט אנטשטאנען קיין יידישער ישוב. די מלחמה און די פאגראמען האבן פארניכטעט דאס עקאנאמישע לעבן און דער גורל פון די יידן אין די קהילות פון פוילן איז געווען וואגלעניש און ארעמקייט, באדרענגעניש און אנמעכטיקייט. אזוי ווי אין די אמאליקע צייטן, ווען די יידן זענען געווען קאנצענטרירט אין דער מערהייט שטעט פון פוילן אין באזונדערע קווארטאלן פון שטאט, אזוי אויך נאכן „חורבן טשארניעצקי" האבן די יידן זיך אנגעהויבן בעזעצן פונדאסניי אין ווייסליץ, עק צפון־מערבדיקן טייל פון שטאט אין א ספעציעלן קווארטאל. דא האבן זיי אויפגעבויט א שול, א בית מדרש, א בית מרחץ און א בית־עלמין. דער קווארטאל האט זיך אנטוויקלט ארום דער שול. אין געלויף פון דער צייט, אין די ראמען פון זייער עקאנאמישער־מסחרישער אנטוויקלונג, האבן די יידן זיך פארשפרייט פון זייער קווארטאל אין אלע זייטן פון שטאט און האבן געקענט קראמען און אויפגעבויט הייזער.

אין 16־טן יארהונדערט האט געהערט ווייסליץ, אין די ראמען פון די אינסטי־טוציעס פון דער יידישער אויטאנאמיע אין פוילן, „ועד ארבע ארצות" — צום קאמיטעט פון קראקע־סאנדאמיעזש, — דער קראקווער רב איז געווען דער רב בלויז פון א האלבער מדינה. אין דער צווייטער האלבער מדינה האט דערפילט די זעלבע מיסיע דער רב פון פינטשעוו אדער פון וואידזשיסלאוו, די זיצונגען פון קאמיטעט זענען פארגעקומען אין פינטשעוו, וואידזשיסלאוו און סטופניץ.

אין קאמיטעט פון דער מדינה האט זיך די ווייסליצער קהילה געפינען אין די ראמען פון באצירק־קאמיטעט שידלאוו צוזאמען מיט 17 קהילות. דאס זענען געווען: שידלאוו, רימאנאוו, זשמיגרוד, טארנאוו, דוקלא, נאוועמיאסטא, פאצאנאוו, אלעשניצא, זשאבנא, ראקאוו, דאמבראווא, באגאריא, סטופניצא, קוראזוויענקי, פאלאניץ, סטאשעוו. בראש פון קאמיטעט זענען געשטאנען א רב און פרנס פון באצירק. אין 17־טן און 18־טן יארהונדערט האט דער ראיאן־קאמיטעט זיך געפונען אין כמיעלניק.

אויף דער זיצונג פון „ועד ארבע הארצות", וואס איז פארגעקומען דעם 20־טן יולי 1755 (י"ב אב תקט"ו) אין קאנסטאנטין איז דערגרייכט געווארן, מיט דער הילף פון ועד, א הסכם צווישן קאמיטעט פון באצירק קראקא־צוזמיר (סאנדא־מיעזש) און דעם קאמיטעט פאלאניץ־ווייסליץ וועגן דעם יערלעכן צינז, וואס די קהילות האבן געדארפט צאלן דעם ראיאן־קאמיטעט.

אין יאר 1765 האבן געלעבט אין ווייסליץ 256 יידן. די שטאט האט געהערט צום סאנדאמיעזשער ראיאן. וועגן די טעטיקייטן פון די קהילות אין פוילן אין יענער תקופה שרייבט דר. רפאל מאהלער:

„מיר פארמאגן אבער אויך דירעקטע באווייזן וועגן דעם, אז די אריגי־נעלע ציילונגס־רשימות זענען געשריבן אין העברעאיש. פון דער ציילונג פון יידן אין דער צוזמערער וואיעוואדשאפט אין 1764 זענען פארבליבן אין מלוכהשן הויפט־ארכיוו אין ווארשע 3 בענדער „אינווענטארן" פון די דריי בעצירקן (פאוויאטן) צוזמיר, ווייסליץ (ווישליצא) און פילזן".

אין דער דאזיקער תקופה האבן געוואנדערט איבער די יידישע קהילות אין פוילן צוויי גרויסע חסידישע צדיקים. דאס זענען געווען: הרה"צ רבי אלימלך פון ליזענסק און זיין ברודער, ר׳ זישא מאניפולה. אין זייערע וואנדערונגען „פראווען גלות" זענען זיי אנגעקומען אויך קיין ווייסליץ. אין ווייסליץ זענען זיי איינגעשטאנען אין א הויז אין צענטראלן פלאץ, וואס איז געווען באקאנט אין אונדזערע צייטן אלס דאס הויז פון ר׳ עוזר טריגער.

אין א שפעטערער תקופה איז געזעסן אויפן רבנים־שטול פון ווייסליץ דער בארימטער הרה"צ ר׳ משה דוד לידא זצ"ל, דער מחבר פון ספר „מגדל דוד", דער אייניקל פון ר׳ דוד בן־אריה לייב לידא פון אמשטערדאם, וועלכער איז בארימט געווארן אדאנק די פיל ספרים וואס ער האט פארפאסט. הרב ר׳ משה דוד לידא איז געווען א תלמיד פון הרה"צ רבי אלימלך פון לוזענסק און פון „חוזה" פון לובלין. אין זיין צייט איז ווייסליץ פארוואנדלט געווארן אין א חסידישן צענטער. דער „חוזה" פון לובלין האט באפוילן אויפן הרה"צ ר׳ יצחק פון ווארקע לעבן א גאנצן יאר אין הויז פון ר׳ משה דוד לידא און זיך אפלערנען פון זיינע וועגן. אויך דער הרה"צ בעל „מאור ושמש" איז געווען אין שטוב פון רבי משה דוד לידא און זיי האבן צוזאמען סוד געהאלטן. אויך הרה"צ, ר׳ מאירל פון אפטא, האט באזוכט ביים הרב ר׳ משה דוד לידא אין ווייסליץ, ווי עס האט באפוילן אויף אים דער „חוזה" פון לובלין (עס זענען פאראן פיל חסידישע דערציילונגען און וונדער־מעשהס וועגן רב ר׳ משה דוד פון לידא). דאס הויז פון ר׳ משה דוד לידא איז געשטאנען נישט ווייט פון שול, אין ווינקל פון די גאסן זלאטא־אקאפאווא. (דאס דאזיקע הויז איז פארברענט געווארן בעת דער ערשטן וועלט־קריג). הרב ר׳ משה דוד לידא איז געפארן קיין אונגארן, אין דער שטאט אלטענדארף, און דארט איז ער געשטארבן ט׳ אב תקפ"ט (1828).

נאכן טויט פון הרב ר׳ משה דוד לידא איז דער אבדק"ק פון ווייסליץ געווען זיין איידעם הרב ר׳ אריה לייבוש סטעניצער ז"ל, א זון פון הרה"צ רבי משה סטעניצער זצ"ל, פון זשעלעכאוו. וועגן אים ווערט דערציילט, אז דער „חוזה" פון לובלין איז געווען זיין שדכן, ווען ער האט זיך משדך געווען מיטן הרב רבי משה

דוד לידא פון ווייסליץ און האבן אויך געלערנט דעם „פשטל" וואס איז געזאגט געווארן ביי די תנאים. דער איידעם פון הרב ר' אריה לייבוש סטעניצער (דער מאן פון זיין טאכטער, מרת שרה רחל) איז געווען דער רבי ר' יעקב יצחק הארוויץ, דער זון פון הרה"צ ר' יוסף דוד הארוויץ, דער אדמו"ר פון פינטשעוו.

א יידישע מערהייט אין שטעטל

אין די יארן 1823־62 זענען די יידן געווען באגרענעצט אין זייערע באוועגונגען צוליב דער נאנטקייט פון גרענעץ. אויף אנדערע יידן איז פארווערט געווארן זיך באזעצן אין ווייסליץ, וועלכע האט געהערט צו גרענעץ געביט נאך דער צעטיילונג פון פוילן. אין יאר 1856 האט ווייסליץ געהערט צום סטופניצער באצירק, ראדאמער געביט. עס האבן דא געלעבט 1383 יידן פון צווישן 1997 תושבים. אין יאר 1867 האבן געלעבט אין ווייסליץ 1083 יידן פון צווישן 2333 תושבים. אין יאר 1879 האט שוין געווען אין שטאט א דאקטאר און עס זענען דא געווען 2414 יידן פון צווישן 3279 תושבים.

אין יאר 1889 זענען געווען אין שטאט: א שול, אן אויפנאמס־פלאץ פאר ארעמע, א רעגירונגס־שולע מיט 190 שילער און זעקס יידישע „חדרים" מיט צוויי הונדערט תלמידים. עס זענען אויך געווען אין שטאט: אן אפטייק, 11 רעסטאראנען און זיבן בעקערייען. אין יאר 1897 האבן געוווינט אין ווייסליץ 1755 יידן פון דער אלגעמיינער צאל באפעלקערונג וואס איז באשטאנען פון 2508 תושבים.

פון יענער תקופה ביז דעם יאר 1923 איז געווען דער אבדק"ק ווייסליץ הרה"צ ר' ישראל הארוויץ זצ"ל, א גדול אין תורה און אין מדות טובות פון די אייניקלעך פון רבי, ר' נפתלי פון ראפטשיץ זצ"ל. אין זיין יוגנט האט ער זיך דערצויגן און געלערנט תורה אין הויז פון רבי, ר' יוסף ברוך, וועלכן מען האט גערופן „דער גוטער ייד" פון ניישטאט. ר' ישראל הארוויץ האט געהאט דריי זין און א טאכטער; רבי נפתלי חיים הארוויץ אין סטאשוב, רבי מאיר'ל הארוויץ אין ווייסליץ און רבי יעק'לע הארוויץ, דער איידעם פון אדמו"ר פון ראדאשיץ אין פיעטרקוב. זיין איידעם איז געווען דער רבי ר' שם קלינגבערג, דער אדמו"ר פון דזיאלאשיץ. הי"ד געוווינט אין קראקא, — ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין לאגער „יערוזאלימסקי", ביי קראקא אין יאר 1942.

סוף ניינצטן יארהונדערט האבן געוווינט אין ווייסליץ 779 קריסטן און 2090 יידן. א פערטל פון דער יידישע בעפעלקערונג האט פארלאזן ווייסליץ במשך פון די יארן 1897—1921. אין יאר 1912, פארן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג איז אנגעקומען געווארען אלס שו"ב אין ווייסליץ, הרב ר' נתן דוד הערשקאוויטש. וועלכער איז פאר דעם געווען דער שו"ב פון דער שידלאווער קהילה. ביי הרב

ר׳ ישראל האראוויץ איז ער געווען די רעכטע האנט אין אלע ענינים פון דער קהילה. דעם אמט פון צוויטן שו״ב האט דערפילט ר׳ יענקל דוד גרינבלאט ז״ל. פאר די דאזיקע צוויי זענען די שו״בים געוועזן ר׳ בערל קאסירער ז״ל און ר׳ שמואל בעקערמאן (דער שווער פון ר׳ יענקל דוד גרינבלאט). באגלויבטער, באמינירט אויף די כשרות איז געווען הרב ר׳ זלמן שייבער, וועלכער איז ביים סוף פון ערשטן וועלט־קריג נאמינירט געווארן אלס א רב אין זשארנאוועצ. די הויפט־פרנסים ביז דעם סוף פון ערשטן וועלט־קריג זענען געווען ר׳ יאטשע שוואגר און ר׳ מענדל זיידנער.

על פי נס זענען די וויסליצער יידן געראטעוועט געווארן פון א זיכערן פאגראם און דאס א דאנק דער וואכזאמקייט פון ר׳ יאטשע שוואגער. די מעשה איז געווען פאלגענדע: אין יאר 1912 האט זיך אין וויסליץ געשמד׳ט א ייד מיטן נאמען הרשל ב. עס איז געווען א פאל, ווען יידישע קינדער האבן אים נאכגעווארפן שטיינער און אים אנגערופן מיט זידל־ווערטער. דאס איז געווען פאר פסח. דער משומד האט געמסרט פאר די „שטאטישע״ אנטיסעמיטן טענהדיק, אז די יידן האבן אים געוואלט דערמארדן און נעמען זיין בלוט אויף מצות. די שטאטישע האבן פארבערייטעט שטילערהייט פאגראם אויף די יידן אין קריסטלעכן „פסחא״. אז ר׳ יאטשע שוואגר האט זיך דערפון דערוווסט האט ער ראשית כל זיך געווענדעט צום בירגערמייסטער מיט א ביטע, ער זאל בארואיקן דעם צעווילדעטן המון. דער בירגערמייסטער האט געראטן די יידן זיך פארמאכן אין די הייזער און צומאכן די לאדנס. די יידן האבן זיך שטארק דערשראקן, אבער פארן קיין פינטשעוו, כדי בעטן הילף ביים סטאראסטע איז געווען אונמעגלעך, ווייל דאס איז געווען פארבונדן מיט א גרויסער סכנה. ר׳ יאטשע שוואגער האט זיך דאן געווענדעט צו בער קראוס, פון די וויסליצער העלדן, אן אומדערשראקענער מאן און האט אים געגעבן א בריוו צום סטאראסטע. רייטנדיק אויף א פערד איז בער אנגעקומען צום רוסישן נאטשעלניק אין פינטשעוו און דער דאזיקער האט גלייך ארויסגעשיקט 50 קאזאקן — רייטערס קיין וויסליץ. זיי זענען געקומען אין פסחא אינדערפרי קיין וויסליץ און האבן נישט געלאזט אריינקומען אין איר די גויס פון די סביבה. אין שטאט זעלבסט האבן זיי פאנאנדערגעטריבן די אלע צונויפגעזאמלטע. א דאנק דעם איז וויסליץ געראטעוועט געווארן פון א פאגראם.

אין יאר 1914 איז אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה. די שלאכטן זענען פארגעקומען אויף ביידע ברעגעס פון דעם טייך נידא. וויסליץ האט זיך געפונען אינעם פראנט. די באפעלקערונג האט שטארק געליטן און פיל פון אירע תושבים האבן געמוזט אנטלויפן אין די שטעטלעך, וועלכע האבן זיך געפונען ווייטער פון פראנט ווי צ. ב. בוסק, סטופניץ, סטאשעוו, כמיעלניק און אנדערע. די יעניקע, וואס זענען פארבליבן אין שטאט, האבן געוווינט אין קעלערס במשך זעקס מאנאטן.

די רוסן האבן זיך באנוצט מיט די יידן פאר פארשידענע געהילפס־ארבעטן פון זייער מיליטער ווי אויך צו גראבן אקאפעס אויפן פראנט. די יידן האָבן געדויערט ביז די עסטרייכער האבן איינגענומען ווייסליץ און די רוסן האבן פארלאזט די שטאט.

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, ווען דער מארשאל יוזעף פילסודסקי, דאן דער קאמאַנדיר פון די פוילישע לעגיאָנען, — האט אריבערגעפירט די קאָמענדע קיין נאווי קארטשין, איז ער פלוצלונג דערשינען בראש פון זיינע לעגיאָנען אין ווייסליץ, יום כיפורים 1916 און האָט געפאדערט פון דער יידישער באפעלקערונג פון ווייסליץ א גרויסע סומע געלט קאנטריבוציע. נישט לייכט איז געווען אין דער צייט פון קריג, ווען די יידישע באפעלקערונג איז פאראָרעמט געוואָרן, אויפקלייבן א גרויסע סומע געלט, הויפטזעכלעך אין יום־כיפורים, אבער פילסודסקי האט זיך נישט צוריקגעקערט קיין קארטשין איידער ער האט באקומען דאס געלט וואָס ער האָט געפאדערט.

די אנטשטייאונג פון פרייען פוילן האט ארויסגערופן א ציטערניש ביי די ווייסליצער יידן. זיי האבן מורא געהאט פאר דעם וואקום, וואָס וועט געשאפן ווערן איידער עס וועלן זיך ארגאניזירן די אינסטיטוציעס פון דער נייער פוילישער מדינה. עס האָבן אנגעהויבן דערשיינען רויבער, וואס האבן אנגעווארפן זייער פחד אויף די יידן. עס איז געווען א פאל מיט א גרופע גוט ארגאניזירטע רויבערס, וואס איז געקומען רויבן ביי די יידן אינמיטן טאג. א שרעק האט באפאלן די רויבערס, ווען דערנענטערנדיק זיך צום שטאט האבן זיי געטראפן די גאנצע באפעלקערונג מיט באוואפנטע מענטשן בראש גייט זיי אנטקעגן. זיי האבן



„ככר האבן", „דער פלאציגער שטיין"

געטראכט על פי טעות, אז דא איז פאראנען א גרויסער פארטיידיקונגס־כוח. זיי זענען אנטלאפן נישט ברענגענדיק קיין שום שאדן דער יידישער באפעלקערונג.

די עקאנאמישע לאגע

די עקאנאמישע לאגע פון די יידן אין ווייסליץ אנפאנגס 20־טן יארהונדערט האט געהאלטן אין איין ערגער ווערן ספעציעל נאך דער אנטשטייאונג פון דער נייער פוילן אין יאר 1919 און דאס צוליב די הויכע שטייערן וואס זענען ארויפגעווארפן געווארן אויף די יידישע סוחרים און בעל־מלאכהס. אין יאר 1921 האבן געוווינט אין ווייסליץ 1341 יידן פון צווישן די 2127 תושבים בכלל (63%). די יידן האָבן געהאלטן אין איין פארלאזן דאס שטעטל, ווער פון זיי עס איז ארויסגעפארן קיין אויסלאנד און ווער אין גרויסע שטעט אין פוילן ווי צ.ב. ווארשא, לאדזש, קראקא, סאסנאוויעץ, קיעלץ א.א. אין וועלכע עס זענען געווען בעסערע אויסזיכטן אויף פרנסה. די קהילה האט זיך ארגאניזירט פונדאסניי. דער „סטאראסטע" פון פינטשאוו האָט נאמינירט א נייעם ועד קהלה אין ווייסליץ אין צוזאמענשטעל פון די פרנסים די ה"ה: עוזר טריגער, שמואל ווייצבערג, בערל העלער, יאטשע שוואגער, אלימלך קאזימירסקי, ישעיהו ראזנוואסער און זעליג בארנשטיין. ה' אלתר בורשטיין איז נאמינירט געווארן אלס סעקרעטאר פון דער קהלה און איז געבליבן אויפן דאזיקן אמט ביזן אויסברוך פון צווייטען־וועלט־קריג.

צום קרייז פון דער ווייסליצער קהלה האבן דאן געהערט אויך די נאנטע דערפער אין וועלכע עס האבן געוווינט יידן: גאריסלאוויצע, כוטעל, גארקי, קאניעצמאסטי, קוכארי, זלאטע, יורקאוו, קאלאסי, סאקאלין, קאמיעננא, צודזעביץ, קוצ'ין, דעמביאני, פאלציסק א.א.וו.

אין יאָר 1919 איז געגרינדעט געווארן די ציוניסטישע ארגאניזאציע. די גרינדער זענען געווען: יאסל יאקובאווסקי, ישראל בוכמאן, שאול צוקערמאן, וו. בלום, מאיר נאזשיצע, חיים האפענבערג און אנדערע.

אין יאר 1923 איז נפטר געווארן דער ווייסליצער רב הרה"צ ר' ישראל האראוויץ זצ"ל. א דעלעגאציע פון דער ווייסליצער קהלה אין צוזאמענשטעל פון די ה"ה אלימלך קאזימירסקי, אברהם שידלאָווסקי און זעליג באַרנשטיין איז ארויסגעפארן קיין פיעטרקאוו, כדי איינצולאדן זיין זון ירשנען זיין טאטנס פלאץ. צוליב אומבאקאנטע סיבות האָט דער זון, ר' יענקעלע האראוויץ, נישט מסכים געווען אנצונעמען די רבנות אין ווייסליץ.

נאך ביים לעבן פון הרב ר' ישראל האראוויץ האבן די געררער חסידים אין ווייסליץ געוואלט זען דעם רב ר' משה (מאירל'ס) זיידנער, דער פארטרעטער פון „אלטן רב", אלס מורה־הוראה; דער רב איז געווען קראנק און האט נישט

געקאנט דערפילן זיינע פליכטן. דער אלטער רב האט זיך דערפון געפילט געטראפן און האָט חושד געווען, אז הרב ר׳ משה זיידנער וויל פארנעמען זיין פלאץ נאָך ביי זיין לעבן. אין שטעטל איז אויסגעבראכן א מחלוקת, צווישן די אנהענגער פון „אלטן רב" און די גערער חסידים, די אנהענגער פון הרב ר׳ משה זיידנער. ווען הרב זיידנער איז נישט אויסגעוויילט געווארן אלס מורה הוראה אין ווייסליץ האט ער פארלאָזט די שטאט און איז געווארן רב אין שטעטל וואשניוו, נאנט צו אסטראווצע.

אין יאר 1924 ווערט אויסגעוויילט אלס ווייסליצער רב הרה״ג ר׳ חיים שלמה הכהן שווארץ הי״ד פון באגאריא, וועלכער איז געווען באקאנט אלס איינער פון די גרויסע רבנים אין דער גאנצער סביבה. אין באגאריא איז געווען רב זיין זון הרב ר׳ בערעלע הכהן שווארץ הי״ד. פון ווייסליצער רבי׳ס קינדער איז געבליבן לעבן נאר זיין זון הרב אלימלך הכהן שווארץ, וואָס איז איצט רב אין לאָס־אנזשעלעס — פאראייניקטע שטאטן. עטלעכע יאר איז הרב ר׳ חיים שלמה הכהן שווארץ אויך געווען דער קהלה־פארזיצער און זיין פארטרעטער ר׳ יוסף טאפף הי״ד. פאר אים איז געווען ראש הקהל ר׳ אייזיק פלאום.

אין די יארן 1923־1924 האבן די פוילישע מאכט־ארגאנען אויפגעבויט א באן־ליניע דורך ווייסליץ פון יענדזשעיעוו ביז קאצמיזשאוו ביי קראקא. די באן־סטאציע איז אויפגעבויט געווארן אין דארף קאניעצמאסטי, נאנט צום שטאט. דער בוי פון דער באן־ליניע האט געגעבן א שטארקן עקאָנאָמישן שטויס דעם לעבן פון שטאט און דער יידישער געזעלשאפט בפרט.

יידן זענען אריבערגעגאנגען אהער וווינען און האָבן געעפנט אין געגנט פון דער סטאציע שפייכלערס פאר תבואה, קוילן, אייזן, צעמענט, האלץ, זאלץ א.א.וו. דער ייד ארלאנד האט אויפגעבויט א גרויסע גיבס־פאבריק, וואס זיין פראדוקציע איז שפעטער פארקויפט געווארן אין גאנץ פוילן.

אין יענער תקופה האט עקזיסטירט אין שטאט א פרידנגעריכט. דער ריכטער איז געווען א פּראָפעסיאָנעלער (לובאוויצקי) דאקעגן פון די צוויי ראטגעבער פון וועלכע איינער איז שטענדיג געווען א ייד, — זענען געווען פארשטייער פון דער געזעלשאפט.

— — — — — — — — — —

אין אויגוסט 1927 איז געעפנט געווארן אין ווייסליץ א יידישער קאָאָפּעראטיווער באנק אונטערן נאמען „באנק לודאווי", וועלכער איז געגרינדעט געווארן דורך הענעך שוואגער, דער רייכסטער ייד אין ווייסליץ און זיין שוואגער, ר׳ שלמה שיינער. דער באנק האט טריי באדינט די יידן פון שטאט און האט לייכטער געמאכט אויף דער שווערער עקאָנאָמישער לאגע. פיל פון די שטאטישע איינוווינער האבן זיך גענוציקט אין דעם דאזיקן באנק, וואס האט זיי געשטיצט מיט זייער פולער

מעגלעכקייט. צווישן די יידן פון שטאט איז געווען גאר פארשפרייט דער גמ״ח און „מתן בסתר״ פאר נויטיקע.

דער ערשטער לייטער פון „באנק לודאווי״ איז געווען ר׳ שלמה שיינער (וועלכער לעבט מיט אונדז אין ישראל) און זיין פארטרעטער איז געווען ה׳ משה אפעלבלאט. ווען ר׳ שלמה שיינער איז אריבער וווינען אין פינטשעוו, אין יאר 1929, איז נאמינירט געווארן אלס לייטער פון באנק, קלמן חרמץ פון נאווי־קארטשין. אין זאל פון באנק האט עקזיסטירט א „ציוניסטישער מנין״ און מען האט דארט געדאווענט שבת און יום־טוב.

אין יאר 1926 האט באנייט איר טעטיקייט — נאך עטלעכע יאר פון פארנאכ־לעסיקונג — די געזעלשאפט „לינת הצדק״, דורך דעם דאָקטאָר מאיר נאזשיצע, וואס איינע פון אירע אויפגאבן איז געווען ערטיילן מעדיצינישע הילף און געלט־שטיצע פאר נויט־באדערפטיקע, כדי קויפן רפואות. אין קאמיטעט פון לינת הצדק האבן זיך באטייליקט: מאיר נאזשיצע (אלס פארזיצער) נתן טשיכי, געצל בורשטיין, יחזקאל קאזימירסקי און יעקב ווייצבערג.

נאכן פאגראם און דער שחיטה אין חברון אין יאר 1929, וואס אלס רעזולטאט פון זיי האט די ענגלישע מאנדאט־מאכט פארשלאסן די טויערן פון לאנד פאר אן יידישע עליה, זענען פארגעקומען אויף דער גאנצער וועלט פראָטעסט־פאר־זאמלונגען קעגן ענגלאנד. אין ווייסליץ האבן יידן פראָטעסטירט מיט פארמאכן די קראמען און מיט א פראָטעסט־פארזאמלונג אין גרויסן בית־מדרש. פארן עולם, וואס האט זיך צונויפגעזאמלט, האט גערעדט הרב ירחמיאל וואלבראמסקי, דער איידעם פון ווייסליצער רב.

נאכן טויט פון שו״ב, ר׳ יעקל דוד גרינבלאט ז״ל, אין יאר 1930, איז אויסגעבראכן א שווערע מחלוקת. די שטאט האט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים: די משפחה פון פארשטארבענעם שו״ב און א טייל פון עולם האבן געוואָלט ארויפזעצן אויפן דאזיקן שטול זיין זון, ר׳ יחיאל גרינבלאט, אבער א טייל פון עולם האט אים נישט געוואָלט, טענהדיק, אז דער זון איז נישט ווי זיין פאָטער. נאך א מחלוקת וואס האט געדויערט עטלעכע יאר, האט דער „סטאראסטע״ פון פינטשעוו באשלאסן אריבערפירן דעם שו״ב ר׳ שמואל הירש אייזן, פון דזיאלאשיץ קיין ווייסליץ און דערמיט האט זיך דער ענין פארענדיקט. אין יאהר 1935.

אין יאר 1930 זענען פארגעקומען וואלן צום „סיים״ און סענאט אין פוילן. די יידן פון ווייסליץ האבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין די וואלן און די מערהייט פון זיי האבן געשטימט פאר דער ליסטע פון „יידישן נאציאנאלן בלאק״. נאך דעם, ווי די וואלן זענען געפסלט געווארן אין וואל־קרייז „סאנדאמיעזש־סטופניץ־פינטשעוו״, זענען פארגעקומען צווייטע וואלן אין דאזיקן קרייז. פאר די

וואלן האט באזוכט אין ווייסליץ אין נאמען פון „יידישן נאציאנאל בלאק“ ד״ר משה קליינבוים (היינט משה סנה). דר. קליינבוים איז ארויסגעטראטן אויף א וואל־פארזאמלונג (אין גרויסן זאל ביים טויער פון פרוי רושע זאלצמאן אין מארק) נאך דעם ווי די „אגודת ישראל“ — לייט האבן אים געשטערט ביי דער רעדע אין גרויסן בית־מדרש. די פארשטייער פון וואל־קאָמיטעט פון „יידישן נאציאנאלן בלאק“ האבן זיך באטייליקט אין ראיאן קאנפערענץ אין פינטשעוו, מיט דער באטיי־ליקונג פון יצחק גרינבוים, דער דעפוטאט אין פוילישן „סיים“. דער קאמף האט זיך געפירט ארום דעם ווילן פון „יידישן נאציאנאלן בלאק“ אריינפירן נאך אַ יידישן דעפוטאט אין „סיים“. דער קאנדידאט איז געווען אברהם גאָלדבערג, פון די רעדאקטארן פון ווארשעווער „היינט“.

אין די דרייסיקער יארן האבן די ווייסליצער יידן אויפגעשטעלט. א פאברי־קאציע פון שטרימף. דער איניציאטאר איז געווען ה׳ איסר זילבערבערג, פאבריקאנט פין לאדזש. די פאבריקאציע האט זיך אויסגעברייטערט אויף א ברייטן מאסשטאב. צענדליקער ווערקשטאטן האבן באשעפטיקט פיל בחורים און מיידלעך, וואס האבן ביז דאן נישט געהאט קיין ארבעטס־פלעצער. פון דער דאזיקער ארבעט האבן זיך מפרנס געווען פיל יידישע משפחות אין ווייסליץ.

אין חודש מאי 1931 זענען פארגעקומען וואלן צום ועד הקהלה אין ווייסליץ. עס זענען אויסגעוויילט געווארן די פאלגנדע פרנסים: אין נאמען פון פאראייניקטן בלאק — וואלף בארנשטיין, קאפל באנאך, איטשע שוואגער, דוד אבזשאנסקי; אין נאמען פון „ארגון בעלי מלאכה“ — יוסף פלאום, וואלף באכענעק, דוד לוי, און אין נאמען פון „אגודת ישראל“ ישעיהו ראזנוואסער. אלס פארזיצער איז אויס־געוויילט געווארן וואלף בארנשטיין.

אנפאנגס די דרייסיקער יארן איז געגרינדעט געווארן אין שטעטל א הכשרה־פונקט פון „גורדוניה“. די חלוצים האבן געארבעט אין טארטאק פון די ברידער האפענבערג. אין יענער צייט האט באזוכט אין דער הכשרה אין ווייסליץ אלס שליח פון ארץ ישראל פנחס לוביאניקער (היינט לבון). אין יאר 1933 האט באזוכט יעקב זרובבל אין דער אפטיילונג פון די לינקע פועלי־ציון אין ווייסליץ.

אין יאר 1934 האט באזוכט ווייסליץ אין נאמען פון דער לייטונג פון ק.ק.ל. אין ווארשא ד״ר גאטעסדינער (עובדיה), וועלכער איז ארויסגעטראטן מיט א רעפעראט אין גרויסן בית המדרש. אין דאזיקן יאר איז לויטן באפעל פון „סטא־ראסטע“ אין פינטשעוו פארמאכט געווארן דער אלטער בית־עולם אין ווייסליץ. דער ארגומענט פון די שטאט־ארגאנען איז געווען, אז עס אין אים מער נישטא קיין פלאץ אויף באגראבעניש. דער אמת איז אבער אן אנדערער. הינטער דער דאזיקער גזירה זענען געשטאנען די יעניקע פאלאקן, וואס האבן געטענהט, אז דער בית־עולם איז צו נאנט צום שטאט. די קהלה האט געוואלט אויסברייטערן

דעם בית־עולם דורך קויפן א גרויסע שטיק ערד, אבער די מאכט ארגאנען זענען געווען קעגן דער אויסברייטערונג פון בית־עולם, נאך פיל אנשטרענגונגען מצד די געזעלשאפטלעכע טוער מיט ר׳ קלמן באכענעק בראש, איז צונויפגעזאמלט געווארן א גרויסע סומע געלט און עס איז אפגעקויפט געווארן א גרויס שטיק ערד אויפן וועג קיין קאבילניק. דער נייער בית־עלמין איז געהייליקט געווארן מיט דער באטייליקונג פון א גרויסן עולם ווי אויך פון אדמו״ר רבי משה מרדכי טווערסקי פון לובלין.

דעם 12־טן מאי 1935 האט א שווערער טרויער באהערשט דאס פוילישע יידנטום צוליבן טויט פון מארשאל יוזעף פילסודסקי. אויך אין ווייסליץ האט זיך געלאזט פילן דער טרויער. דעם נאנטן שבת, אין טאג פון זיין קבורה, איז פארגעקומען אין דער גרויסער שול א טרויער־אקאדעמיע מיט דער באטייליקונג פון אלע ארטיקע יידן. די אזכרה איז געמאכט געווארן דורכן חזן, ר׳ משהל קופערמאן, און גערעדט האט דער רב פון ווייסליץ ר׳ חיים שלמה הכהן שווארץ הי״ד. אין דער אזכרה האבן זיך אויך באטייליקט די פארשטייער פון די פוילישע מאכט־ארגאנען.

אין יאר 1937 זענען פארגעקומען וואלן צו דער קהלה. אלס פרנסים זענען אויסגעוויילט געווארן איטשע שוואגער, ישעיהו ראזנוואסער, קאפל באנאך, לייבל קליינפלאץ, יוסף פלאם, דוד אבזשאנסקי, שמואל שמולעוויטש און דוד לוי. יוסף פלאום איז אויסגעוויילט געווארן אלס ראש הקהל, און האט דערפילט דעם דאזיקן אמט ביז דעם גירוש פון די יידן פון ווייסליץ. אין שטאט־ראט האבן זיך באטייליקט די יידישע עסקנים: ר׳ ישעיה ראזנוואסער, ישראל בוכמאן, איטשע אסטראוויץ. אין ביורא פון שטאט־ראט האט געארבעט איין־איינציקער יידישער בעאמטער, אהרן קליגער.

אין ווייסליץ האבן עקזיסטירט: א ציוניסטישע ארגאניזאציע, דער חלוץ כלל־ציוני, הנוער הציוני, בית״ר, גורדוניה, די לינקע פועלי־ציון, השומר הדתי און אגודת ישראל.

אין פאראייניקטן קאמיטעט פון ק.ק.ל. האבן זיך באטייליקט די פארשטייער פון אלע ציוניסטישע שאטירונגען. די דאזיקע האבן זיך באטייליקט אין שקל־קאמיטעט און אין די וואל־קאמיסיעס צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. אנפאנגס 1939 איז געגרינדעט געווארן א מיידל־שולע, „בית יעקב״, דורך די „אגודת ישראל״ קרייזן, און הויז פון יעקל זאק אויף דער אקאפאווא גאס. אין יאר 1939 האבן געוווינט אין שטעטל 1437 יידן.

דער אומקום

פרייטיק, דעם 1־טן סעפטעמבער 1939 איז אויסגעבראכן דער צווייטער וועלט־קריג און גלייך האט זיך אנגעפאנגען דער שרעקלעכער אומקום. פון שרעק

פאר די דייטשן און אונטער דער השפעה פון די פאליאקן, וועלכע האבן געטענה׳ט, אז אויף דעם טייך ווייסל וועט געשאפן ווערן דער פראנט קעגן די דייטשן, האבן יידן אנגעהויבן אנטלויפן פון שטעטל אין דער ריכטונג פון מזרח־זייט.

אן אלגעמיינע מהומה האט דאן געהערשט אין פוילן. די שאסייען און די וועגן זענען געווען פול מיט פליטים, וועלכע זענען אנטלאפן ווער צופוס און ווער מיט וואגנס, — וואס האט באשווערט אויף דער באוועגונג פון דעם אנטלויפנדיק פולישן מיליטער. דער גרעסטער טייל פון די אנטלאפענע האט זיך אבער צוריקגעקערט אין שטאט, נאך א קורצע צייט נאך דעם, וואס זיי האבן פארזוכט דעם טעם פון וואגלעניש. עס זענען געווען אפילו אזעלכע, וואס זענען אנגעקומען אפילו ביז לעמבערג און האבן זיך צוריקגעקערט, זעענדיק, אז עס איז נישטא וווהין אנטלויפן און אין דער צווישנצייט האבן די דייטשן פארנומען כמעט גאנץ פולן. א טייל פון די אנטלאפענע זענען אנגעקומען קיין רוסלאנד און דארט האבן זיי אדורכגעמאכט די מלחמה. א טייל פון זיי זענען פארלוירן געגאנגען אין די אומענדלעכע וויטקייטן פון רוסלאנד, אין משך פון דער מלחמה. פון די יידישע זעלנער איז געפאלן דער רעזערוויסט מענדל מאנדעלאוויטש, דער זון פון זלמן סטאניעוויצער. דאס פוילישע מיליטער האט זיך באפעסטיקט אויפן ברעג פון טייך נידא און אין שטאט. די דייטשן האבן באמבארדירט אן דערפאלג דעם גרויסן בריק אויף דער נידא. ווען דער פראנט האט זיך דערנענטערט צום שטאט און דאס פוילישע מיליטער איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז ער האט נישט קיין כוח זיך קעגנשטעלן דעם שטארקן דרוק פון דייטשן, האט ער באשלאסן זיך צוריקצוציען אין מזרח זייט. ער האט פארברענט א טייל פון דער דלוגאשא־גאס און פון צענטראלן פלאץ און האט זיך צוריקגעצויגן אין דער ריכטונג פון סטופניץ. דער דאזיקער גאנצער געגנט איז געווען באזעצט מיט יידן. דעם 8־טן סעפטעמבער 1939 האבן די דייטשן איינגענומען ווייסליץ. א שילדערונג פון די דייטשנס אריינמארש קיין ווייסליץ געפינט זיך אין „ספר הזוועות״, עס איז א דערציילונג פון א פליטה פון דער שטאט ביליץ, וועלכע איז אנגעקומען קיין ווייסליץ פון איר אנטלויף פון די דייטשן. דארט לייענען מיר.

...ביינאכט זענען מיר אנגעקומען אין שטעטל ווייסליץ. דעם זעלבן טאג איז דאַרט געשאפן געווארן דער פראנט און אלע זענען מיר אנטלאפן אין די קעלערס. ווען דרויסן האבן א גאנצע נאכט געשטורעמט די שיסערייען, האבן אינדערפרי די דייטשן אריינמארשירט אין שטעטל. איינער פון די זעלנער האט זיך ארומגעדרייט צווישן די קעלערס און געשריגן: — „יידן, אַרויס! יידן אַרויס! און אויב נישט וועל הרגענען אלעמען!״ — זאב אין גלייך ארויסגעגאנגען און איז געשיקט געווארן צו דער ארבעט. עס איז אויך ארויס דער ברודער פון רחל׳ן, אברהם. פארנאכט ווען רחל האט געוואלט זיי דערלאנגען א ביסל עסן, האט זי געפונען איר מאן און איר ברודער דערמארדעטע פון שיסערייען ליגנדיק אוועקגעווארפן הינטער דער קריסטלעכע קירכע, צוזאמען מיט נאך עטלעכע אנדערע יידן און עטלעכע יידישע סאלדאטן פון דער פוילישער ארמיי, וועלכע זענען דארט דערמארדעט געווארן.

כ׳האב געזען די דערמארדעטע און די פרויען וועלכע האבן געריסן זייערע האר אין זייער טרויער, און ווי די דייטשן זענען געשטאנעןביים זייט און געלאכט. ביים אנפאנג האבן די דייטשן נישט דערלויבט באגראבן די געהרגעטע. זענען די יידן פון שטעטל געגאנגען צו א הויכן אפיציר און באקומען א דערלויבעניש צו באגראבן די געהרגעטע...

נאך זייער באפעסטיקן זיך אין שטאט, האבן די דייטשן פארברענט די שול, מיט אלע ספרי־תורה און היכל. אן אומגליקלעכער אנפאנג פארן שטעטל. אויף צומארגנס אינדערפרי האבן די דייטשן באפוילן אויף אלע וויסליצער יידן צו דערשיינען אויפן צענטראלן פלאץ און פון דארט האט מען זיי ארויסגעטריבן אויף די בלאניעס (Błonie) אויסער דער שטאט. אויפן וועג אהין האָט מען צוגענומען ביי זיי דאס געלט, וואָס זיי האבן געהאט מיט זיך און פארנאכט האט מען זיי צוריקגעבראכט אין שטאט. לויטן באפעל פון די דייטשן האבן די יידן אנגעהויבן רייניקן די שטאט. די בירגערלעכע אדמיניסטראציע האט זיך שנעל ארגאניזירט. וויסליץ איז צוקאאפטירט געווארן צום קרייז קאזימיעזש.

פון דער יידישער קהלה אין וויסליץ האבן די דייטשן געפאדערט 30 טויזנט זלאטעס אלס קאנטריבוציע. כדי דאס צו דערגרייכן האבן די דייטשן גענומען אלס „זאקלאדניקעס" צען יידן: הרה״ג ר׳ חיים שלמה הכהן שווארץ, הי״ד, יוסף פלאום, דוד אבזשאנסקי, לייבל יאשקאוויטש, חיים האפענבערג, יוחנן האמער, וואלף בארנשטיין, יחזקאל קאזימירסקי, קאפל באנאך, און לייבל וולוך. נאך גרויסע באמיהונגען איז דאס געלט איבערגעגעבן געווארן די דייטשן. די יידישע קהילה האט זיך ארגאניזירט פונדאסניי און אירע נייע ביוראען זענען איבערגעפירט געווארן אין הויז פון ה׳ צוקערמאן אויף דער פילסודסקי גאס. די קהילה האט דאן באקומען דעם נאמען „יודענראט".

אין דעם נייעם ועד הקהילה איז אריינגעגאנגען א טייל פון די פריערדיקע פרנסים און אויך עטלעכע נייע. דער פארזיצער איז געווען יוסף פלאום, וויצע־פארזיצער — דוד אבזשאנסקי און חברים אין ועד הקהילה יוחנן האמער, חנוך וויצבערג, יאסל בוים, לייבל יאשקאוויטש, איטשע אסטראוויץ און דוד לוי. אלס סעקרעטאר איז נאמינירט געווארן מאיר זאכיך, פון די געוועזענע בעאמטע פון „באנק לודאווי".

עס זענען אנגעקומען שווערע צייטן פאר די יידן פון אלע הינזיכטן. די דייטשן האבן אנגעהויבן קאנפיסקירן ביי יידן זייער פארמעגן און סחורות: זיי האבן גענומען אלץ, וואס האט געקאנט ברענגען נוצן די דייטשן.

דעם 1־טן דעצעמבער 1939 — איז פארעפנטליכט געווארן די ערשטע גזירה וועגן דער געלער לאטע. יעדער ייד עלטער פון צען יאר האט געמוזט אנטאן אויף זיין רעכטער האנט א ווייסע לענטע און אויף איר א בלויען מגן דוד. נאך א גזירה איז געווען צוואנגס־ארבעט. יעדער ייד עלטער פון 18 יאר האט געמוזט ארבעטן פאר די דייטשן פארשידענע ארבעטן אן קיין שום באלוינונג.

דעם ערשטן ווינטער פון דער מלחמה זענען די יידן געווען באשעפטיקט ביים רייניקן די באן־שינעס פון די פיל שניי וואס האט זיך אויף זיי צונויפגעזאמלט. זיי האבן געארבעט אין שווערע באדינגונגען און די קעלט איז געווען גרויס. לויטן באפעל פון די דייטשן זענען צען בחורים פון וויסליץ ארויסגעשיקט געווארן אויף צוואנגס־ארבעט אין דער סביבה פון ביאלא־פאדלאסקא. זיי האבן דארט געארבעט צוואנגס־ארבעט אין מעליאראציע, טריקענען בלאטעס און גראבן אקאפעס ביי דער רוסישער גרענעץ.

דער שטראם פון די פליטים האט אנגעהויבן אנקומען קיין וויסליץ פון די גרויסע שטעט אין פוילן (ווארשע, לאדזש, קראקא, קיעלץ, ראדאם, סאסנאוויעץ) אין וועלכע די דייטשן האבן פארטריבן די יידן און פארמאכטע געטאס. די יידן, וועלכע זענען אנגעקומען קיין וויסליץ זענען געווען על־פי רוב דא געבוירענע, וואס האבן ווען עס איז פארלאזן וויסליץ. דא, אין וויסליץ, איז דאס לעבן, פראפארציאנעל גענומען, געווען לייכטער און פרייער ווי אין די גרויסע שטעט. דא זענען קיין דייטשן נישט געווען. עס איז נישט געווען קיין פארמאכטער „געטא". און א דאנק דעם איז געווען א פרייערער צוגאנג צו די דערפער אין געגנט, דער קוואל פון שפייז.

אין יאר 1940 איז דער קרייז־ביורא אריבערגעפירט געווארן קיין בוסק. בראש פון קרייז איז געשטאנען „א קרייז־האופטמאן". כדי די דייטשן זאל זיין לייכטער קומען קיין וויסליץ האט מען די יידן פארפליכטעט מאכן א שאסיי קיין בוסק. אזוי איז געשאפן געווארן דער נייער שאסיי קיין בוסק דורך די וויסליצער יידן. יידן האבן געארבעט ביי מעליאראציע־ארבעטן אין די פעלדער ביים שטעטל. זיי האבן אויך געמאכט א נייעם וועג ביי דעם אזיערע „פליט" צי די בלאניעס ביים שטאט, וועלכע האבן געדינט אלס א דאמבע קעגן פארפלייצונגען.

אויך אין די גיטער פון די „פריצים" וואס זענען צוגענומען געווארן דורך די דייטשן ווי צ.ב. זלאטא, לאטאניץ, גארקי א.א.וו. זענען יידישע מיידלעך געשיקט געווארן צו לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט.

דער רעגולערער מסחר איז פולשטענדיק בטל געווארן. כמעט אלע, און נישט בלויז יידן, האבן זיך באשעפטיקט מיט אומלעגאלן מסחר אדער מיט קאנטראבאנדע. די קרעמערס האבן נישט געהאט די מעגלעכקייט באנייען זייער סטאק, נאכדעם ווי זיי האבן פארקויפט זייער סחורה, — עס איז פשוט נישט געווען ביי וועמען קויפן סחורה. גאנצע מסחר־צווייגן זענען ליקווידירט געווארן, ווי צ.ב. טעקסטיל, לעדער, שיך, קאנפעקציע. סחורות פון אויסלענדישער פראדוקציע זענען פארש־וונדן געווארן און קראמען האבן זיך צוגעמאכט. עס האט עקזיסטירט איין־איינציקע רעגירונגס קראם פון לעדער, און איינע פון טעקסטיל. אין די דאזיקע קראמען האט מען פארקויפט בלויז „פאר פונקטן" און דאס בלויז פאר די פויערים

וועלכע האבן אפגעגעבן די „קוואטעס" פון דער לאנדוויכטשאפטלכער פראדוקציע די דייטשע מאכט־ארגאנען.

די דייטשן האבן געעפנט א רעגירונגס־שפייכלער פון צוקער וואס איז איבערגעגעבן געווארן אין אייער, ס׳הייסט איין קילאגראם צוקער איז געגעבען געווארן אלס פארבייטונג מיט א קילאגראם אייער. יידן האבן געקויפט אייער פון די הענט פון די פויערים און האבן זיי איבערגעביטן אין צוקער־שפייכלער. דעם צוקער האבן זיי פארקויפט פאר געלט אדער אן אנדערע סחורה, אבער אויך דערצו איז געקומען א סוף. די דייטשן האבן פארווערט די יידן אויסצובייטן אייער אויף צוקער.

יידן האבן געקויפט ביי די דארפסלייט פארשידענע פראדוקטן, וואס זיי האבן געבראכט אין שטאט אריין. דאן האבן שוין די יידן נישט געטארט פארלאזן די שטאט. די יידן האבן פארקויפט די שפייז־פראדוקטן פראפעסיאנעלע שפייז־קאנטראבאנדיסטן, וועלכע פלעגן קומען יעדן אוונט פון ווארשא, קיעלץ און קראקא. זיי אליין האבן געבראכט מיט זיך פארשידענע סחורות ווי צ.ב. לעדער, טעקסטיל, קאנפעקציע, זאקן, טיי, קאפע, א.א.וו. און האבן דאס פארקויפט פאר געלט אדער סחורה. דערפון האבן זיך געשפייזט פיל יידן אין ווייסליץ.

יעדעס מאל איז דער דאזיקער מסחר געווארן אלץ שווערער. די דייטשן האבן אנגעהויבן זוכן ביי יידן נאך אויסבאהאלטענע סחורות. געהיים־פאליציי איז געקומען פון בוסק און האט געזוכט ביי יידן פון צייט צו צייט.

אין א געוויסער מאס איז געווען א ווירטשאפטלעכע צוזאמענארבעט צווישן די פאליאקן און יידן. יידן האבן אויסבאהאלטן פרשידענע סחורות ביי אנשטענדיקע פאליאקן. ביי פאליאקן זענען נישט פארגעקומען קיין זוכענישן נאך סחורות. דער סוף איז געווען, אז די דאזיקע פאליאקן זענען געבליבן די יורשים פון דער סחורה נאך דעם וואס די יידן זענען ארויסגעטריבן געווארן פון ווייסליץ. עס זענען אויך געווען אזעלכע פאליאקן, וואס האבן נישט געוואלט צוריקגעבן די יידן סחורה, וואס זיי האבן ביי זיי פארבאהאלטן, און עס זענען געווען אויך פאליאקן, וואס האבן געמסרט ביי דייטשן ווו יידן פארבאהאלטן זייער סחורה.

דאנערשטיק, דער מארק־טאג (אידער עס איז איבערגעביטן געווארן אויף שבת) האבן נאך יידן געקומען אין מארק אריין מיט א ביסל סחורה ווי צ.ב. קוך־כלים, גאלאנטעריע, שפייז־פראדוקטן. קיין וויכטיקע סחורה איז מער נישט געווען אויפן מארק. עס זענען געקומען יידישע שניידערס און שוסטערס, און האבן באשטעלט צו זיך אהיים די אנשטענדיקע גויים, וואס זיי האבן זיי געקענט און האבן זיי פארקויפט די נויטיקע סחורה.

עס איז געווען א כלל, אז יעדע סחורה האט מען געקאנט באקומען אבער נישט בלויז פאר געלט. די גויים האבן געדארפט ברענגען מיט זיך אויך פארשידענע

פראדוקטן ווי צ.ב. מעל, קארטאפל, גרויפן, באבעלעך, עופות, אייער, האלץ א.א.וו. עס האט עקזיסטירט א כשרע שחיטה אין שטעטל כמשך פון אלע אקופאציע־יארן. דער שוחט און די קצבים האבן זיך איינגעשטעלט ווען זיי זענען געגאנגען שעכטן א בהמה אדער א קאלב. מערסטנטייל האט מען געשאכטן אין א וועלכן שטאל און פאר דער דאזיקער סכנה האט מען גוט באצאלט דעם אייגנטימער פון שטאל. אזא ווירטשאפטלעך לעבן און אזא ארט פון מסחר האבן געדויערט ביז די יידן זענען ארויסגעטריבן געווארן פון ווייסליץ.

די יידן איז פארווערט בלייבן אויסער זייערע הייזער נאך אכט א זייגער אוונט. זיי איז אויך פארווערט געווארן פארן אין באן, אבער וואס זאלן טון יידן, וואָס נויטיקן זיך אין פרנסה און ווילן אנקומען אין קראקא, קויפן א ביסל סחורה און פארדינען? די יידן פארן קיין אפאטאוויץ ביי דער ווייסל, אין מרחק פון 10 קילאמעטער און פון דארט מיט די שיפלאך, וואס פארן אין דער ריכטונג ליניע־נאווי־קארטשין — קראקא און די מערהייט פון זייערע פארער זענען יידן. אזא לאגע האט געדויערט במשך פון גאנץ 1940 ביז עס איז פארעפנטלעך געווארן א גזירה וואס פארווערט די יידן פארלאזן זייער וווינארט. אין יאר 1940 זענען געווען אין ווייסליץ 2200 יידן.

אין פעברואר 1941 האט די קהילה באקומען פון „קרייז־האופטמאן" אין בוסק אַ באפעל זיך פארבערייטען אויפנעמען 150 משפחות, וואס זענען ארויסגעטריבן געווארן פון פלאצק. פלאצק איז ארייגעשלאסן געווארן אין דייטשן רייך. און די דייטשן האבן געוואלט פטור ווערן פון די יידן. און אויסער זיי האט די קהילה באקומען אבאפעל אויפנעמען אויך 50 משפחות וואס זענען ארויסגעטריבן געווארן פון ראדאם. ראדאם איז פארוואנדלט געווארן אין דער הויפט־שטאט פון דעם גאנצן גענערנאמענט און די דייטשן האבן געוואלט פון איר ארויסטרייבן א ביסל יידן. אלע זענען געקומען נאקעט אן קיין שום מיטלען. עס זענען געווען נויטיק פאר זיי זאכן און א דאך איבערן קאפ. צו אזא גרויסע צאל פון פליטים איז די קהילה נישט געווען פארבערייטעט. ראשית כל האט מען געדארפט פארבערייטן וווינער־טער. די לאגע אויפן געביט פון וווינונגען איז געווען ממילא א גאר שווערע. מען האט אויך געדארפט שאפן א גרויסע עפנטלעכע קיך פאר די פליטים און אויך פאר די ארטיקע ארימעלייט.

צוליבן זארג איינארדענען די פליטים, האבן זיך צונויפגעזאמלט ביים ראש הקהל יוסף פלאום, די נכבדים פון שטעטל און האבן באשלאסן גרינדן א „געזעל־שאפטלעכן הילפס־קאמיטעט", וואס זאל בייהילפיק זיין, דער קהילה אין ערטיילן הילף די נויטבאדערפטיקע. אין קאמיטעט זענען אויסגעוויילט געווארן יוסף פלאום, הנוך שוואגער, אלימלך קאזימירסקי, וואלף בארנשטיין, ישראל בוכמאן, איטשע אסטראוויץ, יוסף באום, דוד אבאזשנסקי און נאך. אייניקע חברים פון „געזעלשאפט־

לעכן הילפס־קאמיטעט“ אין דער שפּיץ פון וועלכן עס איז געשטאנען הנוך שוואגער. זיי זענען געפארן אין די פּוילישע „פריצישע“ גיטער אין דער אומגעבונג און האבן ביי זיי געבעטן הילף און פארשידענע שפּייז ארטיקלען, וועלכע זענען אין יענער צייט געווען וויכטיקער פון געלט. די ערשטע טעטיקייטן אין דער דאזיקער ריכטונג זענען געלונגען. די „פריצים“ האבן געשפּענדעט א גרויסע צאל שפּייז־פּראדוקטן ווי צ.ב. קארטאפל, גרויפּן, באבעלעך ווי אויך האלץ צום הייצן. אין הויז פון ר׳ איציק (יוזיפּס) יאשקאוויטש אויף פּילסודסקי גאס, איז אויפגעבויט געווארן א גרויסע קיך, כדי פונאנדערטיילן עטלעכע הונדערטווארעמע מיטאגן א טאג. אזוי ווי אנפירן מיט דער קיך און דער פאנאנדערטיילונג פון די שפּייז און די מיטאגן איז געווען פארבונדן מיט פיזישער אנשטרענגונג, האט באשלאסן דער געזעלשאפטלעכער קאמיטעט פאר הילף, גרינדן א צווייטן קאמיטעט אונטערן נאמען „יוגנט הילפס־קאמיטעט“, וואס זאל זיי בייהילפיק זיין אין דער ארבעט, וואס איז געווען פארבונדן מיט דער לייטונג פון דער געזעלשאפטלעכער קיך און אלע אנדערע נויטיקע טעטיקייטן. אין יענער תקופה איז טאקע געווען גאר געוואונשן משתתף צו זיין די יוגנט אין דער ארבעט לטובת די פּליטים. די יוגנט האט זיך פרייוויליק מאביליזירט צו דער הילפס־ארבעט און צו די ארבעטן אין דער געזעלשאפטלעכער קיך. עס זענען ארגאניזירט געווארן טעגלעכע דיזשורן פון יוגנט אין קיך בעת דער צוגרייטונג און דאס ארויסגעבן די ווארעמע מיטאגן.

די קהילה האט אנגעהויבן קאנפיסקירן דירות פאר די פּליטים פון פּלאצק און ראדאם. די קהילה האט באשלאסן אז אלע פּליטים פון פּלאצק וועלן באקומען פּריוואטע צימערן און יעדער איינער, וואס האט געהאט א גרויסע וווינונג מוז שטעלן צו זייער דיספּאזיציע איין צימער. דאקעגן אלע פּליטים פון ראדאם זענען אריינגעזעצט געווארן אין גרויסן בית־המדרש וועלכער איז געשטאנען ליידיק ווייל מען האט מורא געהאט פאר די דייטשן דארט צו דאווענען. די יידן פון ווייסליץ האבן דיין געדאווענט אין פּריוואטע מנינים. אין בית המדרש האט מען ספּעציעל אוועקגעשטעלט בעטן אין צוויי שטאק פאר די ראדאמער פּליטים און אזוי האבן זיי זיך דארט איינגעארדנט און האבן געוווינט משפּחות לעבן משפּחות. די ראדאמער יידן זענען געווען קראנקע און ארימע. די קהילה האט זיך שטארק פארארעמט צוליב דער גרויסער צאל נויטבאדערפטיקע, וואס האבן זיך גענויטיקט אין הילף. אין יאר 1941 האט די יידישע באפעלקערונג אין ווייסליץ געציילט 2052 יידן.

אין פרילינג 1941 איז אין ווייסליץ געגרינדעט געווארן אן אפּטיילונג פון „יידישן געזעלשאפטלעכן הילפס־קאמיטעט Zydowska Samopomoc Społeczne דאס אין געווען אן אלגעמיינער לאנדעס־קאמיטעט פאר סאציאלע הילף בראש פון וועלכן עס איז געשטאנען ד״ר מיכאל ווייכערט. צום ארטיקן קאמיטעט האבן

געהערט אברהם אסטראוויץ (פארזיצער), משה פלאום און בארנשטיין. לויט די אנווייזונגען פון קרייז־קאמיטעט פון יידישן „געזעל. הילפס־קאמיטעט" אין בוסק איז פאר דער דאזיקער סכנה האט מען גוט באצאלט דעם אייגנטימער פון שטאל. דאס דיגעזעלשאפטלעכע קיך אין וויסליץ אריבערגעפירט געווארן אונטערן אויפזיכט פון „יידישן געזעל הילפס־קאמיטעט". צוליב חילוקי דעות צווישן „יידישן הילפס־קאמיטעט" און „יוגנט הילפס קאמיטעט" איז נאך א בשותפותדיקער און גאר שטורמישער זיצונג וועגן אופן פון דער לייטונג מיט דער געזעלשאפטלעכער קיך און אנדערע סאציאלע ענינים, האבן דעמיסיאנירט די מיטגלידער פון „יוגנט הילפס קאמיטעט" און עס איז אויסגעוויילט געווארן א נייער קאמיטעט, צונויפגעשטעלט פון מענטשן, וואס דער „יידישער געזעלשאפטליכער הילפס־קאמיטעט" האט זיי רעקאמענדירט.

זומער 1941 האט די קהילה ארגאניזירט לויטן באפעל פון „קרייז האופטמאן" אין בוסק א „יידישע מיליץ" צו דער הילף פון דער קהילה. אויף דער זיצונג פון קרייז־קאמיטעט פון די יידישע קהילות אין בוסק האט געפאדערט דער פארזיצער פון דאזיקן קאמיטעט, ה' יוסף טאפיאל, א באקאנטער ציוניסטישער עסקן, דער אייגנטימער פון דער „טאפיאל־דרוקעריי", — נאמינירן אלס חברים אין דער „יידישער מיליץ" אנשטענדיקע בחורים, קינדער פון שטאטישע נכבדים, וועלכע זאלן טריי ארבעטן און זאלן נישט נכשל ווערן אין זייער אויפגאבע. די קהילה אין וויסליץ האט געפונען פאר נויטיק רעקאמאנדירן די מאכט־ארגאנען די חברים פון פריערדיקן „יוגנט הילפס קאמיטעט", וועלכע האבן דעמיסיאנירט פון זייערע אמטן.

די וויסליצער קהילה איז אריינגעטראטן אין א גאר שווערע תקופה. עס איז נישט געווען גענוג קאנפיסקירן דירות פאר די פליטים, נאר מען האט אויך געדארפט שטארק אכטונג געבן אויף דער ריינקייט און ספעציעל אין גרויסן בית המדרש. דאס אויפמאנען דעם קהילה־שטייער ביי די פארמעגלעכע מענטשן איז געווען גאר שווער. די לאגע האט זיך שטארק פארערגערט. די צאל געבערס איז געווארן וויניקער. דאקעגן איז גרעסער געווארן די צאל פון די יעניקע, וואס האבן געפאדערט הילף. די קהילה־קאסע איז אויסגעליידיקט געווארן און ספעציעל האט געפעלט דער נויטיקער בודזשעט פאר דער הילף פון די ארטיקע נויטבאדערפטיקע ווי אויך פאר די פליטים. די דייטשן האבן געפאדערט פון דער קהילה פארשידענע מאטעריאלן און געלט. מ'האט געמוזט איבערגעבן די דייטשן סחורות, וואס מען האט נישט געקאנט באקומען ווי צ.ב. טעקסטיל, לעדער, טיי, קאווע, טאאלעט־זייף, שארפע געטראנקען, צירונג א.א.וו. די יידישע פרנסה־קוואלן זענען אויסגעשעפט געווארן. דער גרעסטער טייל קראמען האבן זיך פארמאכט — א זאך, וואס האט געמאכט א טרויעריקן איינדרוק. משפחות האבן געהונגערט. עס איז געווען פארווערט ארויסגיין אין די דערפער ברענגען שפייז־פראדוקטן. דער, וואס האט פארלאזן די שטאט האט געשטעלט זיין לעבן אין געפאר.

עס איז געווען א פאל אין הארבסט 1941 ווען ביי דער גרויסער בריק אויפן טייך בידא, נישט ווייט פון טארטאק פון די ברידער האפענבערג, איז דערמארדעט געווארן דורך די דייטשען מיט שיסערייען די טאכטער פון ישראל אמבער. דאס איז געווען ווען זי איז געגאנגען פון דארף קאניעצמאסטי, א זאך וואס איז געווען די יידן פארווערט.

אין הארבסט 1941 האט באזוכט אין ווייסליץ א דעלעגאציע פון קרייז־קאמיטעט פון „יידישן הילפס־קאמיטעט" אין בוסק אין צוזאמענשטעל פון דער ארצטין ד"ר גאלדשמידט, ד"ר נאדעל און לייב פרייס וועלנדיק זען פון דער נאנט דעם פארנעם פון דער הילף וואס מען דארף ערטיילן די נויטבאדערפטיקע און די פליטים.

ווינטער 1941 האבן די דייטשן קאנפיסקירט אלע פוטער־מאנטלען ביי די יידן טענהדיק, אז די דאזיקע זענען נויטיק פאר זייערע זעלנער אויפן מזרח־פראנט. יעדן טאג אינדערפרי פלעגן זיך די יידישע צוואנגס־ארבעטער קומען אויף דער ציילונג איידער זיי זענען ארויס צו דער ארבעט, ביים שטוב פון ראש הקהל אין צענטראלן פלאץ. יעדער ארבעטער האט באקומען א פארציע ברויט אויף אן ארבעטס־טאג. די קהילה האט געמוזט ליפערן מעל צו באקן ברויט דער אינציקער יידישער בעקעריי אין שטאט פון יעקב מעלער וועלכע האט געבאקט ברויט מיט דער דערלויבעניש פון די מאכט־ארגאנען.

צוליב דער ענגשאפט אין דירות און די שוועריקייטן באקומען דעזינפאקציע־מאטעריאלן און זייף, האט אויסגעבראכן אין שטאט א טיפוס־מגיפה אלס רעזולטאט פון וועלכער עס זענען געפאלן פיל קרבנות. צווישן אנדערע איז דאן געשטארבן דער רבי ר' מאירל הארוויץ זצ"ל. די פירער פון דער קהילה האבן געמאכט גרויסע אנשטרענגונגען ביי די דייטשע מאכט־ארגאנען זיי זאלן דערלויבן באגראבן דעם רבי'ן ר' מאירל ביי דעם „אוהל" פון זיין פאטער הרה"צ, ר' ישראל הארוויץ זצ"ל, אויפן אלטן בית עולם. די מאכט־ארגאנען האבן נישט דערלויבט און ביים סוף האט מען אים באגראבן אויפן נייעם בית עולם.

ביים גרינדן די באנק האבן מיר אפילו נישט געקאנט זיך פארשטעלן אז מיר וועלן האבן די מעגלעכקייט צו העלפן אזא גרויסע צאל מיטגלידער. וואס אנבעלאנגט דער אינקאסע זענען אנפאנגס געווען געוויסע שוועריקייטן פון טעכנישן שטאנדפונקט, אבער מיט דער צייט האבן מיר אויך דערצו געפונען א לייזונג. מיר האבן זיך באמיט מיט אלע כוחות אז די וועקסלען זאלן נישט פראטעסטירט ווערן. מיר האבן מיטגעטיילט אלע באנק אינסטיטוציעס אז מיר דערליידיקן פינקטלעך אלע אינקאסעס. מיר האבן זיך באמיט צו שאפן פארבינדונגען מיט אלע גרויסע בענק און אין דאזיקן פאל האט אונדז ווידער פיל געהאלפן הענוך שוואגער וועלכער האט זעלבסט מיטגעארבעט מיט פיל גרויסע בענק און האט אויך געהאט א ברייטע קאנטשאפט. די פאלקס־באנק וואס איז געווען איינגעשלאסן אין דער צענטראלע האט זאלבסטפארשטענדלעך געשיקט צו אונדז די אינקאסעס. גאר פיל, פיליכט אין א גרויסער מאס, האט אונדז מיטגעהאלפן באקומען כמעט 98% פון די אינקאסעס, ווייל מיר האבן זיך באמיט איינקאסירן די וועקסלען פינקטלעך און דעריבער האבן מיר באקומען א נאמען אלס ראיעלע באנק. דאס איז אבער אונדז נישט אנגעקומען אזוי לייכט. די מערהייט האט אויס־געשטעלט די וועקסלען אויפן מארק־טאג (דאנערשטיק) און אז דער מארק איז נישט פארגעקומען האט די באנק געמוזט אויפהאלטן ביי זיך דעם וועקסל עטלעכע טעג. מיר ווידער, פון אונדזער זייט, האבן דאך געוואלט פינקטלעך דערליידיקן אלץ, כדי מיר זאלן האבן א גוטן נאמען פון נישט אויפהערן שיקן די אינקאסא, אבער גיי און לאז פראטעסטירן א וועקסל פון א באקאנטן יידן. מיר האבן דערפון שטארק געליטן אבער גלייכצייטיק זיך באמיט מיט אלע מעגלעכקייטן, וואס זענען געשטאנען צו אונדזער דיספאזיציע, אז מיר זאלן די וועקסלען נישט פראטעסטירן. אין פיל פאלן האבן מיר באצאלט די וועקסלען, אז דער אינטערעסאנט זאל פון דעם נישט וויסן זאגנדיק אים, אז מיר האלטן אויף דאס וועקסל אויסנאמס ווייזע עטלעכע טעג און ווען נאך גרויס מאטערניש האט ער אונדז באצאלט האבן מיר שוין פון לאנג געהאט ארויסגעשיקט דאס געלט. מיר האבן געהאט פון א זעלכע מעשהס א שפאר ביסל עגמת נפש אבער די באנק האט געהאט א שיינע פראוויזיע פון די אינקאסעס און מיר האבן אויך געהאט א סאטיספאקציע וויסנדיק, אז דעם עולם איז פיל לייכטער און באקוועמער צאלן זיינע וועקסלען אין באנק.

פון די ווינקולאציע אפעראציעס האבן שוין נישט גענאסן אזויפיל מענטשן ווי פון די אויבן דערמאנטע באנק־אפעראציעס, אבער פאר די פארשידענע

סוחרים, וואס זענען געווען פאראינטערעסירט אין דעם, איז עס געווען פון א גאר גרויסער וויכטיקייט, איבערהויפט פאר די קוילן און זאלץ סוחרים. איידער אונדזער באנק איז געשאפן געווארן האבן די סוחרים באקומענדיק א מעלדונג וועגן אנקום א טראנספארט פאר זיי, געווען געצוווּנגען צו פארן צו דער נאנסטער באנק — קיין קיעלץ, כדי אויסצוקויפן די סחורה און בשעת מעשה גוט „צעבראכן דעם קאפ" ביז מען זיך געקאנט שאפן דאס נויטיקע געלט. ביי אונדז דאקעגן, אזוי ווי דער אינטערעסירטער האט זיך דערוווּסט, אז די סחורה איז אנגעקומען איז ער געקומען צו אונדז אין באנק, נאטירלעך אן געלט, — ער האט נאר געמוזט געבן א גוואראנציע, — און מיר האבן אים געגעבן אין פראכט, אזוי אז אין די מערסטע פאלן, איבערהויפט אין סעזאן, האבן די סוחרים פאר דעם געלייזטן געלט אונדז באצאלט. עס האבן זאגאר געווען פאלן, אז עס האט געדויערט עטלעכע טעג ביז דער סוחר האט געהאט דאס גאנצע געלט, האט ער אונדז איינגעצאלט א טייל געלט. מיר האבן אוועקגעשיקט דעם גאנצן בייטראג פאר דער ווינקולאציע און מיט דער רעשט געלט האבן מיר דעם סוחר צוגעווארט עטלעכע טעג אזוי אז די אלע פערזאנען, וואס זענען געווען אינטערעסירט אין ווינקולאציעס האבן זיך ממש געשפירט גליקלעך זייט זיי האבן אנגעהויבן צו דערליידיקן די אפעראציע מיט אונדזער באנק.

נאך א געוויסער צייט פון פירן די באנק, האט די צענטראלע אין ווארשע געשיקט צו אונדז א קאנטראלער אין דער פערזאן פון ד"ר חיים שאשקעס ז"ל. ער האט זיך איבערצייגט, אז די באנק פירט זיך אין בעסטן ארדנונג און מיר האבן וועגן דעם אויך באקומען א באשטעטיקונג פון דער צענטראלע. מיר האבן דערהאלטן א וועגדונג פון דער צענטראלע, אז מיר זאלן איינפירן ביי זיך אין באנק א שפאר־קאסע פאר קינדער און אנשטאט צאלן זיי צינזן זאל איין מאל אין יאר פארקומען א לאטעריע. דער נומער, וואס האט זוכה געווען פון גורל האט באקומען אויסגעצאלט 400 זלאטעס. דאס איז ביי אונדז געווארן גאר פאפולער.

די צענטראלע האט אונדז אנגעהויבן אריינשיקן א חודש־זשורנאל וועלכער איז דורך איר ארויסגעגעבן געווארן. אין איינעם פון די נומערן פון זשורנאל האט זיך די צענטראלע געווענדעט צו אלע אפטיילונגען מיט א ביטע זיי זאלן זיך באמיהען פארשטארקן די שפאר־אפטיילונג פאר קינדער און אלס מוסטער האט זי געבראכט די וויסליצער פאלקס־באנק, וועלכע זיי האבן געלויבט ממש ביזן הימל אריין. די באנק האט זיך כסדר אנטוויקלט און האט געהאט א גוטן נאמען נישט האבנדיק זיך וואס צו פארשעמען פאר די גרויסע בענק.

אין 1930 האב איך פארלאזט וויסליץ. מיין שוועסטערס זון, קלמן חרמץ, וועלכער האט פריער געארבעט אין דער ניישטעטער פאלקס־באנק האט מיך פארטראטן און מיין פריינט, משה אפלבלאט האט פארגעזעצט זיין ארבעט ביז ער האט פארלאזט פוילן און עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

קלמן אייזנבערג

אידישער אמאטאָרן קרייז

אין יאר 1918, ווען כ׳האב געלערנט ביים פרומען בעריש אין בית המדרש, האט מען אויפגעפירט די פיעסע „דער יידישער קעניג ליר" אויפן ערשטן שטאק אין הויז פון אהרן זאלצמאן. עס האבן זיך באטייליקט: מיכאל זאלצמאן פון קאנייצמאסטי אין קילאמעטער פון שטעטל, צוויי ברידער פון דארף זלאטע ווי אויך ישראלקע נאזשיצע, יאסקע פלאום, אפרים פלאום, שולע קאמענאזש, הערש בער נוסבוים א. א. די מענער האבן געשפילט אויך אלס פרויען (אלס פרוי האט געשפילט מיכאל זאלצמאן) ווייל דאס שפילן פון מענער מיט פרויען צוזאמען האט אין יענער צייט אויסגעזען צו זיין א גרויסע עבירה.

דער ציל פון די פארשטעלונגען איז געווען זאמלען געלט פאר „לינת הצדק" און „מעות חטין".

קומענדיק צוריק אין שטעטל אין יאר 1925 האב איך געפונען א ביבליאטעק — אנגעפירט דורך די חברים: מאיר נאזשיצע (פרעזעס), שלום האפענבערג (סעקרעטאר) און מיט דער באטייליקונג פון אלטעלע בלום (איצט אין ישראל), מנשה ראזענטרויב, חיים האפענבערג, שאול צוקערמאן, ישראלקע נאזשיצע, ליפע זילבערשטיין (איצט אין אמעריקע), איטשע אסטראוויץ און אלטעלע שוואגער (איצט אין ישראל); מען האט דאן אויפגעפירט די פיעסע „דער שדכן". דער אנפירער איז געווען לייבל בלום, אלטעלע׳ס ברודער. געשפילט האט מען אין דער פריש אויפגעשטעלטער סטיינע פון לאזאר באום.

דער גורל האט געוואלט, אז זייענדיק אין ווארשע האב איך קענען געלערנט דעם באוווסטן ארטיסט נח פאדאלסקי (זיין אמתער נאמען איז געווען נח פאטשעבא), וועלכער האט געשפילט אין קאמינסקי׳ס וואנדער־טרופע. ה׳ פאדאלסקי איז געקומען קיין ווייסליץ צוזאמען מיט זיין פרוי, א ווייסליצער. מיר האבן באשלאסן שפילן טעאטער. פאדאלסקי האט באקומען באצאלט פאר זיין ארבעט און דאס געלד וואס איז פארבליבן האבן מיר געגעבן אויף ק.ק.ל. די הויפט־ראלן אין דער פארשטעלונג האבן דערפילט: די שוועסטער ראניא און מאניע זאכין, ווי אויך פריידע־ליבע שטענדער. אויך מיין שוועסטער, טאניא אייזנבערג. עס האבן זיך אויך באטייליקט קלמן אייזנבערג (אלס סופליאר), מענדל אסטראוויץ, ישראל

בערגפריינד, זלמן טוכמייער, ליפא זילבערשטיין, די ברידער משה און יאסקע פלאום, פייטשע ראיי (וועלכע געפינם זיך היינט אין אמעריקע). מיר האבן געשפילט די פיעסע „דער ישיבה בחור" אין מחסן פון יענקל סטאליער. די פארשטעלונג האט געהאט דעם גרעסטן דערפאלג. אין צוויי וואכן ארום איז אפגעברענט געווארן דער מחסן אין וועלכן עס האט זיך געפינען די סטאלעריי ווי מיר האבן געשפילט. אין די קעגנער פון די טעאטער־פארשטעלונג האבן אין איר דעם געזען אן „עונש מן השמים". נישט געקוקט דערויף האבן מיר מיט דריי וואכן שפעטער אויפגעפירט די „רומענישע חתונה" אין דער זעלבער סטאלעריי, וועלכע איז געווארן פריש איינגעריכטעט, נאך מיט א גרעסערן דערפאלג ווי די פריערדיקע פארשטעלונג. עס זענען געקומען צו אונדז פיל געסט פון בוסק, דזיאלאשיץ, ניישטאט (נאווי קארטשין), קאזמירז' און פון אלע ארומיקע דערפער און דערפלעך אין וועלכע עס האט זיך בלויז געפונען א יידישע משפחה. אויך פון סטופניץ זענען געקומען געסט אויף דער פארשטעלונג און לויט זייער איניציאטיוו האבן מיר מיט 8 טעג שפעטער אויפגעפירט „די רומענישע חתונה" אויך אין סטופניץ מיט גרויס דערפאלג.

אין א מאנאט שפעטער האבן מיר אויפגעפירט די פיעסע „עקדת יצחק" פון גאלדפאדען. דאס מאל איז די פארשטעלונג פארגעקומען אין דער פלעבאניע פון דער וויסליצער קירכע, אין וועלכער דער כאר פון דער קירכע פלעגט מאכן זיינע פארבערייטונגען. די דאזיקע פיעסע איז דורך אונדז שפעטער אויפגעפירט געווארן אין סטופניץ.

דער שרייבער פון די דאזיקע שורות האט אויפגעפירט צוויי ראלעס: „לוט דער שיכור" און „יצחקל".

איין מאל, לערנענדיק זיך צוזאמען מיט פאדאלסקין רעפעטירנדיק מיינע ראלן, האבן מיר געזעסן אונטערן גדר פון בית עלמין און פלוצלונג דערהערט א געשריי „איך וועל דיך נישט לאזן לעבן". מיר האבן זיך אויפגעשטעלט און אריבערקוקנדיק איבערן גדר האבן מיר געזען שטיין א פרוי מיט א צוגעדעקט געזיכט און שרייט:
— „וואס מיינסטו: ביסט אוועקגעגאנגען פון אונדז און עס גייט דיך גארנישט אן וואס עס טוט זיך אין שטוב? איך וועל דיך נישט לאזן לעבן. ס'ערשטע, זיי וויסן, אז די קו האלט זיך ביים קעלבן — זאלסט זיך מטריח זיין און זען אויספועלן, אז אלץ זאל אדורך בשלום; און צווייטנס, צירל איז אוועק קיין פינטשעוו און איך האב פון איר נישט קיין גוטע נאכריכטן. איך זאג דיר, אז אויב דו וועסט מיר נישט דערליידיקן וואס איך בעט, קאנסטו זיין זיכער, אז כ'וועל דיר נישט לאזן לעבן. כ'וואלט נאך אביסל גערעדט מיט דיר, נאר אין שטוב איז קיינער נישטא און מען דארף שוין אויסמעלקן די קו. כ'האב פארגעסן אויך דיר צו זאגן, אז מאכל וויל נישט גיין אין חדר נאר לויפט יעדן אינדערפרי צוזאמען מיט דער קו אויף די

בלאַניעס מיט די שקצים, אַז כ׳האָב שוין נישט קיין כּוח. דו מוזט מיר העלפן. זיי געזונט און איך האָף, אַז דו וועסט זיך באַמיהען אַלץ צו דערליידיקן״.

מיר האָבן זיך שטיל צוגעהערט צו די דאָזיקע רייד און מיר האָבן ווייטער רעפּעטירט.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן מיר אויפגעפירט די פּיעסע: „„מיר פייפן אויפן קריזיס״. דאָס איז געווען אַ צעזאַמענגעשטעלטע פּיעסע פון גראַבסקי׳ס תּקופה, וועלכע האָט גורם געווען צום גרעסטן עקאָנאָמישן קריזיס אין פּוילן. געשפּילט האָט מען די פּיעסע אין הויף פון אהרן זאַלצמאַן. עס איז געווען אַ גרויסער דאַך איבערן הויף און פאַר דאָס איבריקע האָט דעמאָלט שוין געזאָרגט יחיאל האַפּענבערג ז״ל, וועלכער האָט גאַנץ אַקטיוו געזאָרגט פאַר אונדז מיט ברעטער פון זייער טאַרטאַק. ס׳האָבן אָנטייל גענומען: נח פּאַדאַלסקי, די ברידער אייזנבערג, יחזקאל אַסטראָוויץ, די שוועסטער זאַכן און שמואל זיידנער (סופליאָר) און נאָך חברים און חברטעס פון אונדזער אַזוי גערופענע „אַמאַטאָרן גרופּע״. (עס דערמאָנט זיך ס׳ווערטל פון גראַבסקי׳ס צייטן: ווען גראַבסקי׳ס מענטשן זענען געקומען נעמען שטייערן און דער אייגנטימער האָט געלאַכט, זענען זיי באַלד אַוועק מיט גאַרנישט, ווייל זיי האָבן שוין געוווסט, אַז ער לאַכט פון זיי. ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו נעמען. נאָר טאָמער פלעגט דער אייגנטינער אָנהויבן קרעכצן אָדער וויינען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער וועט וויינען און צאָלן).

אין אַ געוויסער צייט שפּעטער האָבן מיר אויך אויפגעפירט „דאָס חופּה קלייד״ אויך אין דער אויבנדערמאַנטע פלעבאַניע און מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אויבן דערמאַנטע אַמאַטאָרן. מיין ברודער אלתּר אייזנבערג, האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע. אין אַ יאָר שפּעטער האָבן מיר אויפגעפירט דעם „דיבוק״ שוין צוריק אין דער סטאָלעריי פון יענקל סטאָליאַר. מיר האָבן דאַן אויך אויפגעפירט „בר כוכבא״, „די רומענישע חתונה״, און „דאָס חופּה־קלייד״. „די רומענישע חתונה״ און „דאָס חופּה־קלייד״ איז געשריבן דורך קאַלמאַנאָוויטש, „דער ישיבה בחור״, „עקדת יצחק״ און „בר־כוכבא״ איז פון אברהם גאָלדפאַדען. דער „דיבוק״ פון ש. אַנסקי און „מען פייפט אויפן קריזיס״ איז געווען געשריבן דורכן „טונקעלער״ און איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך זישע כץ און חנה גאָלדבערג־ראָטמאַן.

איך האָב דאַן פאַרלאָזט אונדזער שטעטל און באַזונדיק דאָרט זומער ביי מיינע עלטערן האָב איך באַוויזן צו זען אַן אויפגעפירטע פּיעסע „איציקל גנב״ אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מיין ברודער אלתּר. די הויפּט־ראָלן האָבן דערפילט אייניקע פון מיינע חברים און חברטעס.

דמויות

יהי חלקי עמכם

יהי חלקי עמכם, ענווי עולם, אלמי נפש,
רקמי חייהם בסתר, צנועי הגות ועלילה,
חלמים נעלמים, ממעטי דברים ומרבי תפארת;
גנוזה חמדת רוחכם בתוככם כפנינה בקרקע ימים,
וסגולותיכם, כגרגרי יער, בחביון צללים תפרינה.
לבבכם — היכל הקודש, ושפתיכם — שעריו הסגורים,
שועים — ולא הגד לכם, נגידי רוח — ובל ידעתם,
אמני השתיקה היפה וכהני דממת אלהים.

ח. נ. ביאליק

לדמותו של הרב הצדיק
ר׳ משה דוד לידא זצ״ל

העתק משער הספר קונטרס „יד־מאיר״ לספר „פענח רזא״ — מאת הרב מאיר הורביץ מקילץ תרפ״ח.

הרב מאיר הורוביץ מקילץ בהרה״צ יעקב יצחק הורוביץ בהרה״צ יוסף דוד הורוביץ בן לאותו צדיק הגה״ק רבי אברהם מרדכי זצ״ל מפינטשוב, ולמעלה בקודש... אמי מורתי החסידה מרת שרה רחל ע״ה היתה בת הצדיק ר׳ אריה ליבוש אבדק״ק ווייסליץ בהגה״ק ר׳ משה סטיניצער זצ״ל מז׳ליחוב וחתן הגה״ק איש אלקי ר׳ משה דוד לידא אבדק״ק ווייסליץ בעל מחבר ספר „מגדל־דוד״ נכד להגה״ק איש אלקי ר׳ דוד לידא אבדק״ק אמסטרדם.

...גדול קדשתו אין לשער ולספר, היה תלמיד מובהק להרה״צ אלימלך מליזע־נסק והרה״צ הרבי מלובלין והרה״ק ר׳ מרדכי מנעשכ׳יז זצ״ל וכולם סמכוהו להיות רבי ומנהיג. בספרו „מגדל־דוד״ סופר מעשה נורא:

פעם אחת בהיות הרה״צ ר׳ מאירל׳ מאפטא זצ״ל בלובלין, צווה לו רבינו הרבי מלובלין לקחת בה״פ ולנסוע הביתה וצוה עליו שיסע חזרה דרך ווייסליץ, ולפרוס (ברכת הפרידה) עבורו בשלום הרה״ק מוה״ר דוד מווייסליץ ולהגיד לו בשמו שהוא אוהב־ישראל. והרה״צ מהר״ם שם פעמיו תיכף לדרך, ובבואו לווייסליץ רץ בחפזון לביתו של ר׳ דוד צו דברי רבינו מלובלין נתלהבו בקרבו, ובא על מפתן הבית ולא השיגו בבית, ושאל לאמו היכן הוא הרב, והשיבה לו, שדרכו תמיד להתבודד א״ע בשעת התפלה „בקהל־שטוב״ אשר הוא בצד בית הכנסת הגדול, ומהר ורץ שמה והדלת היסב על צדה ודפק בקול גדול על הדלת, ואין קול ואין קשב, והלך חזרה לבית הרב, והגיד לאמו, ובקש ממנה להגיד לו האמת היכן הוא. ומענה בלשונה שבטח הוא שמה בחדר הנ״ל, כי דרכו תמיד להתפלל שמה וחזר ובא ודפק על הדלת ואין קול. ואזר כל כוחו ועלה על הסולם אשר עמד שם לפני החלון והציץ וראה שהרה״צ ר׳ דוד שוכב בפישוט ידים ורגלים, וכבוד הרה״צ מהר״ם הרים קולו וצווח ר׳ דוד! פריסת שלום מרבינו הקדוש מלובלין, ושמע אח״כ קול מצפצף כתינוק בן־יומו, וצווה הרה״צ מהר״ם לפתוח הדלת ע״י עושי־מלאכה, והלך לחדרו והגיד לו עוד הפעם הפ״ש, והשיב נחמתני...

מעשה שהיה כך היה דרכו בקודש היה תמיד להחזיק את עצמו כאחד הפחותים ובעמדו בתפלה, והתחיל לחשוב בגדלות הבורא ומיעוט ערכו התעלף, אך בשמעו מרבינו ה״צ הסימן שהוא אוהב־ישראל, שבה רוחו, ומזה תראו גדלות המחבר.

...הרבי מלובלין ציוה להרה״ג ר׳ יצחק מווארקא זצ״ל להיות בביתו של ר׳ דוד להשכיל בכל דרכיו ואמר ״ויהי דוד בכל דרכיו משכיל״. והיה בביתו שנה שלמה ולמדו ח״נ. וגם הרה״צ בעל ״מאור ושמש״ היה אצלו חצי שנה והמתיקו סודם יחדיו.

...ספר לי ידידי ר׳ יצחק בצלאל אבד״ק בוסק זצ״ל ששמע מזקינו החסיד ר׳ משה שמואל ז״ל:

פעם אחת צוה לקרא לבע״ג ואמר לו שמחר מוכרח להיות בסטאשוב. וכשבא לסטאשוב באו לפניו אנשים בבכי גדול באשר אתמול היתה חופה ועזבו הכלה לבדה לזמן מועט נשתנה מרא״י ומדברת דברים בלתי מובנים ויען אותם שנתדבק בה רו״ר ר״ל, ויצו לקראותה לפניו, וברכה ושבה לאיתנה כמקודם.

...סיפר לי הרה״צ ר׳ ראובן אבד״ק אז׳רוב שליטא, ששמע מזקן אחד מווייסליץ שהכיר עוד את ר׳ דוד ז״ל. שסיפר לו השמש של ר׳ דוד שפ״א צוותו ר׳ דוד בלילה שידליק עששית וילך מחוץ לעיר מחמת שמונח שם איש יהודי בשלג והוא סכ״נ, והלך השמש והצילו והוליכו לביתו.

עוד סיפרה לי אמא ע״ה שבכל לילה ולילה קודם, שהלכו לישון, ציוה ר׳ דוד לחפש אם יש מעות בבית וחלקם לצדקה, וכאשר לא היה באפשרות עוד לנתנם לצדקה פתח החלון ופזרם לרוח, ומעולם לא לן בתוך ביתו אפילו פרוטה אחת.

שמעתי מפי חסידים אנשי נאמנים שבעת תפילתו עבר הרופא, אמר שלא מן המציאות, שאחר קולות כאלה לחיות עוד, והוא לא מגדר אנושי.

בעת היותו בן ס״ח שנה נסע למדינת אונגארין לעיר אלטנדורף. והנה בעיר הנ״ל נפטר זה יותר ממאה שנה, קדוש אחד ונקבר שם. והלך הרבי ר׳ משה דוד על הבית — החיים דשם והוטב בעיניו להקבר אצל הצדיק הנ״ל. ובקש מחברה קדישא שימכרו לו המקום הפנוי אצל קבר הצדיק הנ״ל. אבל הם באחת שלא יוכלו למכור את הקרקע הנ״ל. מפני שהצדיק הניח צוואה שלא יניחו אצלו שום אדם. אז השיב להם; תדעו שאני הנני נכד הב״ח זצ״ל, וכששמעו זאת נזכרו בהסימן שהניח הצדיק הנ״ל בהפנקס. ושאלו אותו על שמו; וכאשר אמר שמו ושם עירו אמרו לו אם כן מגיע לכם הקרקע וזו ע״פ הדין. ומעשה שהיה כך היה.

הקדוש הנ״ל קודם פטירתו צווה לא יניחו שום אדם אצלו. רק לימים יבואו, יבוא איש אחד ויאמר שרוצה לקנות קרקע, וכלא רצו למכרו יאמר להם שהוא נכד הב״ח ואז תשאלו אותו שמו ושם עירו. וכשיהיה שמו ר׳ דוד לידא מעיר ווייסליץ, תדעו שהוא הוא לו מגיע הקרקע ע״כ מכרו את אדמתם. אח״כ הלך על האכסניה שלו ואמר להם שבא לכאן כדי להסתלק בפה ולא יפחדו מאומה בשביל זה. ונסתלק בשם ביום ט׳ באב שנת תקפ״ח לפ״ק — (1828).



הרב הצדיק ר׳ ישראל הורוביץ זצ״ל
רבה של ווייסליץ

הרב אלימלך הכהן שווארץ



הרב חיים שלמה הכהן שווארץ - רבה האחרון של העיר ווייסליץ

אבי, הרב חיים שלמה הכהן שווארץ, נולד בשנת תרמ״ה בעיירה בוגוריא (מחוז קיילץ) לאביו הרב יהודא הכהן שווארץ, הרב דמתא, מחבר הספר הנודע „לבוש יהודא״ על ד׳ חלקי שולחן ערוך. אביו הי׳ ידוע כלמדן עצום ופוסק גדול, שחיבר הרבה חידושי תורה, והי׳ חסידם המובהק של האדמו״רים ר׳ איזיקל מזידיטשוב, רבי חיים האלבערשטאם מצאנז ורבי יוסף ברוך המכונה „היהודי הטוב מניישטאט״ (בנו של ר׳ קלונימוס קלמן הלוי בעל „מאור ושמ״ש״ שדר בקראקא).

בגיל מוקדם הצטיין הנער חיים שלמה בכשרונותיו, ועלה במעלות התורה ויראת שמים. הדרכה ראשונה ניתנה לו בשני השטחים אצל אביו, הרב יהודא ישעיה הנ״ל. כשגדל הנער הרגיש דחיפה להשתלם בתורה ובחסידות בישיבה חסידית ורצה לקיים „הוה גולה למקום תורה״. הוא נדד לישיבת של פולין הקונגרסאית, לזו של הרבי מסוכאצ׳וב, בעל „אבני נזר״, ולזו של האדמו״ר מאוסטראווצא, רבי מאיר יחיאל הלוי. שנים אחדות למד בישיבות אלה וקיבל סמיכה לרבנות מהגאונים האמורים. מתמיד גדול הי׳, והיה מתייגע בלימוד התורה כשמונה עשרי שעות ביממה. ביחוד התאמץ להתמחות בהלכה ובהוראה ונעשה מומחה גדול בשטח זה, עד שנחשב לאחד מגדולי בעלי הוראה בסביבתו, והי׳ באים אליו בשאלות של הלכה. כשהיו פונים אליו בשאלות מסובכות ביותר היה בא בכתובים עם גדולי הדור ומקיים חליפת מכתבים אתם בשו״ת וכן בעניני ש״ס ופוסקים.

מכיוון, שהיה בן ונכד לכמה דורות של רבנים (סבא הרב ברוך יוסף הכהן שווארץ היה רב בעיר פלונטש, והגיע לשם מארץ הגר) ומצאצאי ה׳ „תוספות יו״ט״ ובעל הש״ך, התחיל ממשיך בדרך אבותיו והחליט להיות גם הוא — רב בישראל.

בהיותו כבן י״ט שנה נשא לאשה את בתו של החסיד והלמדן הרב חיים יוסף גרויספארשטאנד, מחסידי האדמו״ר מטשרטקוב, שו״ב ומוהל בעיר אפטא. הוא היה סמוך על שולחן החותן שנים אחדות, כמנהג הזמנים ההם, והוסיף להשתלם בש״ס ופוסקים, ראשונים ואחרונים, בהתכוננו לקבל כהונת רבנות.

כהונתו הראשונה כרב היתה בעיירה דנקיוו מחוז אסטראווצא. בזמן היותו רב בעיירה זו קיבל שימושו בבית דינו של רבו, האסטראווצאי הזקן, הרב ר׳ חיים שלמה נשאר חסיד אוסטראווצאי נלהב. הוא היה אז בן עשרים וכמה שנים.

לאחר ששימש ברבנות דענקיוו, ובבית דינו של הרב מאסטראווצא, שנים אחדות — נפטר עליו אביו, רבה של העיירה בוגוריה, הרב יהודא ישעי ההכהן, והבן נקרא, בהסכם כולם למלא מקום אביו ונהיה לרבה של בוגוריה. הוא הי׳ אז בן שלושים.

גם בעיירה בוגוריא כבדנקיוו נתחבב הרב חיים שלמה עד מהרה על כל בני המקום שראו בו ממלא מקום ההולם את קודמו. מלבד היותו גדול בתורה ובחסידות, באהבת ד׳ ובעבודתו, הצטיין גם כן במידות נפלאות. הוא הי׳ חנון ורחום, וביתו הי׳ פתוח לכל נצרך ולכל קשה לב. כל מי שהיה נתון בצרה פנה אל רב העיר, והוא עזר לכל אחד כמיטב יכלתו ולמעלה מיכלתו. לעתים הי׳ מחלק לצדקה הפרוטות האחרונות שבכיסו.

הרב חיים שלמה הכהן, רבה של באגריא, ישב על התורה והעבודה ועבר עם בני קהילתו זמנים קשים וסוערים, זמני מלחמת העולם הראשונה ורדיפות היהודים מצד הרוסים בעת ההיא זמני המלחמה הפולנית עם הבולשביקים וצרות האנטי־שמיות הפולנית. מכל אלה יצא בשלום.

בשנת תרפ״ד נקרא הרב חיים שלמה אחר כבוד לכהן כרב בקהילת ווייסליץ, עיירה גדולה מבאגריא, והוא קיבל את ההזמנה. הוא המשיך בניהול עניני הרבנות ברוב תבונה וכבוד והיה אהוב ומקובל על כל בני קהילתו. בווייסליץ נודע בית הרב לתהילה כבית ועד לחכמים, לחסידים ואנשי מעשה, והיה שם ימים כלילות לקרב את הרחוקים והקרובים...

בימי השואה: כשפרצה מלחמת העולם השנייה, היה הרב חיים שלמה נתון בדכאון נפשי קשה. שלא כאופטימיסטים רבים, שסברו, כי המלחמה תיגמר חיש מהר, ראה שחורות וחזה בחורבנה של יהדות פולין הממשמש ובא.

עם כניסתם של הגרמנים לווייסליץ אסרו מיד את הרב וכמה מנכבדי העיר, ובבית הכלא עינו אותו בעינויים קשים. לאחר ששילמו לרשעים דמי כופר נפש שוחררו הרב וטובי העיר והוחזרו לבתיהם. המאסר והעינויים זעזעו את הרב ושברו את רוחו.

אך רשעי הנאצים לא הסתפקו בזאת אלא הי׳ מוציאים את הרב פעם בפעם לרחובות העיר, היו מתעללים בו, מכים אותו ופוגעים בכבודו בזדון, בריש גלי.

לא היתה לו אפשרות לברוח מהמקום ואף לא רצה בכך, כי לא היה מסכים להיפרד, בעת צרה לישראל, מעל עדתו האהובה. בגזירת הנאצים אסור היה לאיש להתערב, או לעשות את עבודת הרב במקומו, וכל הממרה את פי הרשעים — אחת דינו למיתה. לכן התרה הרב, לבל יעיז אף אחד לעזור לו, והיה מקבל את כל היסורים באהבה. הסאדיסטים הנאצים היו נהנים ביותר בענותם רבנים ומנהיגים רוחניים של היהודים, ולכן לא חדלו מלהציק לו ומלמרר את חייו. אך הרב לא חדל מלהשגיח על בני קהילתו גם בימי הרעה, והיה משתדל שיעזרו זה לזה ומסרו נפשם על הצלת חיי יהודים.

בשמיני עצרת תש״ג. נחתם גזר דינה של קהלת ווייסליץ. שרידי בני העיר ורבם הובלו לטרבלינקה, ושם נשרפו בתאי הגזים, במסרם את נפשותיהם על קידוש השם.

צאצאיו ואחיו של הרב מווייסליץ:

בנו בכורו, הרב ישכר דוב הכהן שווארץ, היה רבה של בוגוריא, ומילא מקום אביו באותה קהילה, בשעה שהרב חיים שלמה נקרא להיות רבה של ווייסליץ. בעודו צעיר לימים למד אצל הרבי הזקן מאסטראווצא, וקיבל ממנו סמיכה להוראה. הוא היה למדן מובהק ופירסם חידושי תורה בירחונים תורניים שונים. בשנה האחרונה לפני המלחמה היה מזכירו של האדמו״ר הגאון האסטראווצאי האחרון רבי יחזקאל האלשטוק, והיה מסדר את חידושיו וכתביו של האסטראווצאי הזקן זצ״ל. הוא ניספה יחד עם אשתו וחמשת ילדיו על קידוש השם.

בתו רחל (ראכטשע), היתה אשתו של הרב הגאון אב״ד דעיר לוטאמירסק, הרב ירחמיאל וואלבראמסקי. אותו הרגו בגיטו לאדזש והיא עם שתי בנותיה הלכו לכלמנו בתאי הגזים.

בתו הצעירה מרים אסתר, היתה אשתו של הרב הגאון והעילוי משה אהרן רויך מירוסלב חסיד בלזאי ראש ישיבה בישיבת בלז שבעיירה מעליץ. הוא הי׳ עורכו של הירחון התורני בית מאיר שהופיע באסטראווצא. הם וילדיהם ניספו בתאי הגזים של בלז׳יץ.

בנו הבחור המצוין והמשכיל יצחק (יצחק׳ל) הי׳ למדן חכם ונבון בעל מידות תרומיות, הרוצחים הרגו אותו בעיר פראשאוויץ.

בנו לוי בחור ועילוי מצוין נחמד למראה וחכם מעתיק ניספה עם הוריו בטרבלינקה.

רק אחד מבניו, הרב אלימלך, ניצול מעמק הבכא ונשאר בחיים והוא חי בארצות הברית באמריקה.

אחיו של הרב מווייסליץ היו כולם רבנים, ואלה הם:

האח הבכור, הרב ישכר דוב הכהן שווארץ אב״ד ורב בעיר לאגוו מחוז קילץ היה צדיק ולמדן, חסיד ועניו. הוא ניספה עם משפחתו בטרבלינקה.

אחיו השני, הרב מנחם הכהן שווארץ רב ודיין בעיר סאסנאווצא למדן ודרשן גדול ניספה יחד עם משפחתו באוישוויץ.

אחיו השלישי היה הרב צבי הרש הכהן שווארץ אב״ד ורב בעיר בבז׳טשין מחוז קילץ. גאון עצום תלמיד מובהק של הרב מסאכאטשאוו בעל אבני נזר ניספה עם משפחתו בטרבלינקה.

גיסו היה הרב הגאון אברהם ישכר הלוי פרדס רב ודיין בעיר דנקיוו, ואחר כך חבר ועד הרבנים אצל הרבי באסטראווצא. בשנות המלחמה נמלט ללונדון. הוא נפטר מיד לאחר המלחמה כשנודע לו דבר האסון האיום, כי בני משפחתו — שבע נפשות — ניספו כולם.

וכה הלכה לטמיון משפחה הגונה ועדינה של רבנים גאונים חסידים ואנשי מעשה משפחת היוחסין של הרב הגאון מווייסליץ.

ד׳ ינקום דמם!



יצחק׳ל בן הרב

דער ווייסליצער רב הי״ד

(ביאָגראַפישע סקיצע)

פון **אלימלך הכהן שווארץ**, לאָס אַנדזשעלעס, קאליפ.

לאמיר שוין לכתחילה באמערקן, אז דער שרייבער פון די דאזיגע שורות האט מיט דער שילדערונג פון דער געשטאלט פון רב חיימ׳ען, דעם ווייסליצער רב, א באזונדערע כוונה. ער באטראכט עס פון איין זייט פאַר א פערזענליכן חוב מזכיר צו זיין און צו פארצייכענען די לעבענס־שטריכען פון דער דאזיגער פער־זענליכקייט. עס וועט זיך ביים סוף פון דער שילדערונג ווייזן, וואָס די סיבה פון דעם איז געווען. פון דער אנדערער זייט, האבען די אויספירונגען זיכער אויך אן אלגעמיינע באדייטונג. מחמת עס וועט זיך בולט ארויסווייזן וואס פארא חילוק עס באשטייט צווישען א רב פון „אמאל״ און פון געוויסע היינטיגע רבנים; וואס פארא שינויים עס זיינען פארגעקומען במשך פון נישט מער ווי איין דור און ווי שטארק דאָס גאנצע בילד פונם אידיש־רבנישן שטייגער לעבן האט זיך פארענדערט. אפשר ליגט אין דער באטראכטונג פון דעם דאזיגען קאנטראסט, אין דעם אנט־קעגנשטעלן דעם אמאל און דעם איצט, א טובה. מחמת דער אמת איז שטענדיג גוט, אפילו אויב עס איז א טרויעריגער אמת...

ר׳ חיימ׳ס יחוס איז געווען גאר א געהויבענער. מיר קענען זיך צוליב געוויסע טעמים דאָ ניט אָפּשטעלן בפרטיות אויף דעם שלשלת־היחוסין פון רב חיימ׳ען; מיר וועלען בלויז דערמאנען, אז זיין פאטער ע״ה, דער בעל־מחבר פונעם ספר „לבושי יהודה״ אויף ש״ס און אויף די ארבעה חלקי שולחן־ערוך, הרב יהודה ישעי׳ הכהן, האט געצויגן זיין רבנישן יחוס אזש פונעם תוספות יום־טוב און פונעם ש״ך.

שוין אין זיינע יונגע יארן ר׳ חיים ארויסגעוויזן כשרונות, וואס האבן עדות געזאגט דערויף, אז די וואקסט א ווירדיג אייניקעל פון זיינע גרויסע אבות. דער פאטער זיינער איז געווען א מבין אויפן זון און האט אים נאך גאר יונגערהייט אוועקגעשיקט צו די גרויסע גאונים פון סאכאטשאוו און פון אסטראווצע, ער זאל פון דארט, פון יענע לעבעדיגע תורה־קוואלען, זיך אנזעטיגן מיט תורה, מיט מדות און מיט יראת־שמים.

שוין צו 21 יאר האט ער געהאט זיין ערשטע רבנות. און אַוועקגעזעצט אויפן כסא־הרבנות האט אים דער אסטראווצער רבי, זיין רבי, אין דעם שטעטל דענקיוו, א פאַרשטאט פון אָסטראָווצע. פון דארט פלעגט ער יעדן טאג אריינקומען צום רבי׳ן און האט אונטער זיין השגחה און ביי אים אין בית־דין־שטוב משמש געווען אין רבנות. אין די יארן, וואס ער האט פארבראכט אין דענקיוו, האט ער זיך צוגע־גרייט אויף זיין ווייטערדיגן וועג און איז געוואַקסן אלץ העכער.

נאך דער פטירה פון זיין פאָטער, האט ער איבערגענומען דעם פאטער׳ס רבנות אינם שטעטל באגאריא און איז סוף־כל־סוף געווארן רב אין ווייסליץ, לעבען קראקע. דארט האט ער געלעבט עד סוף ימיו און ביז ער איז, מיט זיין גאנצער קהילה, אומגעקומען על קידוש־השם.

ווי אַ רב איז ר׳ חיים קודם־כל געווען א מצוין אין הוראה. עס איז נישט דורכגעגאנגען ביי אים א טאג, ער זאל נישט האבען א שיעור אין שולחן־ערוך. ער איז געווען א גרויסער בעל־זכרון און האט געדענקט יעדען דין און יעדע שאלה פון אויסענווייניג. פונדעסטוועגן, אויב ער איז געגאנגען פסק׳ענען א שאלה, האט ער זיך קיינמאל נישט פארלאזט אויף זיין זכרון, נאר ער האט שטענדיג מעיין געווען אין דער שאלה, צי אין דין. ער איז געווען פון יענע, וואס אונזערע הז״ל רופן אן מיטן נאמען „מיראי הוראה"...

א חוץ די דאזיגע שיעורים אין הוראה, האט ער אויך געהאט שיעורים, וואו ער האט געלערנט מיט יונגעלייט און מיט בעלי־בתים ש״ס אויף א לומדישען אופן.

דאס איז געווען זיין וועג אין לערנען. אין לעבן אבער האט ער זיך קודם־כל אויסגעצייכענט מיט זיין גרויס סבלנות. נאך די שיעורים אין זיין בית־דין־שטוב געווען שטענדיג פול מיט יודן, וואס זיינען געקומען אים זען, יעדער מיט זיינע אייגענע ענינים, שאלות און מיט זיין באזונדער פעקעל צרות. אזוי ארום איז זיין שטוב געווען ווי אן אפקלאנג פונם אידישן לעבען פון די ארומיגע שטעט און שטעטלעך, א שפיגעל־בילד פונם אידישען עולם־קטן. פארשטייט זיך, אז רב חיים האט זיך נישט באנוגענט דערמיט נאָר אויסצוהערן די אידען, הגם דאס אליין האט אויך געפאָדערט א סך געדולד און כוח. ער האט אין יעדן פאל געפרווווט העלפן, לייכטער מאכען, פארהיילען די וואונדן אין דעם איז ער געווען ווי אן אייגענער פאטער, ווי א לייבליכער ברודער. עס איז נישט קיין גוזמא צו זאָגען, אז ער איז שטענדיג געווען גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין, אבי צו העלפן א יוד. זיין גאנץ לעבען איז געווען איין לאַנגע קייט פון עצה׳ן און העלפן יעדען איינעם, וואס איז געקומען צו אים נאך א טובה.

פונדעסטוועגן און ביי זיין גוטסקייט און איבערגעגעבענקייט לגבי יעדען יחיד, האט ער אין איין צייט מקיים געווען בכל חומר־הדין דעם „לא תגורו בפני

איש״, איר זאלט אייך נישט פאַרכטען פאר קיין שום מענטש. אויב עס האָט זיך געהאנדלט אין אַ דין אָדער אין א הלכה, איז ער געווען שטארק ווי א לייב און האט מיט אן אייזערנעם כח דורכגעזעצט דעם דעת־התורה. עס האט זיך פאר קיינעם נישט געשראקן און זיך קיינמאל נישט אונטערגעגעבן די תקיפים, וואס האבן זיך געפרוווט אויף אים משפיע צו זיין ביי פאַרשידענע ענינים. ער איז געשטאנען פעסט ווי א פעלז, דארט ווו עס איז געגאנגען וועגן זיין חיוב־בדין, וועגן זיינע פרינציפן און איבערצייגונגען.

אזוי, למשל, האט אמאל זיין אייגענער ראש־הקהל געהאט ביי אים א דין־תורה, וואס דערביי איז ער געווען עלול פארלירן א היפשן סכום געלט. האט דער ראש־הקהל, וואס אגב איז ער געווען א נאענטער פריינט צום רב, געמיינט, אז ער וועט זיך קענען ארויסדרייען פונם פסק־דין, אדער לכל־הפחות פארשלעפן דעם ענין. עס האָט אים אבער נישט געהאָלפן נאכדעם ווי רב חיים האט ארויסגעלאזט דעם פסק, האט ער געגעבן דעם ראש־הקהל א חודש צייט, אים מקיים צו זיין. ווי נאר דער חודש איז פאריבער און יענער האט אלץ נישט מקיים־פסק געווען, האט דער רב אים געלאזט וויסן אז ער וויל אים באין־אופן נישט זען פאר די אויגן, איידער ער וועט דעם ענין נישט פארענדיקן. אויף דעם האט דער ראש־הקהל תיכף־ומיד און מיט גרויס הכנעה געבעטן מחילה ביים רב און אויך אויפן ארט מקיים־פסק געווען.

טאקע ביי דער דאזיגער געלעגנהייט האט רב חיים דערציילט זיין ראש־הקהל, אז ביים רבי׳ן, ר׳ שמעלקע ניקעלשבורגער זצ״ל, איז שטענדיג געהאנגען אויף דער וואנט אין בית־דין־שטוב א טארבע מיט א שטעקן. דאס איז געווען אן אנצוהערעניש פאר די בעלי־דינים און פאר די שטאטישע תקיפים, אז ער וועט קיינעם פון זיי נישט נושא־פנים זיין, נאָר אז, אדרבה, ער איז יעדע מינוט גרייט זיך צו לאזן אפזאָגען פון זיין רבנות און צו נעמען די טארבע מיטן שטעקן און גיכער ווערן א מחזיר על הפתחים, איידער צו פארבויגען, חלילה, קעגען דעם דעת־התורה.

אן עיקרדיגע מדה זיינע איז געווען — אמת! ער איז געווען אן איש־אמת! ער האט קיינמאל נישט משנה בדיבורו געווען. ער איז נישט געווען בלויז א נאה דורש, נאר ער האט שטענדיג אליין מקיים געווען דאס, וואס ער האט געזאגט און וואס ער האט געלערנט אנדערע. עס איז געווען רגיל בפיו דאסווארט פונם קאָצקער רבי׳ן, וואס ער פלעגט נישט מיד ווערן איבערצו׳חזר׳ן: „איך פארלאנג פון מיינע חסידים נאר דריי זאכען: זיי זאלען פון זיך נישט ארויסקוקען, זיי זאלען אין יענעם נישט אריינקוקען און — זיך אליין זאלען זיי נישט מיינען״...

ער פלעגט שטענדיג ארבעטען אויף זיך און אויף זיינע מדות. אבער דערביי האט ער, אויפן קאָצקער שטייגער, נישט „געמיינט זיך אליין״. ער האט פשוט

געהאלטן, אז דער רב דארף זיין א דוגמא און א סמל. ער דארף זיין א מוסטער פאר זיינע בעלי־בתים, וואס זאלן זיך אפלערנען די דרכים פון זייער רב. צוליב דעם האט ער, פאר אלעמען, געטראכט צו דערקענען זיך און זיינע אייגענע חסרונות, כדי ער זאל זיי קענען מתקן זיין. מחמת נאר אויף דעם אופן קען א מענטש זיך דערנענטערן צו שלימות.

צו אים האט זיך געפאסט דאס באקאנטע ווארט, וואס ער האט ליב געהאט צו דערמאנען:

די בעלי־הלכה זאָגן: מענטש, דערקען די תורה!


די קבלה לערנט אונז: מענטש, דערקען דעם הימעל!

די משכילים טענה׳ן: מענטש, דערקען די וועלט!


אבער די בעלי־מוסר זאגן: מען קען ניט דערקענען די תורה, מען קען ניט דערקענען דעם הימל, מען קען ניט דערקענען די וועלט, אויב — מען דערקענט ניט זיך אליין!

— — — — — — — — — —

איצט, ביים סוף פון מיין שילדערונג, זאל מיר זיין מותר מגלה צו זיין דעם סוד — נישט, חלילה, לשם גאווה, נאר, אדרבה, מיט עניוות און גרויס יראת־הכבוד, אז דער דאזיגער רב, אז רב חיים, איז געווען מיין פאטער, דער וויסליצער רב, זכר צדיק לברכה!



ר׳ שלום דז׳יאלושיצקי ז״ל



ר׳ משה׳ל פילץ ז״ל

הרב אלימלך הכהן שווארץ

אלה אזכרה ונפשי עלי אשפכה

טיפן און געשטאלטן אין שטעטל

ר׳ נתן דוד שוחט הי״ד

א. ייד א למדן, א חסיד, א חכם. אז מיין פאטער ז״ל האט פארלאזן דאס שטעטל אויף א ווייל, האט ער תמיד איהם איבערגענומען דאס פסק׳ענען די שאלות.

ער איז אין דער צייט וואס ער האט נישט עוסק געווען אין שחיטות געזעסן על התורה ועל העבודה. א געוויסע צייט בין איך געווען זיין תלמיד. ער האט מיט מיר געלערנט א שיעור, ביז איך בין אוועק קיין ווארשא אין ישיבה. ער איז געווען א חריף, א מחדש אין לערנען און ביי דעם אלעם געהאט א חוש פאר הומאר און א גלייך ווערטל א בעל מדות. א געשטאלט, וואס איז געווען א זעלטנהייט דעמאלט, און נאך מער היינט. נאך יעדן שעור, וואס מיר האבן געלערנט בין איך געבליבן ביי אים אין הויז און זיין חשובע פרוי האט מיר מכבד געווען מיט אירע געבעקס און קאווע. ער האט מיר אלעמאל דערציילט גאר אינטרעסאנטע זאכן פון וועלכע איך האב פיל געלערנט און גענאסן.

זאלן די קורצע שורות זיין א מצבה אויף זיין אומבאוווסטן קבר.

ר׳ יעק׳ל דוד שוחט ז״ל

א שארפער גערער חסיד און א תלמיד חכם. א באשיידענער מענטש. זיך געהאלטן תמיד אין שאטן, קיינמאל נישט געזוכט קיין כבוד, קיין פרסום, טראץ זיינע גרויסע מעלות אלס תלמיד חכם, חסיד און בעל מדות.

ווען עס איז אריינגעקומען א שאלת הריאה צו מיין פאטער אין בית דין שטוב געוויינליך זענען תמיד דארט געוועןביידע שוחטים, וועלכע האבן זיך באטייליקט אין ארומרעדן די שאלה. ר׳ יעקל דוד האט שטענדיק זיך קוים אפגערופן, טראץ דעם, וואס ער איז געווען א שוחט מובהק און א געוואלדיקער בקי אין הלכות שחיטה ובדיקה; דאס איז געקומען ביי אים ווי אן אויסדרוק פון געוואלדיקע ענוה.

ער איז געווען א גרויסער בעל־צדקה. תמיד ארומגעלאפן נאך נדבות פאר די ארעמע און נויטבאדערפטיקע און אוועקגעגעבן דעם לעצטן גראשן, וואס ער האט געהאט. ער האט תמיד געהערט, געזען און געהאלפן דעם ארימען. א שיינער שמועסער און דערציילער. נישט איינמאל איז ער געקומען אין אונדזער בית דין שטוב און ביז שפעט ביינאכט געזעסן און דערציילט מעשיות און חסידות, וואס איז געווען אינטערעסאנט ביז גאר.

יהי׳ זכרו ברוך.

ר׳ שמואל ווייצבערג ז״ל

ווען מיין פאטער איז געווארן רב אין וויסליץ בין איך נאך דעמאלט געווען גאר יונג. געדענק איך ווי היינט דאס געשטאלט פון ר׳ שמואל ווייצבערג, וועלכער איז געווען א תלמיד חכם, א חסיד, א גביר, דער אייגנטימער פון א גרויס אייזן געשעפט אין מארק.

ר׳ שמואל ווייצבערג איז שוין דעמאלט געווען קראנק, אבער ער האט נאך געשפרודלט מיט תורה, חכמה און שארפזין. מיין פאטער ז״ל האט געהאט א חזקה 2 מאל א וואך, גייענדיק פון מנחה מעריב, אים צו באזוכן. אלעמאל זענען די געשפרעכן געווען גאר אינטערעסאנט און באלערנד.

ער איז געווען א ייד א פקח א חכם און אינטעליגענט. נאך יעדן באזוך ביי אים האב איך אלעמאל געזאגט צו מיין פאטער ז״ל ווי ווייט באאיינדרוקט איך בין פון זיין וויסן און שארפזין. ספעציעל האט מיך געבונדען א נאענטע פריינד־שאפט מיט זיינע 2 זין משה און יעקב מענדל, וועלכע זענען געווען מיט מיר גאר נאנט.

זאלן די דאזיקע שורות זיין א דערמאנונג פאר א דעם חשובן און באליבטן בעל בית פון אונדזער שטעטל.

ר׳ עוזר טריגער ז״ל

א קליינער, מיט א שמייכלדיק פנים און מילדע בלויע אויגן, תמיד אן איילענדיקער... ר׳ עוזר: ווו לויפט איר, וואס איילט איר זיך אזוי? — פארוואס פארשטייטסו נישט, אז א ייד דארף זיך תמיד איילן צו עבודת הבורא! און דאס וואס איך טו...

און באמת איז ר׳ עוזר טאקע געווען א פרומער ייד. ווען ער איז געלאפן, איז ער תמיד געלאפן, כדי צו טאן א מצווה אדער אין מקווה, אדער אין בית המדרש, און א נישט גאר צו א ברית מילה, ווייל ער איז געווען דער איינציקער מוהל אין שטאט.

זייענדיק א קוזמירער חסיד האט ער מיר אלעמאל פארהאלטן און מיר דערציילט אותות ומופתים פון רבי׳ן, ר׳ מאטעלע קוזמירער.

ער איז געווען א גרויסער בעל צדקה, און דאס אין פארם פון מתן בסתר, קיינער זאל חלילה נישט וויסן... אז ער האט געדאוונט — האט ער געדאוונט מיט התלהבות בבחינת: כל עצמותי תאמרנה... אז ער האט דערציילט א חסידישע מעשה האט ער דאס געטאן מיט גרויס כוונה און ערנסטקייט, אזוי, אז ער האט דעם צוהערער געמאכט גלויבן אין דעם אלעם, וואס ער זאגט און דערציילט. אן אינטערעסאנטער ייד, א גרויסער חסיד, א זעלטנהייט פון א מענטש, — האט מיט זיך פארגעשטעלט ר׳ עוזר טריגער ז״ל.

ר׳ אלתר בורשטין הי״ד

א ייד א תלמיד חכם, א משכיל, אן אינטעליגענט מיט אלע מעלות. דער זון פון אמאליקן גרויסן גביר ר׳ הירש׳ל בורשטין ז״ל.

ער איז געווען א געוויסע צייט דער סעקרעטאר פון דער יידישער גמינע (קהילה). מיין פאטער ז״ל איז דעמאלט געווען דער פרעזעס פון דער קהילה און מיר איז אויסגעקומען פיל צייט מיט אים צו פארברענגען. אן איידעלער מענטש, א בעל מדות, מיט א ברייטן בליק אויף מענטש און לעבן, — איז ער אנגעגאנגען מיט זיין מוסטערהאפט לעבן.

זיין זון, געצל, איז געווען מיינער א ידיד; איך האב זעלטן געזען אז זון און פאטער זאלן זיין אזוי ענלעך איינער צום צווייטן ווי אט דיביידע זענען געווען.


דאס איז געווען איינע פון די אינטרעסאנטסטע משפחות אין שטעטל, צו וועלכע מען האט זיך באצויגן מיט כבוד און דרך ארץ.

ר׳ הערשל טאפף ז״ל

הערשל טאפף איז געווען א פשוטער בעל בתי׳שער ייד, אן קונצן... ער איז געווען מיין פאטער׳ס א משמש.

זייענדיק אמאל א סוחר, דער אייגנטימער פון דער גרעסטער קאמעניצע אין מארק, האט ער אויף די עלטערע יארן ליב געהאט עוסק צו זיין אין קהל׳ישע ענינים. זיך מקדיש געווען משמש צו זיין מיין פאטער ביי יעדער געלעגנהייט. אזוי למשל, פרייטיק נאכמיטאג, איז ער געקומען אים צו באגלייטן אין דער מקווה; שבת אינדערפרי געקומען אים נעמען אין שול, און פון דארט ברענגען אים צוריק אהיים. דערמאנט אלעמאל מיין פאטער, פאראויס, ווען עס קומען אן די ימים טובים און מען דארף זיך גרייטן מיט דעם שופר, אתרוג, סוכה, מגילה און וויין אויף ארבע כוסות... און א טבע האט ער געהאט: ער האט זיך תמיד געאיילט... שבת, אז מען האט זיך געשטעלט דאווענען 9 אזייגער, איז ער ביי אונדז שוין געווען 8 אינדערפרי און אנגעהויבן יאגן אז מען זאל גיין אביסל פריער... 2 וואכן פאר חנוכה האט ער דערמאנט מיין מוטער, אז מען דארף שוין ארויסנעמען דאס חנוכה לעמפל... און עטלעכע וואכן פאר פורים האט ער געבראכט די מגילה צו אונדז אין שטוב, מיין פאטער זאל איר מגיה זיין... — ר׳ הערשל, וואס איילט איר זיך אזוי? — האב איך אים נישט איינמאל געפרעגט; — פארשטייסט נישט, מלך, איך האב נישט קיין געדולד צוווארטן אויף זאכן, איך וויל מען זאל אפטאן אלעס און זיין פערטיק... מען ווייסט קיינמאל נישט, וואס וועט זיין שפעטער...


ער איז געווען א גוטער, געשמאקער ייד פון די אמאליקע בעלי בתי׳שע יידן, וואס זעגען פארשווונדן געווארן צוזאמען מיטן אמאליקן יידישן לעבן אין פוילן.



ר׳ אבא כאבה הי״ד



ר׳ אברהם איטשה בלום ז״ל



ר׳ מלך קאזימיערסקי הי״ד

ווי אין אלע אמאליקע פולישע שטעט־לעך, האט זיך אויך וויסליץ געגרויסט מיט אירע גוטע יידן: למדנים, עסקנים און סתם ערלעכע יידן. איינע פון די באליבסטע געשטאלטן, וועלכער האט אין זיך פארקערפערט די גוטע יידישע און מענטשלעכע מידות, איז געווען ר׳ מלך קאזימיערסקי.

א הויכער ייד, מיט א ווייסער, הד־רת פנימדיקער בארד, א הויכן שטערן, מילדע אבער מוטיקע אויגן. תלמיד חכם, א מתן בסתר, א נחלת יושר, באשיידן, — באוווסט אלס גמילת־חסד טוער, אפן די טיר, אפן די האנט און אפן דאס הארץ און דאס אלץ אן גערויש...

געהאט ער א שיין לעדער־געשעפט; ער מיט די זין פלעגן ניט נאר פארקויפן גאר אויך צוגרייטן, צושניידן לעדער פאר די שוסטער פון שטעטל און סביבה. ער פלעגט געבן די סחורה אויף בארג; יעדן פרייטיק פלעגן די בעל מלאכות קומען זיך אפרעכענען און באצאלן דעם חוב. אלע, — ניט נאר די יידן — האבן געהאט צו אים צוטרוי און באצויגן זיך צו אים מיט דרך־ארץ.

אויף די קינדער פון שטעטל זענען געווען גליקלעך, ווען מ׳האט זיי אנגעזאגט, אז דעם שבת וועט ר׳ מלך זיי פארהערן א בלאט גמרא. זיי האבן פאר אים ניט קיין מורא געהאט און ער פלעגט זיי בארוהיקן און דערמוטיקן מיט א שמייכל און צוגאב פון זיסווארג.

די יוגנט פון שטעטל האט אים ליב געהאט און געשעצט פאר זיין אפרופן זיך אויף יעדן רוף, הארציקייט, פאר זייענע פערזענלעכע מעשים; אין זיין שטוב האבן בשלום געשכנות די פושקעס אויף פון „ר׳ מאיר בעל הנס׳ און אויך קרן־קימת.

ערב־שבת, אויסגעפוצט, פלעגט ער מיט זיינע זין גיין אין שטיבעל פון די זוריקער חסידים ווו ער האט געהאט א שטענדיקן פלאץ. אויף דארט, אן רעש, געטראגן זיין תפילה צו גאט...

פון די חשוב׳סטע חסידים פון זוריקער רבי׳ן, אים פלעגט ער באזוכען מינדעסטן 2 מאל א יאר; שבת תשובה און שבת חנוכה. זיין חזקה איז געוועזען צו בעקומען חתן בראשית און שמחת תורה אין מקבל צו זיין דעם ציבור מתפללים אין זיין דירה מיט קדישא רבה. אלס גביר האט ער נישט געשפארט קיין געלד

אויף הידור מצווה, פאר דאס איז געקומען צום אויסדרוק ביים קויפען דעם שענסטען אתרוג און לולב און ווען זיינע זין האבן עולה געווען קיין ארץ ישראל, האבן זיי געזארגט שיקען דעם פאטער דעם שענסטן אתרוג, ממש א הדור. די צווייטע נאכט סוכות און שמחת בית השואבה פלעגען זיך צונויפקומען די חסידים און זיין גרויסער סוכה אויף דער שמחת מצווה און כיבוד איז געווען מכל טוב כיד המלך.

ביז...

היטלערס חיילות האבן פארנומען פוילן און צעשטערט די אידיליע פון זיין לעבן. זיין שוויגן איז געווארן נאך טיפער, פון זיינע אויגן האט ארויסגעבליקט דער ווי פון חורבן ישראל.


זעלטן פלעגט מען אים דאן זען אין גאס. אין די אוונטן. פלעגן זיך צום אים אריינגנבענען אין הויז יונג און אלט ווער עס האט געהאט א בקשה, פרעגן א עצה, א בוררות, יעדן האט ער מקבל געווען בסבר פנים יפות. נאכן אויסגיסן פאר אים דעם צער און צארן, פלעגט גרינגער ווערן אויף די נשמות. „גאט איז א רחום חנון וגומל" — פלעגט ער זאגן און מיר האבן געפילט, אז מיר זיינען אים שולדיק א חוב פאר דער האפענונג און מוט, וואס ער האט אונדז צוגעגעבן. די ראל פון אונדזער טרייסטער האט ער אויסגעפילט ביז דער לעצטער מינוט...

עס איז א רויס א באפעל פין דער דייטשער מאכט אז אלע יידן דארפן זיך אפשערען די בערד, און אנטאן אייראפייאישע קליידער. עס איז שווער געוועזען צי דערקענען די וויסליצער יידן אן די בערד, און פרעמדע קליידונג מיט אייגעפאלענע פנים׳ער.

א. חודש פארן „טראנספארט" — געווען איז עס פאר די ימים נוראים 1942 — האט זיך ר׳ מלך קאזימירסקי פארמאכט אין שטוב, בעטנדיק, אז קיינער זאל אים ניט שטערן; נאך א לאנגער ווײלע, איז פון צווייטן צימער דערגאנגען א געוויין — דאס ערשטע און לעצטע מאל האט מען געהערט ר׳ מלך׳ס געוויין... ווען מען האט שפעטער געעפענט די טיר, האט ער אין זיינע ציטערנדיקע הענט ווי אן אוצר געהאלטן זיין אפגעשניטענע בארד און מיט טרערען אין די אויגען. געזאגט: „די בארד וואס האט געוואקסען צוזאמען מיט מיר, און קינמאל נישט געוועזען אבגעשוירען, איז, מיינס א אבר, וועלכען איך דארף לויטען דין ברענגען צו קבר ישראל". ר׳ מלך איז ארויסגעגאנגען אין זיין הויף, אוסגעגראבען א גרוב, א ריינגע־לייגט די בארד און פארשאטן. זיין בארד איז געקומען צו קבר ישראל אבער ר׳ מלך קאזימיערסקי איז נישט געקומען צו קבר ישראל. צוזאמען מיט אלע וויסליצער יידן געטיילט דעם גורל און אומגעקומען אויף קידוש השם אין טרעבלינקע.

ת.נ.צ.ב.ה.

אלתר אייזנבערג



ר׳ מלך ראזענטאל ז״ל



פרוי געלע ראזענטאל

איך געדענק ר׳ מלך ראזענטאל פון מיינע קינדער־יארן. ר׳ מלך ראזענטאל איז געווען אונדזער נאנסטער שכן. ר׳מלך איז געווען א הויכער, שיינער ייד מיט א ברייטער הדרת פנימדיקער בארד, קלארע און ליכטיקע אויגן או א גוטע חסידישע נשמה. ער איז געווען א סאליד־ער מענטש, מיט גוטע מדות און א גוטן נאמען אין שטעטל און אין דער סביבה. ער איז געווען א ייד א תלמיד חכם און א גערער חסיד. ער איז געווען פון די חשובסטע בעלי־בתים פון שטעטל

ר׳ מלך האט אויפגעשטעלט א גרויסע משפחה. דאס איז געווען א ווארעמע, הארציקע, יידישע משפחה.

ר׳ מלך ראזענטאל האט געהאט א האלץ־סקלאד נעבן דעם טייך נידא און ער איז געווען א בוי־אונטערנעמער. מיט ערלעכן סוחרישן טאקט און עטישע באגריפן. אלע האבן געהאט צו אים אן אמתן צוטרוי און דרך ארץ.

און פלוצלונג, פלוצלונג, הערט מען, אז ר׳ מלך ראזענטאל מיט זיין פאמיליע פארלאזן דאס שטעטל און פארן אוועק קיין קאנאדע. און ווען ער איז אוועקגעפארן איז ווי פארשוואונדן געווארן א שיינע געשטאלט פון דער פאנאראמע פון שטעטל.

א לאנגע צייט האט עפעס אויסגעפעלט אין שטעטל. אבער אויך אין קאנאדע, אין נייעם, פרייען לאנד, ווו הויבט אן אלץ פונדאסניי, איז זיין ערשטער באמי געווען צו בלייבן צווישן יידן און געפינען זיין ווארעם ווינקל צווישן זיי. ער געפינט זיך זיין בית המדרש, ווו ער דאוונט דארט און ווי אין שטעטל, אויך אין קאנאדע, גייט ער דאוונען יעדן אינדערפרי און ער פארפעלט נישט קיין איין שבת אדער יום טוב צו גיין אין שול אריין.

לאנגזאם, לאנגזאם, אין אנהויב מיט גאנץ גרויסע שוועריקייטן, האט ער זיך


איינגעארדנט צוזאמען מיט די קינדער. אויך זיינע קינדער — ווען זיי האבן זיך שיין און פיין איינגעארדנט, האבן נישט פארגעסן פון וואנען זיי שטאמען. זיי באטייליקן זיך אקטיוו אין פארשידענע הילפס־פאריינען, צייכענען זיך אויס מיט זייער הילף נאך דער שואה. זיי זענען פארבונדן מיט לב ונפש מיט'ן ישראל־ענין און שטיצן זעלבסט מיט א ברייטע האנט די באדערפענישן פון ישראל.

גלייכצייטיק זענען זיי פארבונדן מיט זייער לאנדסלייט און אויף יעדן רוף ענטפערן זיי מיט פיל פריינדשאפט און אפענער האנט.

ר' מלך ראזענטאל האט דערלעבט צו זען נחת פון זיינע קינדער און געשטארבן אין א הויכן עלטער.

יהי זכרו ברוך. **מנחם קאזימירסקי**

ר' מוניש דיאמנט ז"ל



יהודי תלמיד חכם מחסידי טריסק הותיקים, ממשפחה מסועפת, שישבה דורות רבים בווייסליץ.

עניני מסחר השאיר לטיפול אשתו בחנות שלהם, הוא לעומת זאת ישב בבית המדרש יום ולילה ולמד תורה. התמיד בדרכו בעריכת־חצות בלילה כמנהג חסידים הראשונים. כך נהג עד יומו האחרון. נפטר בשיבה טובה בשנת 1927.

י. א.

ר' לייבל קליינפלאץ הי"ד

בנו של הלמדן הידוע ר' בריש ז"ל. יהודי תלמיד חכם, פקח, ומצניע לכת. מחשובי חסידי־גור חבר בחוג דף היומי בבית המדרש. פרנס קהלת ווייסליץ, סוחר עצים אמיד, תמך במוסדות תורה וצדקה ועזר לנצרכים. חילק את גורלו עם כל יהודי העיירה בטרבלינקה. **י. א.**

ר' לייבל פפר הי"ד

מטובי האברכים בווייסליץ. עדין נפש ותלמיד חכם מובהק. איש נבון ומצניע לכת. בצעירותו עזב את העיירה ונדד בישיבות פולין, קיים בזה „הוה גולה למקום תורה"... למד בישיבת „בית־יוסף" באוסטרובצה ואחר כך ב„מתיבתא" בווארשה. חזר לווייסליץ, כאן התחתן ונכנס לעולם המסחר. תמך במוסדות תורה וצדקה מחסידי גור ומעסקני „אגודת־ישראל" התמיד ללמוד יום יום בבית המדרש. נספה עם משפחתו בטרבלינקה. **י. א.**

ר׳ אברהמ׳ל אוקסנהנדלר (קמיונער)



ר׳ אברהמ׳לע היה מוכר בעיירה, אף על פי שהתגורר כל ימיו בכפר קמיונה. היה תלמיד חכם, ובעל הדרת פנים. בהתגוררו יהודי יחידי עם משפחתו בכפר, היה בראש דאגותיו מתן חינוך יהודי ל־8 בניו. ואכן הם נשלחו ללמוד בעיירה משך כל השבוע ורק לשבת חזרו לכפר. בשבתות הלך להתפלל ב„מנין" אשר בכפר הסמוך סוקולין, שם עבר לפני ה־תיבה וקרא בתורה.

ר׳ אברהמ׳ל קיים יחסי שכנות טובים גם עם הכפריים וכולם כיבדוהו בגלל יושר לבבו ונקיון כפיו.

ר׳ אברהמ׳ל נפטר לפתע — לפני ההשמדה — בעת ביקור אצל בתו בפינצ׳וב והובא לקבורה בעיר זו, ורבים השתתפו בלוויתו וחילקו לו את הכבוד האחרון.


יהי זכרו ברוך. **מנחם קזימירסקי**

ר׳ איטשה דוד זוכן (דער שמש)

אני זוכר את ר׳ איטשה דוד השמש (דער שמש). היה זה יהודי צנוע, נחבא אל הכלים, לא עסקן צבורי, לא פרנס בקהילה, לא מיהודי הכותל המזרחי, אולם בעל לב חם, שהתמסר לצרכי „עמך", אם בעתות שמחה או חלילה בעתות אבל. ר׳ איטשה דוד ראה כמצווה גדולה לדאוג לדלת העם, לשכבה החלשה מיהודי העיירה, לאלמנות ויתומים ללא קרובים. לחסידים ועשירים יש מי שידאג — היה אומר, אבל מסכנים אלו — מי ידאג להם אם לא איטשה דוד — היה מסיים.

כשהיתה חתונה בעיירה ולמחותנים לא היה מספיק כסף להביא בדחן מעיר אחרת, היה ר׳ איטשה דוד משנס מתניו והיה בעצמו בדחן, כדי לשמח חתן וכלה. כשהיה ברית במשפחה עניה היה דואג למוהל, למנין ולכיבוד. אם נפלה לידי מצוה איך אחמיצנה — היה אומר בשמחה. אבל עיקר מסירותו הראה בטיפול בלווית נפטרים מדלת העם, אשר בדרך כלל אנשי חברה קדישא המכובדים לא טיפלו בהם. פה הראה מסירות ואהבה ללא גבול. ר׳ איטשה דוד דאג להשתתפות בלוויה, דאג בעצמו לכרות קבר, לטהרת המת ולא רק זאת. הוא גם דאג לנחם אבלים, למנין בימי השבעה ואם לא היה מי שיאמר קדיש, נטל על עצמו את המשימה ואמר קדיש במשך שנה וגם דאג בכל היאהרצייטן להגיד קדיש. אם לא היה מי שיקים מצבה הרי גם לכך דאג ר׳ איטשה דוד, הלא בנו היה מבין עושי המצבות בעיירה. הוא קיים בכל מאודו ובכל נפשו את מצוות חסד של אמת.

מ. ק.



ר׳ איטשה ורחל מלר

ר׳ איטשה מלר היה דמות של יהודי עממי, משכים כל יום לבית הכנסת ותמיד קיבל כל אחד במאור פנים. אשתו רחל היתה עזר כנגדו. היתה אשה טובת לב ומסורה למשפחה. בניהם היו מראשוני הנוער הציוני בעיירה. עם עלית בנו ארצה החליט ר׳ איטשה לעזוב את העיירה, לעלות ולהעלות את כל משפחתו.

בארץ התנסו בחבלי קליטה קשים עד שבסוף פתח אטליז בשכ׳ שפירא בתל־אביב, התפרנס בכבוד ובא אל המנוחה. התחבב על יוצאי ווייסליץ. ביתו היה פתוח לכל יוצאי העיירה, שנהגו לבקרם ובפרט רחל מלר קיבלה את כולם ביחס אמהי. בלב פתוח ובמסירות עזרה לכולם.

עם הגיע הידיעות הראשונות על ההשמדה, נשבר לבה של רחל׳ה מלר ודאבה נפשה על ילדיה שנשארו שם ולא הצליחו לעלות. עד יום מותה התאבלה עליהם. שניהם נפטרו בשיבה טובה בתל־אביב. תהא נפשם צרורה בצרור החיים.

מ. ק.

מיין מאמע! — הרבנית פריידע רחל שווארץ

די שיינע יידישע מאמע. די אמת׳ע אשת חיל. גוט פרום לייטיש און קלוג. די טאכטער פון גרויסן למדן, חסיד הרב ר׳ חיים יוסף גרויספארשטאנד א גרוסער מקורב ביים טשארטקאווער רבין זצ״ל. שו״ב און מוהל אין דער באוווס־טער יודישער שטאט אפט איז זי תמיד געשטאנען זייט ביי זייט מיט איהר גרויסן מאן, מיין פאטער דעם רב ז״ל און ערצויגן א דור פון תלמידי חכמים, באגאבטע איידעלע און גוט ערצויגענע מענשען.

איר גוטסקייט איז געווען א שם דבר. זי איז תמיד געווען פארנומען מיט העלפן די נויטבאדארפטיגע, די קראנקע, די שוואכע. מיר די קינדער האבען איר תמיד געהאלפן אין דער הינזיכט, איך דערמאן זיך; זי האט מיך אלעמאל גערופן און געזאגט: אלימלך, איך דארף היינט האבן אביסל געלד פאר די און די קראנקע — ארימעלייט, דו מוזט זיך ארויסלאזן איבער׳ן שטאט. איך האב באלד גענומען מיינע חברים, א מאל יחזקאל קאזימיערסקי, אמאל משה ווייצבערג, אדער געציל בורשטיין און אנדערע און זיך געלאזט איבערן שטעטל נאך נדבות. די בעלי בתים האבען מיך שטענדיק גוט אויפגענומען, בסבר פנים יפות, טראץ דעם וואס איך בין ביי זיי טיילמאל, געווען צו א אפטער גאסט... ווען איך בין צוריק געקומען האט מיך מיין מאמע ארומגעכאפט און געקושט און צו מיר געזאגט: אין דעם זכות זאלסטו ניצול ווערען פון אלעם שלעכטן.

אין מיין פאטערס רבנישער קאריערע זענען געווען מאמענטן פון ע״נ פון שווערע פראבלעמען וועלכע האבען געדרוקט ווי קאשמארן אויף מיין פאטער׳ס געמיט, אבער זי האט אלעמאל איהם אויסגערעדט, מחזק געווען און אים פיל געהאלפן.

געווען א טייערע אידישע מאמע. א ווונדערבארע איידעלע יודישע פרוי מיט טייערע מידות.

מאמע. איך טראג דיך אין מיין הארץ
און וועל דיך קיינמאל נישט פארגעסען.

אלימלך שווארץ



מרים-אסתר שוורץ בת-הרב
ושתי האחיות פילץ

הנדלה קזימירסקי הי"ד

הנדלה קזימירסקי הי"ד — אשתו של ר' אלימלך קזימירסקי. ילידת העיר סלומניק, מוצאה ממשפחת חסידים ולמדנים, אחיה היה הרה"ג ר' שמחה פישל גולדקורן רבה של העיר פרושוביץ. למרות נשיאה בעול הטפול במשפחתה הענפה ובעסק בעלה מצאה תמיד זמן לעסוק בעזרה לזולת, בצדקה ובגמילות חסדים. במיוחד התמסרה לפעילות לעזרה לנצרכים כשגברה המצוקה בימי השואה. כשנתרבו הפליטים מערים אחרות נרתמה כולה ועזרה לרבים וראתה בכך עבודת קודש. נספתה עם משפחתה במחנה השמדה טרבלינקה. אשת חיל מי ימצא? ...ויהללוה בשערים מעשיה.

י. ק.



הנדלה קזימירסקי, בנה יצחק כחייל פולני, וחתנה יצחק פיגנבלאט.



יחזקאל קזימירסקי



אידלה פיגנבלאט



לובה קזימירסקי

זעקס זענען מיר געווען!

זעקס קינדער זענען מיר געווען ביי אונדזערע עלטערן, ביי אונדזער טאטן דעם רב.

אלע זענען מיר געווען אין אטמאספער פון תורה און יידישקייט און גאר געהויבענע מענשליכע מידות. אונזער פאטער, אויסער וואס ער איז געווען דער גרויסער תלמיד חכם און בעל הוראה, איז ער אויך געווען א בעל מידות, היוצא מן הכלל. אין אזא אטמאספער זענען מיר אויסגעוואקסן, און מיר אלע האבן אין זיך געטראגן די הויכע אידעאלן וועלכע זענען געווען די הויפט שטריכען פון אנדערע אבות אבותי.

דער ערשטער בעראלי, **דער עלטסטער. א שיינער, א געראטענער. געוואקסן לייטיש, געלערנט גוט. באקומען היתר הוראה פון גרויסען גאון או צדיק פון אסטראוועצער רבין זצ״ל. ווען מיין פאטער איז געווארען רב אין ווייסליץ, האט ער איבערגענומען זיין רבנות אין באגריע, ווי מיין פאטער האט געהאט איבער גענומען דאס רבנות פון זיין פאטער ז״ל. ער האט געפירט דאס רבנות מיט חכמה און טאקט. געווען א פאטער און א פריינט צו זיינע בעלי בתים וועלכע האבען אים ליב געהאט אהבת נפש. אזוי האט ער געפירט זיין רבנות ביז עס איז געקומען דער יום המר והנמהר און אים מיט זיין רעביצן מיט זייערע 5 קינדער פארטראגען קיין טרעבלינקע ווו זיי זענען טראגיש אומגעקומען.**

די צווייטע איז געווען: **ראכטשע. א שיינע א געראטענע א אינטליגענטע, פעאיק ביז גאר. חתונה געהאט מיט אונזער קוזין הרב ירחמיאל וואלבראמסקי וועלכער איז געווען שפעטער דער לוטארמירסקער רב נעבן לאדזש. א עילוי. א גאר הויך געלערנטער מענש. א מוסמך פון לעצטען אסטראוועצער רבין זצ״ל, און פון גאון רבי הירש הענעך לעווין דער בענדינער רב זצ״ל. זי איז געווען קלוג, שיין און גוט. צוזאמען מיט איר מאן, דעם רב, האט זי געלייסטעט פאר זייער קהילה אויף אלע געביטען פון יידישן לעבן, זיי האבען אויך געהאט 2 שיינע און זעהר געלונגענע טעכטער. אבער דער טייוועל האט זיי אלע פארטראגען אין די גאז אויטאס פון טויטן לאגער כעלמנא.**

דער דריטער איך:

מיך האט די השגחה געלאזט ביים לעבען כדי צו קענען דערציילן וועגען זייער לעבען און וועגען זייער טראגישען אומקום.

די פערטע: מרים אסתר.

מרים אסתר — מיין שוועסטער איז געווען די פרוי פון גרויסען גאון און עילוי, ראש ישיבה ביים בעלזער רבין זצ״ל, הרב משה אהרון רויך פון יאראסלאוו.

זי איז געווען די גוטסקייט אליין. זי האט פארמאגט טויזנט יידישע חנה׳ז, געהאט א גאלדן הארץ, זיך מוסר נפש געווען פאר אלעם וואס איז געווען הייליג און טייער. צוזאמען מיט איר גרויסען מאן האט זי געטראגען הויך די אידעאלען פון תורה, מענשליקייט און איידעלקייט, ביז זי און איהר מאן מיט זייערע קינדער זענען פארשלעפט געווארען אין דעם טויטען לאגער בעלזיץ.

דער פינפטער: יצחק!

אדער בעסער געזאגט: יצחק׳ל דעם רבי׳ס ווי מען האט איהם גערופען אין שטעטעל א זעהר געלונגענער און געראטענער בחור. געקענט גוט לערנען. אינטיליגענט, קלוג, לייטיש באגאבט און טאלאנטירט אין אלע ענינים. געלערנט אין ישיבות, גוט און איידל. ארויס פון פיל געפארען ביים אנהויב, און אין גאנג פון דער מלחמה, אבער סוף כל סוף אויף א טראגישן אופן אומגעקומען, גראד דאמאלסט ווען זיינע אויסזיכטן זענען געווען גוטע צו בלייבען.

צר לי עליך יצחק היקר מחמד נפשי ולבי!

דער זעקסטער: לוי!

א שיינער הערליכער בחור, זיין פנים האט געלויכטען ווי די זון מיט גאונישע און עילוי׳שע פעאיקייטען. פארמאגט א גאונישען מח. א בר מעלות און א בעל מדות אין די טראגישע מלחמה יארען איז ער די גאנצע צייט געווען מיט די עלטערען. זיך קיינמאל ניט געוואלט מיט זיי שיידען. געהאט די מעגליכקייטען זיך צו ראטעווען אבער נישט געוואלט איבערלאזען די עלטערן אליין, און אזוי ארום מיטגעגאנגען מיט זיי דעם טראגישען בלוטיגען פייערדיגען וועג פון טרעבלינקע.

אט אזוי איז פארשניטען און אובגעבראכט געווארען א פארצווייגט רבנישע פאמיליע מיט גרויסע פאטענציעלע כוחות פאר דער יידישער צוקונפט, וואס וועט זיך מער נישט אומקערען...

טייערע שוועסטער און ברידער: עס טוט מיר וויי און לייד אייער טראגישער און שוידערליכער אומקום, און אז איך דארף וועגען דעם שרייבען, ביז צו די ענד פון מיין לעבען וועל איך אייך נישט פארגעסען, און זאלן די שורות זיין ווי מצבות אויף אייערע אומבאקאנטע צעזייטע און צעשפרייטע קברים...

יהי׳ זכרם ברוך.

הרב אלימלך שווארץ

יוסף (יוסלה) קזימירסקי הי"ד



"צר לי עליך אחי... נעמת לי מאד
שמואל ב׳ א׳

הזמן שחלף אין בו, כדי להשכיח את דמותו האצילה, עדיין אני רואה אותו, כשחיוך קל של טוב־לב נסוך על פניו השלוים. עדיין אני שומע אותו משתתף בדיון על כל נושא מתוך ישוב־הדעת. בעל כשרון מופלא היה והתהלך בשקט ובצנעה, התיחס בסבלנות לכל אחד, אשר אתו בא במגע. מעולם לא ראיתיו להתרגז או להתמרמר. מעולם לא הרים את קולו על איש וכיבד כל אדם, באשר הוא אדם, איש ענו היה.

משחר נעוריו הצטיין בכשרונותיו. בעל זכרון להפליא, מוח חריף, תפיסה מהירה ומתמיד.

בעודו תלמיד ב„חדר" הצטיין בלימודיו. תמיד היה ראשון לכל דבר ובכל מקום. במקרא, משנה, גמרא, עברית ודקדוק, ר׳ מרדכי דוד פינשטט אצלו למד תורה החשיב אותו וניבא לו עתיד מזהיר — גם בבית ספר הפולני הצטיין בכל המקצועות. בגיל 11 שנה עזב את ווייסליץ, כי צר היה לו המקום ב„עיירה" הוא עבר ללמוד בקראקא. בתחילה למד בבית הספר „יסודי־התורה", לאחר שנה עבר ללמוד בישיבת „בית מאיר". גם בישיבה השכיל להיות בין טובי הבחורים המצטיינים. בקראקא התקרב לחסידי גור. אחרי שעות לימוד בישיבה, המשיך ללמוד בבית המדרש לחסידי גור ברח׳ אסתר. בימים ההם החלו צעירי חמד כאלה, שנפשם חשקה בתורה, לנהור לצ׳בין ללמוד תורה מפי הגאון הרב רבי דוב בריש ויידנפלד רבה של צ׳בין. לצ׳בין נתקבלו רק בני תורה מופלגים עילויים שנפשם חפצה לעלות ולהתעלות בעולם התורה. דרכו בקודש של הגאון מצ׳בין היתה להשמיע לפני הבחורים שני שעורים ביום בשעות הבוקר, בגמרא ותוספות עם הראשונים, ובערב עם תלמידיו המובחרים לימוד שעור בהוראה, בין תלמידים אלה היה גם אחי יוסף הי"ד.

אחרי חמש שנות לימוד בצ׳בין, לאחר שרכש ידיעות רחבות בש"ס בפוסקים ובהוראה. נאלץ היה מסיבות משפחתיות לעזוב את צ׳בין. הוא חזר לווייסליץ ועסק בבית המסחר של אבינו. נפשו הסוערת לא נתנה לו מנוח. כאן בווייסליץ ארגן חוג לימוד דף יומי של אברכים ובחורים בבית המדרש. הוא היה מגיד השעור, אשר ערך עד פרוץ מלחמת העולם השניה.

בספטמבר 1939 ביחד עם המוני בני ישראל ברח מפני הגרמנים מזרחה. וכשהגיעו לסטופניץ נודע להם, שהגרמנים כבשו בינתיים את ווייסליץ. בדאגה וגעגועים להורים חזר לעיירה. הוא הצטער מאד על כך, שהיה נאלץ להסיר את זקנו ולהחליף את לבושו החסידי בלבוש אירופאי. הוא לקח על עצמו עול פרנסת הבית, בגלל הפחד שהיה לאבינו הי״ד מהגרמנים. היה ער למתרחש בעולם ובמלחמה קרא בעתוני גרמניה וגם בעתוני המחתרת הפולנית. את התלמוד לא זנח, וערב ערב ובכל זמנו הפנוי התמסר ללימודים וקיים את המצוה „והגית״.

כשהתחילו להגיע שמועות על הגירושים הרגיש בחושו שדברים איומים עלולים להתרחש, נהיה מכונס בתוך עצמו, מתבודד ומהרהר רבות על העתיד ועל הבאות.

ביום המר והנמהר של שמיני עצרת תש״ג, כשנתקבלה פקודת הגירוש, מיהר להתפלל תפילת החג ביחידות, ארז את חפציו בשקט, את התפילין, גמרא ועוד כמה מספריו, ומבלי להתמרמר ולבכות עזב את הבית והתייצב בככר המרכזית עלה על העגלה של משפחתנו וביחד יצאו אל דרכם האחרונה. לבו העדין לא נתן לו אומץ ולא אזר עוז לברוח בדרך מההורים, למען לנסות להציל את נפשו כדרך שעשו אחרים. בוותרו על הבריחה מהדרך חילק את גורלו עם כל בית ישראל.

יצחק קזימירסקי

מ ה ע ב ר . . .



מימין לשמאל:

אברהם בורנשטין, שלום גולדהר, מאיר בוכמן ופישל לינדין.

שרה דזיאלושיצקי ז״ל



בת ר' יוסל בוים מאחרוני הפרנסים בקהילת וויסליץ. נולדה, גדלה ונשאה בעיירה. בעלת בית מסחר לבדים בככר המרכזית. היתה בעלת לב טוב ורגישה לסבלות אנשים. ביתה היה פתוח לעניים. בזמן גירוש יהודי וויסליץ הצליחה להי מלט יחד עם בעלה ושני ילדיה מידי הגרמנים והתחבאה במשך כ־2½ שנים אצל איכר מידידי ביתם.

בכפר עברה עליה תקופה קשה ומסוכנת מאד. גילתה מסירות נפש עד אין קץ ושמרה על ילדיה הקטנים כעל בבת עיניה עד שזכתה לראות את החופש. הקפידה בשמירת מצוות הדת ואף בבונקר אצל הגוי למרות הסכנות בדבר לא ויתרה על הדלקת נרות שבת.

בתום המלחמה עברה לגרמניה. התמסרה לחינוך ילדיה ולפני שזכתה לראות מהם נחת פגעה בה מחלה ממארת אשר ממנה לא קמה עוד. לפני פטירתה בגיל 42 שנה, ביקשה לא לקבור אותה בגרמניה, אשר על אדמתה נשפך כל כך הרבה דם יהודי, אלא, להביאה לקבורה בישראל. משאלתה זו התמלאה והיא הובאה למנוחות בבית העלמין בקרית שאול.

השאירה בת בארה״ב ובן רופא שעלה ארצה.

יהא זכרה ברוך.

י. ק.



גולדה'לה זילברשטיין



ריק'לה אוסטרוביץ



מימין לשמאל: ברוך מלר, בלה ראַי-וייצברג, ח י י ם ה ו פ נ ב ר ג, חיים גולדהר, טובה הופנברג, איטשה שטנדר

חיים הופנברג הי״ד

חיים הופנברג היה אחת הדמויות הבולטות בקרב הנוער הווישליצאי. כבנו בכורו של ר׳ יוסקה הופנברג מבעלי המנסרה של „אחים הופנברג״ בוויסליץ, הוא התבלט בקרב הנוער כבעל תכונות של מנהיגות ויוזמה. היה בין ראשוני המיסדים של תנועת „החלוץ הכלל ציוני״, כפלג של תנועת הציונות הכללית בפולין, ובין פעיליה החשובים. הוא יזם וארגן בכוחות הדלים של הימים ההם עבודה תרבותית ציונית בתוך הסניף של התנועה והדביק אותנו כלנו בלהט הרעיון הציוני. כקנאי לרעיון הציונות המגשימה, הגיע לתוך שורות „גורדוניה״ שנוסדה בימים ההם בוויסליץ ומתוכה הגשים את הרעיון הציוני ברוח א.ד. גורדון הלכה למעשה.

עלה ארצה בשנת 1935 והצטרף לקבוצת „משמר השרון״ שבתוכה מצא את מקומו, התאקלם בה יפה והיה לאחד החברים הבולטים בה. מילא תפקידים קשים בשטח העבודה של הקבוצה, ולא חסך כל מאמץ למען האידיאל הציוני ורעיון השתוף החברתי.

ערב מלחמת הקוממיות, בעת שהכוחות הערביים הפולשים הסתערו על גבולנו המזרחי, יצא ביום 13.5.1948 עם קבוצת מגינים של „משמר השרון״ לרמת הכובש, להדוף התקפת ערבים עליה. בו בלילה בעת סערת הקרב נפל חלל על הגנת המדינה העברית בלידתה.

השאיר אשה, בן ובת.

זכרו יהיה תמיד שמור בלבנו ובלב חבריו שנשאו אתו בעול יום־יום, ומשחר ילדותם רקמו את חלום הציונות המגשימה.

יהא זכרו ברוך לעד!

שמעון זילברשטיין

פרץ וויצברג ז״ל



בילדותו ובצעירותו נשבו רוחות חדשות ונשמעו זמירות חדשות ברחוב היהודי בעיירות הגולה. הרעיון הלאומי הציוני התפשט בין המוני עמנו והנוער החל לחלום על עליה לארץ ישראל ולחידוש עצמאותנו הלאומית בה. קמה התנועה החלוצית אשר הציבה לעצמה את התפקיד להכשיר את הנוער היהודי לעליה לארץ ישראל. הרעיון המריץ את מיטב הנוער היהודי לעלות לארץ ישראל.

פרץ ז״ל היה בין ראשוני הנוער הזה בעיירה שלנו, אשר הצטרף לתנועה החלוצית, יצא לקבוץ הכשרה והיה בין החלוצים הראשונים מבני עיירתנו, שעלה לארץ ישראל.

דרכו בארץ לא היתה סוגה בשושנים. עבר עליו מה שעבר על רובם ככולם של הנוער העולה — בזמן ההוא — עם בואם ארצה. קשיי הסתגלות, חוסר עבודה ומחלות. אבל הוא התגבר על הכל ולעולם לא התאונן. הוא קיבל הכל ברוח טובה ובאהבה. לאט לאט הסתדר, בא אל המנוחה ואל הנחלה, התחיל לראות קצת נחת ולפתע — מר המוות.

פרץ היה אדם טוב. היה לו לב טוב, תמיד היה שמח, אם בכחו היה לעזור לחבר ולידיד. הוא לא היה רק נאה דורש, אלא גם נאה מקיים. ביתו היה פתוח תמיד ולכל. בפרט נעזרו על ידו בני עיירתנו שבאו ארצה אחרי המלחמה והשואה. בעזרה לחברים עסק ממש עד יומו האחרון.

פרץ היה חבר וידיד של כל אחד וכולם היו חבריו וידידיו. הוא אהב אנשים וכולם אהבו אותו. פרץ היה אדם חביב, אדם מלבב. החיוך התמידי הלבבי על פניו שבה לב כולם. תמיד הקדים שלום לחבריו ותמיד התפלאתי כיצד הוא מצליח לעשות זאת.

פרץ היה אדם צנוע בהליכותיו. מעולם לא התנשא על אחרים. מעולם לא הרים קולו על אף אחד. על פרץ אפשר לאמר והאיש פרץ עניו מאד.

אנו חבריו וידידיו נישא תמיד, תמיד את זכרו הטוב של פרץ בלבותנו.

יהא זכרו ברוך.

מנחם קזימירסקי

בלה וויצברג ז״ל

עם חתימת הספר הגיעה הידיעה המעציבה על פטירתה ללא עת, של בלה זיצברג, רעיתו הנאמנה של פרץ ז״ל ממחלה ממארת. בלה היתה עזר כנגדו בפעולותיו הברוכות של פרץ ז״ל למען יוצאי העיירה. עלתה ארצה כחלוצה מהראשונות מבנות העיירה, התנסתה בחבלי קליטה קשים וזכתה להקים בית בישראל. יהא זכרה ברוך!

מ. ק.

אברהם אהרן קראוס ז"ל



מבניו של בר קראוס. נולד וגדל בעיירה. איש עמל ועבודה. מפעילי פועלי ציון שמאל ועסקניה. הצליח להמלט מ־צפרני הנאצים ולהסתתר ביערות ובמערות הסביבה. בתום המלחמה עלה ארצה ובנה ביתו מחדש במושב סתריה. מפעילי ה־ארגון של יוצאי ווייסליץ. נעקר לפתע מאתנו והוא עדיין במלוא אונו.

יהי זכרו ברוך.

מ. ק.



יעקב מילר ז"ל



מאיר נוז'יצה ומשפחתו
ביניהם בלה וויצברג ז"ל



ר' אלימלך קזימירסקי ומשפחתו



ר' אברהם הירש זילברברג ומשפחתו



שבתאי זילברשטיין ומשפחתו



ר׳ ישעיה זילברשטין, בנו שבתאי ומשפחתו.



ר' ביניש ריינגבירץ ומשפחתו



מיכאל ריינגבירץ



ישראלקי ריינגבירץ



חיים גולדהר



מנשה קראוס



אהרן קראוס



מינדל שידלובסקי



לאה מילר-קיידן



פלה זילברשטיין — רחל שוואגר



רשיה נוז'יצה



פלה נוז'יצה — מלכה מילר

אלתר אייזנבערג

מיין שטעטעלע...

מיין פיצקעלע שטעטל, א קלייניגקעס
א שטיבעלע און ארעמס אבער א פייניגקעס
דערמאנט מיך אין מיין היים אצינד.
דארט שטייט נאך אפשר דאס וויגעלע
ווו מיין מאמעס ניגונדל
ראזשינקעס און א ציגעלע
פארוויגט האט מיך אלס קינד.
שפעטער אלס גרעסער, געדענק איך נאך בעסער
דעם רבין, דאס חדר, פסח דער סדר
דעם שבת פארנאכט —
ס'האט זיך אזוי קינדעריש געלאכט.
שטילינקע געסעלעך, ליימיקע מויערן
דאס בערגל, דאס טייכל, דער מאמעס א שמייכל —
אייביק נאך אייך וועל איך טרויערן.
איך געדענק נאך די וועלדעלעך
די גרינינקע פעלדעלעך
דאס וואסערל דארט ביי דער הילצערנער בריק
פלעגט רוישן, שטרומען, ברומען
און קיינמאל נישט ווערן מיד.
דארט אין דעם מארק און דאס קלייטל
איז געווען מיין גליק.
א יידיש שטעטעלע, אזא בחנוודיק קליינס
דאס שטעטעלע איז פארבליבן
נאר עס איז שוין נישט מיינס...

מנחם קאזימירסקי

איך געדענק

זיי זענען מער נישטא, נישטא מער די יידישע שטעטליך.
אומזיסט וועסטו זיכען אין די פענסטער נאך ברענעדיגע ליכט,
זיי זענען מער נישטא די שטעטליך,
זייער בלוט מיט זאמד בעדעקט, פארווישט די שפורן,
זיי זענען מער נישטא די שטעטליך,
דארט איז א שיסטער געווען — א פאעט,
א זייגערמאכער — א פילאזאף,
א פריזיער — א טרובאדור,
לבנות, ווינטען, טייכען אין שטערען איבער זיי,
מיט בלוט פון יארן הונדערטער געשריבען די טראגישע פאסירונגען,
פון צוויי פעלקער די אומעטיקסטע אויף גאט׳ס וועלט...

פון דער „עלעגיע פון די יידישע שטעטליך"
פון אנטוני סלונימסקי

איך געדענק מיין שטעטעלע ווייסליץ, כאטש א לאנגע צייט האב איך עס נישט געזען. איר אויסזען האב איך שוין כמעט פארגעסן, אבער ווען איך פארמאך די אויגן, זע איך עס. איך זע מיין שטעטל ווו איך בין געבוירן געווארן און געלעבט מיינע קינדער־און יוגנט־יארן. א דערשטיקודיקע בענקשאפט נעמט מיך ארום ווען איך דערמאן זיך אין מיין שטעטל אויף וועלכן אן אומגליק האט זיך אראפ־געלאזט און עס איז מער נישטא.

איך געדענק דאס שטעטל מיט אירע הייזער און כאטעס, די גאסן געסלעך, מיטן מארק־פלאץ אין צענטער. די שיינקייט פון אירע דעכער, די רויטע דעכער. איך געדענק די בתי־מדרשים מיט זייערע מתפללים, די תלמידי־חכמים און „עמך" ווי איך די פארשידענע חסידישע „שטיבלעך". איך געדענק די פארשידענע און אויסטערלישע לעגענדעס וועלכע האבן זיך געוועבט ארום דער גרויסער שול, וועגן די געהיימניספולע באזוכער אין מיטן נאכט, וועגן די שדים און רוחות וואס

האבן דארט געהערשט און דעם פחד וואס מיר, קינדער, האבן געפילט בעת מיר האבן געהערט די משונהדיקע דערציילונגען. איך געדענק דעם אלטן בית־עולם, וועלכער געפינט זיך נישט ווייט פון דער געגנט פון די שולן, — וואס לויט זייך געשיכטע לערנען מיר די אוראלטע געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין דעם שטעטל. פארבייגייענדיק נאענט פון בית־הקברות האבן מיר געזען דעם קבר־אהל פונעם רב, דעם צדיק פון שטעטל ר׳ ישראל הארוויץ זצ״ל וואס שיינט ארויס פונעם ארום.

איך געדענק דעם צענטער פון דער שטאט און דעם גרויסן און היסטארישן קלויסטער וואס זיין שפיץ גרייכט הויך, הויך, וואס איז געבויט געווארן מיט הונדערטער יארן צוריק.

איך געדענק דעם גלאקן־טורעם נעבן דעם קלויסטער וואס פלעגט זיך צעקלינגען ריטמיש אין טעג פון שמחה און טרויער. אין א זונטיק־טאג און אין די חגאות ווען מאסן גלויביקע זענען פון דער גאנצער געגנט געקומען צום געבעט אין קלויסטער. די קלויסטער־גלאקן האבן אויך געדינט פאר אן אליארם בעת א שריפה אדער אויסנאמצושטאנד.

איך געדענק דאס דלוגאש־הויז, א גרויסער בנין נישט ווייט פון קלויסטער, וואס איז געבויט געווארן אין 15־טן יארהונדערט דורכן ערשטן פוילישן היסטאריקער יאן דלוגאש. איך געדענק דעם חרובדיגער־פלאץ וועלכער איז געשטאנען ביים ראנד פון שטעטל ווו עס האט געוווינט דער בארימטער פוילישער קעניג קאזימיעזש דער גרויסער. פיל לעגענדעס זענען דערציילט געווארן וועגן אונטערערדישן טונעל וואס האט פארבונדן דעם פאלאץ מיטן בארימטן קלויסטער. דער דאזיקער פאלאץ האט געדינט דעם קעניג וולאדיסלאוו לאקעטעק, דעם פאטער פון קאזימיעזש דעם גרויסן אלס ערשטע סטאציע בעת ער האט זיך אומגעקערט פון זיין גלות און איז אויפגענומען געווארן פונדסניי ווידער קעניג פון פוילן. אין דעם פאלאץ האט דער קעניג פארזאמלט די אדל־לייט אויף א גרינדונגסצוזאמענקונפט ווו עס איז געגעבן געווארן די ערשטע געשריבענע קאנסטיטוציע אין דער מדינה און עס זענען צווישן אנדערע אנערקענט געווארן די רעכט פון די יידן אין פוילן. די יידן פון שטעטל זענען געווען שטאלץ דערמיט וואס דאס דאזיקע געזעץ איז אנגערופן געווארן אויפן נאמען פון זייער שטעטל: „סטאטוטווישליצקי״.

איך געדענק דאס שטעטל אין טעג פון בליענדיקן פרילינג, די וועגן וואס פירן צום שטעטל, די פעלדער, וועלדער, אזיערעס און טייכן ארום איר. איך געדענק די דערפער ארום שטעטל. דער ריח פון די שמעקעדיקע און פרוכטבארע

פעלדער, דאס בלוען פון די ביימער, די סטאדעס פי און די שפייכלערס, ווי די וועלט וואלט ווידער אויפגעוואכט. איך געדענק די לאנגע זומער־טעג און די קורצע נעכט. דעם ווייצן־שניט מיט קאסעס, די שמחה און פרייד בעתן שניט אויף די פעלדער.

איך געדענק די שמחה בעתן באדן זיך אין טייך נידא אין די זומער־חדשים בעת מיר פלעגן אריבערשווימען דעם טייך, אראפטויכן און ארויפשווימען. איך געדענק די זארג פון די מאמעס וועלכע האבן געגלויבט, אז דער טייך נויטיקט זיך אין א קרבן יעדעס יאר און אזוי לאנג ווי קיינער איז נישט דערטרונקען געווארן, איז א סכנה זיך אין אים צו באדן. איך געדענק דעם זומער־פארגאנג בעת די פעלדער בלייבן נאקעט און פוסט נאכן שניט און א טרויער איז פארבליבן אין הארץ. איך געדענק דעם הארבסט און דעם ווינטער, וועלכע האבן ארויפגעלייגט א באזונדערן שטעמפל אויף אלץ און אלעמען.

אין הארבסט — אפטע רעגנס, שניידנדיקע ווינטן, דונערן און בליצן, די וועגן ווערן קאליע, בלאטע און קאלוזשעס אומעטום. ווינטער — שניי־שטורעמס, גרויסע פרעסט, די אזיערע און דער טייך פארפרוירן, אנגעשאטענער שניי אויף די דעכער, אויף די צווייגן און אויף אלץ — ווי די גאנצע וועלט וואלט געווען איינגעהילט אין א ווייס קלייד. סוף ווינטער — א נייער זארג — ווען דער שניי טייעט אויף און עס צוגייט דאס אייז און די אייז־קריעס קאנען צעשטערן די בריקן — די האלצענע בריקן — און אפשניידן דאס שטעטל פון דער ארומיקער סביבה.

יידישע פרנסות

איך געדענק די ירידן וואס פלעגן פארקומען אין שטעטל איין מאל א וואך, דאנערשטיק. אין דעם טאג פלעגן שטראמען אין שטעטל הונדערטער און טויזנטער פויערים פון די ארומיקע דערפער און וועגעלעך אנגעפילטע מיט כל־טוב פאר די יידן אין שטעטל. פון אלע שטעטלעך און ארומיקע דערפער פלעגן זיך צונויפ־קומען תבואה־סוחרים פערד־און בהימה־הענדלער, שניידערס און שוסטערס, און אנדערע יידן, — וואס פלעגן שפאנען איבער די מערק; זייער פרנסה איז געווען אפהענגיק פון דעם איינעם טאג, און דאס גאנצע לעבן זייערס פלעגן זיי האלטן אין איין וואנדערן איבער די ירידן.

זומער — די ברענענדיקע זון איבערן קאפ און ווינטער — א שניידנדיקע פראסט. דאס זענען זיי די פשוטע מענטשן, די פראסטע און גוטהארציקע, וואס

זייער גאנץ לעבן באשטייט בלויז פון הארעוואניע און מיט זייער גאנצן וועזן זענען זיי מקיים דעם פסוק „בזיעת אפיך תאכל לחם“. זיי עסן בצמצום, שלאפן ווייניק, יאגן זיך, פלאגן זיך, פארהארעוועטע און אויסגעדרעגגטע, — אלץ בכדי צו דערגרייכן א שטיקעלע פרנסה און צו קאנען דערנערן זייערע משפחות. ווען זיי קומען אויפן מארק פארנעמט יעדער איינער זיין סטאבילן פלאץ אויף וועלכן ער האט „חזקה“. די פויערים און מילך־הענדלער צעעפענען זייערע פעקלעך, צעלייגן די סחורה אויף די בודקעס און סטראגאנעס און די סחורה, וואס איז דעראבערט געווארן מיט ביטערן שוויס איז גרייט צום פארקויפן.

אין די מארק־טעג ווערן אפגעשלאסן אלע האנדלס־טראנסאקציעס. דער מארק איז פול מיט כל־טוב און די יידן פון שטעטל קויפן און פארקויפן. א ספעציעלער מארק איז געווען באשטימט פאר פערד און בהימות. אויף דער דאזיקן מארק זענען מיר געווען עדות פון א שווערן משא־ומתן צווישן די צדדים וועלכע האבן זיך געקריגט און געאמפערט, באגלייט מיט זאפטיקע קללות, ווילדע קולות און אפילו „האנט־מלאכה“; זעלטן ווען האבן די צדדים ארויסגעוויזן ברייטהארציקייט און שטיל דורכגעקומען צווישן זיך. א מארק־טאג איז אויך געווען א גוטע געלעגנהייט פאר א געזונטע כוסע און נישט איין מאל פלעגן די שיכורים זיך צעווילדעווען און א ווילד געשלעג איז אויסגעבראכן אין די גאסן פון שטעטל.

איך געדענק דעם קאמיסאריאט מיט זיינע אפיצערן און פאליציאנטן מיט די שווערדן און פיסטאלעטן. אין א מארק־טאג און בעת א געשלעג פלעגן זיי האבן וואס צו טאן — איינשטילן די געמיטער און מיט אנטבלויזטע שווערדן פלעגן זיי מאכן ארדענונג. פון איין זייט האבן זיי אנגעווארפן אן אימה און פון דער צווייטער זייט געשאפן אן אטמאספער פון זיכערקייט.

איך געדענק די יידישע פרנסות אין שטעטל. די יעניקע שפייזקרעמער די אייגנטימער פון בעקערייען און יאטקעס וועלכע האבן זיך מפרנס געווען קוים מיט צרות. די גאלאנטעריע סוחרים וועלכע האבן זיך שטענדיק געצויטיקט אז דער אייבערשטער זאל זיך איבער זיי דערבארעמען און זיי זאלן חלילה נישט באנקראטירן — ווען עס האט זיך געמאכט א קריזיס אין דער בראנזשע. די לעדער־סוחרים, וועלכע האבן זיך פארלאזט ממש אויף גאטס באראט און וועלכע האבן תמיד געזאגט די תפילת הגשם אינעם יום־טוב סוכות... די אייזן — האלץ און בוי־מאטעריאלן־סוחרים, וועלכע האבן זיך כסדר געווונטשן, אז דאס שטעטל און די דערפער זאלן זיך פאנאנדער־בויען; די שוסטערס און סטאלערס, וועלכע האבן קיינמאל קיין גראשן ביי דער נשמה נישט געהאט, די פלינקע און קליגע שניידערס, — וועלכע האבן קאנקורירט איינער מיטן אנדערן, וואס זייער פרנסה איז געווען שווער ווי קריעת ים סוף און זייער היונה האבן זיי געצויגן פון יריד

אין שטעטל און פון די נסיעות אויף די מערק אין די שכינותדיקע שטעטלעך, זומער אין די רעגן־טעג און אין די זאוויערוכעס און קעלטן — ווינטער, פון פרימארגען ביז שפעט ביינאכט.

שווערער פון אלץ איז געווען די פרנסה פון חברה בעל־עגלות אין שטעטל. יידן ריזן, גוטהארציקע, געזונטע, און הויכע, — וועלכע האבן שטענדיק אין קעשענעס ביי זיך געטראגן א פלאש „96־קער" צו „דערכאפן דאס הארץ און צו דערוואַרעמען דעם גוף, בעת לאנגע נסיעות אויף נישט ברוקירטע און צעקא־לעטשעטע וועגן אויף ווייטע אומעטיקע און שוידערלעכע אומגעגענט, ווו ווינטן ווילדעווען אין די הארבסטיקע און ווינטער־נעכט. אויך צישן דער חברה בעל־עגלות האט מען געזען די ערשטע שפראצן פון „קלאסן". עס זענען געווען בעל־עגלות, וועלכע האבן געהאט סטאבילע „ליניעס" צו די גרויסע שטעט; עס זענען געווען מיט צוויי פאר פערד, — איין פאר איז געגאנגען אין דער גרויסער שטאט און די צווייטע פאר אויפן יריד אין די דערנעבנדיקע שטעטלעך. עס זענען געווען ספעציעלע וואסער־פירערס, — ווער מיט צוויי פערד און ווער מיט איינעם. גערעכטיקייט האט געהערשט אין דער דאזיקער חברה. דאס שטעטל איז פארטיילט געווארן לויט הייזער און גאסן און די בעל־עגלות — וואסער־פירער, האבן אפגעהיט די חלוקה — אן קאנקורענץ. טויזנט מאל שווערער איז געווען די ארבעט זייערע ווינטער, ווען דער טייך ווערט פארפרוירן און מען דארף האקן דאס אייז כדי מען זאל קאנען שעפן וואסער. נישט איינמאל פלעגט דערגיין צו א קריגעריי מיט די יידענעס וועגן דעם ביסל וואסער אין די עמערס, ווען דאס וואסער אין די עמערס איז געווארן פערפרוירען.

איך געדענק אויך דעם גרויסן האנדל און אינדוסטריע וואס איז אנגעפירט געווארן דורך די יידן פון שטעטל. די, וואס האבן זיך באשעפטיקט מיט מסחר אין די פריצישע הייף און אין די וועלדער, ליפעראנטן אין די פריצישע מאיאנטעקס פון פארשידענעם גראד. דאס שטעטל האט געוווסט ווי רייך זיי זענען אבער נאך מער דרך־ארץ האט מען געהאט פאר זיי בעת אין די גאסן האבן זיך באוויזן די פריצים, וואס זענען געקומען באזוכן דאס שטעטל. פיר, זעקס ריטער־פערד איינ־געשפאנט אין א בריטשקע, זענען דורכגעפלויגן דורך די גאסן מיט א שטורעם, איבערלאזנדיק אונטער זיך א שטויב. מיט יראת־הכבוד און מיט קנאה־בליקן האבן די איינוווינער זיי באגלייט בעת זיי האבן באזוכט די געוועלבער אדער ווען זיי זענען אריין אין די הייזער פון זערע קאלעגן — די רייכע סוחרים.

איך געדענק דעם טארטאק אין שטעטל ביי די ברעגן פון טייך נידא. דער טארטאק האט געהערט צו ר' פנחס האפענבערג מיט די זין.

דאס איז געווען אן אונטערנעמונג וואס האט באשעפטיקט צענדליקער פראפעס־יאנעלע און נישט־פראפעסיאנעלע ארבעטער. ער האט געליפערט האלץ, ברעטער און לייסטן פאר בוי־ארבעט אין די סטאלערייען, אויף מעבל, פאר די באדערפענישן פון שטעטל און פאר די דערנעבנדיקע שטעטלעך און דערפער. איינע פון די גרעסטע און שענסטע אטראקציעס פאר דער יוגנט איז געווען צו אבסערווירן די הילצערנע טראטוועס וועלכע זענען אנגעקומען מיטן שטראם פון די קעלצער וועלדער ביזן טארטאק ביים ברעג טייך, טראטוועס, געפירט דורך פליסאקעס. דאס איז געווען א באזונדערס שיין בילד ווען די טראטוועס זענען אנגעקומען פון די קארפאטן און מען האט באדארפט פירן די טראטוועס קעגן שטראם. און די פליסאקעס האבן געשלעפט ביזן טארטאק צופוסנס, ביים ברעג. דער טארטאק איז אויך פארבליבן אין זכרון צוליב דער הכשרה־גרופע „גורדוניה" וועלכע זענען בעיקר געווען באשעפטיקט אין דער אונטערנעמונג. איך געדענק די בחורים און מיידלעך וועלכע זענען געקומען אין שטעטל פון אלע עקן לאנד, וועלכע האבן פאר זייער עולה זיין קיין ארץ ישראל באדארפט דורכמאכן אן ארבעטס־הכשרה אין טארטאק. די פריילעכע בחורים און מיידלעך, וועלכע האבן ארויפ־געלייגט זייער חותם מיט זייער עצם־קומען אין שטעטל. מיט זייער קליידונג, מיט די אפענע קעלנער, פארקאטשעטע ארבל, מיט ארויפגעשארצטע הויזן, מיט זייער רעדן העברעאיש, מיט די אוונטן פון געזאנג אין די יוגנט־ארגא־ניזאציעס, מיט זייער ארגאניזירן קרייזן פאר לערנען עברית — מיט דעם עצמדיגען געדאנק דאס זענען זיי די, וואס זענען עולה קיין ארץ ישראל...

דער איינדרוק וואס זיי האבן געמאכט אויף דער יוגנט אין שטעטל איז געווען גרויס און א דאנק זיי זענען א סך יוגנטלעכע אוועק אין די הכשרה־קבוצים אין גאנצן לאנד און ווער ווייס וויפל פון זיי האבן זיך געראטעוועט פונעם קאטאקליזם אדאנק דער דאזיקער השפעה, דורך זייער עולה זיין קיין ארץ ישראל.

איך געדענק די באן־סטאציע אין שטעטל. דעם קליינעם וואגזאל, וועלכער האט פארבונדן דאס שטעטל מיט דער גרויסער וועלט. איין ליניע אויף דרום־מעריב קיין קראקע, מיט וועמען דאס שטעטל האב בעיקר אנגעהאלטן האנדלס־באציונגען; די צווייטע ליניע — אויף צפון, צו דער פאוויאט־שטאט פינטשעוו, צו דער וואיע־וואדישער שטאט קעלץ, צום גאנצן לאנד און צו דער הויפט־שטאט ווארשע. דורך דער דאזיקע סטאציע זענען אדורך אלע לאנדסלייט וועלכע זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל. און אויך איך בין דארט פארביי אידער איך האב פארלאזט מיין שטעטל ארויספארנדיק קיין ארץ ישראל.

ין מיינע אויגן קלינגט נאך אפ דאס געזאנג פון „התקווה" פון פיל באגלייטער, וועלכע זענען זיך געקומען מיט מיר געזעגענען.

די בתי־מדרשים אין שטעטל

איך געדענק די שולן, די בתי־מדרשים און פארשידענע חסידים־שטיבלעך. די שול איז געווען א פאַרהעלטענישמעסיק גרויסער, הויכער און פעסטער בנין געטינקעוועט פון דרויסן, מיט א סך פענצטער. די שול איז נישט געווען גרויסאַר־טיק פון אינעווייניק אבער עס האט אין איר געהערשט א באשיידענע שיינקייט און א גייסט פון קדושה. אויף וויפל איך געדענק, זענען דארט קיין ספרים נישט געווען און די מעבלירונג איז אויך געווען א באשיידענע. אין דער שול איז געווען א פרעכטיקער ארון קודש און איבער אים צוויי געגאסענע לייבן פון קופער, פון ביידע זייטן עשרת הדברות. צום ארון קודש האבן געפירט א סך שטיגן. פון רעכטס איז געווען דער תפילה־עמוד. דער באלעמער אין מיטן זאל איז געווען ארומגעצוימט מיט א הילצערנע פארענטשע און אויר צום באלעמער האבן געפירט שטיגן. די עזרת הנשים איז געווען גרויס און געראַם. בדרך־כלל זענען אין דער שול געווען סטאַבילע פלעצער פאר די מתפללים. די גרויסע שול פון שטעטל איז געווען אין סטיל פון א סך בתי כנסת אין פיל שטעטלעך, — זי איז אבער געווען די שענסטע פונעם גאנצן ארום.

אין דער דאזיקער שול האבן געדאווענט אלע שיכטן פון דער געזעלשאפט. אין די שבתים און ימים־טובים האט זיך פארן עמוד אוועקגעשטעלט ר׳ משהלע דער חזן וועלכער איז געווען דער סטאַבילער חזן אין דער דאזיקער שול. ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן און באזונדערס ביים מוסף אין די ימים נוראים אדער אנדערע ימים־טובים, איז ביים עמוד געשטאנען ר׳ חיים שלמה הכהן שווארץ — דער רב פון שטעטל מיט זיין מתוקותדיקע און הארצרייסנדיקע תפילה. ווען דער רב פלעגט קומען אין דער גרויסער שול זענען אלע מתפללים פון אנדערע בתי כנסת געקומען צו זיין וווּנדערבארע תפילה. אין דער דאזיקער שול זענען אויך פארגעקומען פייערלעכע תפילות אין די נאציאנאלע יומים־טובים פון דער מדינה.

נאענט פון דער שול האט זיך אויך געפונען דער בית המדרש. א מער באשיידענער און פעסטער בנין, אבער א סך קלענער, מיט גרויסע און ברייטע פענצטער. אויך אין בית מדרש האבן געדאווענט יידן פון אלע שיכטן. נישט ווי אין דער גרויסער שול האט מען אין בית מדרש געדאווענט א גאנצע וואך — פון פארטאג ביז שפעט אין דער נאכט.

אין די וואכנטעג האבן דארט געדאווענט די מערסטע מתפללים פון די „שטיב־לעך", דער חזן פון בית מדרש איז געווען ר׳ עמנואל טאפ. פארן עמוד פלעגן אויך פארבייגיין פארשידענע בעלי־תפילה פון צווישן די מתפללים און די וואס האבן געהאט „יארצייט". דער בית מדרש איז אויך געווען אן ארט פאר לערנען תורה. דא איז אויך געווען א חוג פאר א דף יומי אין תלמוד. דא זענען געזעסן יידן, תלמידי חכמים און חסידים און געלערנט א בלאט גמרא. בראש פון דעם

חוג איז געשטאַנען ר׳ נתן דוד הערשקאָוויטש, דער שוחט און בודק פון שטעטל, א תלמיד חכם מובהק. ער פלעגט פסקנען שאלות און זיך באַטייליקן אי דין־תורה׳ס ביי דער זייט פון רב. דאַ האָט מען האָט זיך טאַקע נישט אַראָפּגעלאָזט אין די טיפענישן פון דעם ים פון תלמוד. אָבער בעת מען פלעגט לערנען דעם שיעור האָט מען צו דער זעלבער צייט געפּילפּלט אין לערנען.

דאָס מעבל איז דאָרט געווען אַרעמלעך אין פאַרגלייך מיט דער שול, אָבער א סך ספרים האָבן באַדעקט די ווענט פון בית מדרש. אין אַן אַנדער ווינקל פון בית מדרש, ביים אויוון, פלעגט זיך פאַרזאַמלען א קליינע גרופּע פּשוטע יידן, „תהילים יידן" און אויסהערן א פּרק פון „קב הישר" אין עברי־טייטש, אין די שבתים פון זומער — פּרקי אבות, אָדער פּרקי אגדות אין די יום־טובים אָדער טרויער און תענית־טעג. בראש פון דעם חוג איז געשטאַנען ר׳ עמנואל. ער האָט אַלץ געטאָן כדי צוצוציען די הערצער פון די פאָלקס־מענטשן צו תורה און טראַדיציע.

יעדן אָוונט פלעגן זיי זיצן אַרום טיש, צונויפגעפּרעסט ביים שיין פון בידנעם נאַפט־לאָמפּ אָדער ליכטל און יידן פאַרנומענע א גאַנצן טאָג מיט עול־פּרנסה — ווער ביים סטראַגאַן, ווער ביים פּרעס־אײַזן און ווער ביי דער שוסטער־קאַפּיטע, — זענען געזעסן און געהערט דעם שיעור. ווינטער פלעגן זיי זיצן ביים וואַרעמען אויוון, — אויסוואַרעמען זיך די ביינער און לערנען.

די חסידים האָבן פאַר זיך נישט געבויט קיין געמויערטע בתי־תפילה. די שטיבלעך האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין אויסערלעכן גלאַנץ. זיי האָבן געדונגען א באַשיידענע דירה, — מערסטנטייל א צימער אָדער צוויי, — אויסגעשטעלט א צוויי־דריי פּראָסטע טישן, א פּאָר בענק ביי דער וואַנט, אַן ארון קודש מיט א פּשוטן פּרוכת, א כיור מיט א האַנטעך — און אָט האָט איר א חסידיש שטיבל.

חזנים מיט געשולטע שטימען האָבן דאָרט ביים עמוד נישט געדאַוונט. דאָ האָט מען מקפּיד געווען, אַז דער שליח ציבור זאָל זיין אַן ירא שמים און ער זאָל פאַרשטיין וואָס ער דאַוונט.

איך געדענק דעם בית מדרש פון ר׳ מאירל האַראָוויץ, איינעם פון די זין פון ר׳ ישראל. דעם געוועזענעם רב פון שטעטל, — דעם אַלטן רב. ר׳ מאירל האָט אָרגאַניזירט אַרום זיך א ברייטערן קרייז אַנהענגער. פיל חסידים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אַרנטלעכן און קלוגן מענטש. ער איז געווען באַשאָנקען מיט גרויסע מעלות. צו אים איז מען געקומען זיך אַן עצה האַלטן און ער זאָל זיין א בורר אין א פאַרפּלאָנטערטן ענין. מען האָט אים באַטראַכט אַלס „רבין" פון שטעטל.

צווישן די פאַרשידענע בתי תפילה דאַרף מען אויסטיילן באַזונדער דעם בית

כנסת פון ר׳ מרדכי ליפא. ער איז געווען א ייד, א בעל־עגלה, א קרעפטיקער ייד, מיט א קורצער ווייסער בארד, א געזונטער און ברייטפלייציקער. ער איז געווען א פשוטער ייד, וואס האט, נעבעך, קיין קינדער נישט געהאט, און ער האט באשלאסן צו טאן „עפעס״ לשם שמים. ער האט אוועקגעשאנקן א טייל פון זיין דירה פאר א בית תפילה פאר די איינוווינער פון א ביסל א ווייטערע געגנט, ביי די ברייזער נעבן דעם שטאטישן שעכט־הויז. דארט האט געווינט „עמך״. ער האט נישט געזשאלעוועט קיין מי. נאך א שווערן טאג ארבעט האט ער זיך אפגעגעבן „זיין״ בית מדרש. ער האט זיך געזארגט, אז שטענדיק צו די ימים נוראים זאל זיין א בעל־תפילה. צווישען אנדערע אויך ר׳ שלמה אייזענבערג.

ר׳ מרדכי ליפא איז געווען א כהן. צוליב זיין איבערגעגעבנקייט און מסירת נפש צום בית הכנסת האט מען אים א נאמען געגעבן „דער כהן גדול״...

שבת אין שטעטל

איך געדענק באזונדער דאס שטעטל אין די שבתים און יום־טוב טעג, אין די טעג פון טרויער און שמחה. איך שפאציר — אין מיין זכרון — אין די הייף און געסלעך פון מיין שטעטל. איך זע דעם שבת אין שטעטל, דאס גרייטן זיך צום שבת, דעם הו־הא אויפן מארק אין א דאנערשטיק־טאג, בעתן יריד אין שטעטל. איך געדענק דעם פרייטיק — ערב שבת, ווען מען פארמאכט די געוועלבער און ווארשטאטן און ווי עס האבן אויסגעזען די גאסן ווען די יידן גייען אין מקווה. מען וואשט די קינדער, מען טוט זיי אן אין די שבתדיקע בגדים — מען גרייט זיך אויפצונעמען די שבת מלכה. איך געדענק ווי די געוועלבלעך האבן זיך געשלאסן מיט איין שאס ווי אויף א קאמענדע — און מען גייט אין שול אריין. די ליכט ברענען, די אטמאספער איז א הייליקע. א שטימונג פון נשמה יתירה און דער חזן צעלאזט זיין שטימע אין א הארציקן „לכה דודי״.

איך געדענק די שטוב פרייטיק־צו־נאכטס, א ווארעמע היים, די ליכט ברענען אין זילבערנע לייכטערס, א ווייסער טישטעך אויסגעשפרייט אויפן טיש און דער טיש געדעקט מיט אלדאס גוטס. מען הויבט אן מיט „שלום עליכם מלאכי השרת״ מיטן באקאנטן ניגון. דאס שבתדיקע עסן און די זמירות צווישן איין געקעכטס און צווייטן.

שבת אינדערפרי. דאס שטעטל שלאפט נאך אין א זיסן שלאף. די גאסן זענען פוסט. דא און דארט הויב זיך אן צו באווייזן די ערשטע יידן צום ערשטן מנין. מעןווארט אויפן „שבת־גוי״, — ווען דער שבת־גוי זאל נישט געווען געקומען, — וואס וואלט מען געטאן אן א ביסל ווארעם געקעכטס ?

יידן גייען אין שול אריין מיט טליתים אין די הענט. די ווייבער גייען באזונדער. די גוייִשע געשעפטן זענען שבת פוסט — די פויערים פון די דערפער קומען נישט אום שבת.

נאכן עסן און אפרו לאזט זיך ארויס די יוגנט אין די סניפים פון די יוגנט־ארגאניזאציעס. מען שפאצירט אויף די בריקן איבערן טייך און מען דיסקוטירט אויף פארשידענע טעמעס. די עלטערן זענען מקיים די מצווה „שלאפן שבת איז א תענוג". נאכן שלאף כאפט מען זיך אריין אין בית מדרש און מ'כאפט א בליק אין א ספר אדער מען לערנט א פרק משניות אדער א בלאט גמרא. און די יידישע מאמעס — אין די „צאינה וראינה". א יידישע מאמע און א „צאינה ורינה" דאס איז א פאר פון גאט...

די מאמע לייענט אויף א קול און די קינדער הערן זיך צו מיט אינטערעס. זיי ווערן פריילעך ווען זי לייענט זיי א מעשה וואס דערוואַרעמט דאס הארץ און פארגיסן א טרער איבערן ביטערן גורל פון יוסף הצדיק, ווען די ברידער זיינע האבן פארקויפט פאר א קנעכט צו די ישמעאלים.

עס פאלט צו די נאכט. אלע ווייסן, אז נאך א ביסל, ווען עס וועט זיך אויסלאזן דער שבת, וועלן די רשעים זיך צוריקקערן אין גהינום אפקומען די שטראף פאר די זינד, וואס זיי זענען באגאנגען. מען ציט אויס אביסל דעם שבת, אז זיי זאלן נישט דארפן אזוי שנעל זיך צוריקקערן אין גהינום, נעבעך.

די מאמע זאגט שוין „גאט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב". המבדיל. צוריק צו די וואכעדיקע טעג.

יום טובים אין שטעטל

איך געדענק יום כפור אין שטעטל. שוין פאר די פרימארגן־שעהן פילט זיך אנהויבן א סך טעג פארן יום־טוב. קודם־כל דארף מען אויסקאַלעכן די שטוב. קאלעכן די שטוב דאס איז א מצווה וואס מ'דארף מקיים זיין יעדן ערב פסח. מען שלעפט ארויס די ספרים פון שטוב, מען צעלייגט זיי אויף טישן, אויף בענקלעך און ווי עס לאזט זיך — זיי זאלן זיך דורכלופטערן...

נאך דעם ווי די שטוב איז שוין אויסגעמאליעוועט, קלאפט מען אויס און מען רייניקט אויס אלץ. מ'וואשט און מ'רייבט די פאדלאגע, מען טראגט אריין דאס מעבל צוריק אין שטוב אריין און אלץ בלאנקט און איז גרייט אויף פסח.

איך געדענק דאס באקן מצה שמורה ביי די חסידים. ביי חסידים איז א מנהג צו באקן מצות מיט די אייגענע הענט לכל הפחות צו די סדר־נעכט און פאר די ערשטע טעג פסח. דאס איז א גרויסע מצווה ביי די חסידים, א די מצה זאל זיין

כשר למהדרין — די דאזיקע מצווה זענען זיי מקיים מיט גרויס דבקות. זיי זינגען און זאגן הלל. זיי באנוצן זיך מיט א ספעציעל וואסער, וואס זיי ברענגען מיט די אייגענע הענט. (אויף קיין שליחים פארלאזט מען זיך נישט.) וואסער, וואס מען ברענגט פון טייך מיט א טאג פריער, „מים שלנו". איך געדענק ערב פסח אין די פרימארגן שעהן. אלץ ווערט געמאכט אין איילעניש, מען עסט שטייענדיק און דעם חמץ, וואס איז פארבליבן, פארברענט מען. מען איז בודק נאכאמאל צי עס איז געבליבן פארבליבן וואס קאן מחלל זיין דעם יום טוב.

איך געדענק די סדר־נעכט. מ'קומט אהיים פאוואליע פון דער תפילה. דער טיש איז געדעקט. די זילבערנע לייכטער אויפן טיש, די ליכט ברענען, און די שטוב איז פול מיט שמחה. אויבנאן זיצט דער טאטע אין א ווייסן „קיטל" און ארום טיש די גאנצע משפחה. מען פילט אן דעם ערשטן כוס פון די ארבע כוסות. קידוש. הא לחמא עניה. דער קלענסטער פרעגט די קשיות. די הגדה. „עבדים היינו..." די דערוואַרטונג, אז די טיר זאל זיך עפענען און עס זאל זיך באווייזן אליהו הנביא. מען זעצט פאר די הגדה. עס צאנקען שוין די ליכט, די קינדער הויבן אן דרימלען און די גרויסע זענען ממשיך ביז חצות.

איך געדענק יום כפור אין שטעטל. שוין פאר די פרימארגן־שעהן פילט זיך די באזונדערע אטמאספער פון דערנענטערנדיקן זיך יום הדין. די יידן פון שטעטל זענען מער איבערגעשראקן אין ערב יום כפור ווי אין אלע אנדערע טעג פון א גאנץ יאר. אן אומרואיקייט און טרויער איז אויסגעגאסן אויף זייערע פנימער. מען דארף זיין גרייט צו עפעס, מ'דארף זיך גרייטן צו א וויכטיק געשעעניש.

פרי פארמאכט מען די געשעפטן, די גאסן ווערן פוסט. אויך די גויים פארשטיין דעם כאראקטער פון הייליקן טאג, ביי זייערע שכנים, די יידן און זיי באווייזן זיך נישט אין דעם טאג.

איך געדענק ווי יידן זענען געגאנגען צו „כל נדרי", נאך דער סעודה מפסקת. מען שפאנט מיט איילִיקע טריט, געשפאנטע, דורך די גאסן און געסלעך. די חסידים אין קאפאטעס פון אטלאס און זייד, איינגעהילט אין ווייסע קיטלען. עס גייען גאנצע משפחות.

איך געדענק די שטימונג אין שול אין דער נאכט פון יום כפור. א גרויסער עולם שטייט צוגעדריקט איינער צום אנדערן און דאס הארץ אין גרויסן פחד. ווען דער חזן הויבט אן: „על דעת המקום ועל דעת הקהל" — און דער עולם זאגט נאך אין א פארכטיקן ציטער.

הונדערטער ליכט ברענען.

נעילה אין שול. עס הערן זיך קולות „פתח לנו שער — בעת נעילת שער, כי פנה היום".

די תפילה ווערט געזאגט מיט גרויס כוונה און פון דער ווייבער־שול הערט זיך דאס כליפען פון די נשים.

נאכן שופר־בלאזן און „לשנה הבאה בירושלים״ איז געענדיקט דער תענית און דער עולם גייט אהיים.

איך געדענק דאס גיין צו „תשליך״ ראש השנה. יידן קלייבן זיך צונויף נאך מנחה און גרופעסווייז גייט מען לאנגזאם דורך די גאסן פון שטעטל צו דער אזיערע „פליט״.

איך געדענק ווי דער עולם איז געשטאנען ביים ברעג אזיערע מיט סידורים אין די הענט און מיט שטילע, געבראכענע קולות: מי אל כמוך... מן המיצר קראתי יה.

צום וואסער זענען געקומען יידן וואס די „זינד״ נעבעך פייניקן זיי. זיי זענען געקומען אויסטרייסלען די קעשענעס און אראפוואארפן פון זיך די חטאים וואס זיי זענען באגאנגען א גאנץ יאר. צוריק גייט מען שוין מיט שמחה...

איך געדענק שמחת תורה אין שטעטל. דאס איז געווען א פאלקס־יום טוב, פול מיט שמחה און פרייד.

די בתי מדרשים זענען פול מיט ליכט און ווארעמקייט. די שולן זענען אנגעפאקט מיט מענטשן, — מער מענטשן ווי אין יעדן אנדערן יום טוב. די קינדער מיט פענדלעך אין די הענט. שמחת־תורה פענדלעך מיט א רויטן עפל און אין עפל א ליכט. א ים פון פענדלעך און פון ברענענדיקע ליכטלעך. און דער חזן הייבט אן: ואתה הראית לדעת... און דער עולם זאגט נאך יעדן פסוק.

ווען מען הויבט אן די הקפות לאזט זיך דער עולם אין א קאראבאד און די טענץ דערגרייכן ביז צו דער העכסטער מדרגה ווי עס ווערט געזאגט: כל עצמותי תאמרנה. שמחת תורה. מען רופט אויף צו דער תורה. דער גאנצער עולם זאגט די ברכה „המלאך הגואל״, ווען די קינדער גייען צוזאמען צו דער תורה און מען פערדעקט זייערע קעפעלעך מיט א טלית.

צום סוף רופט מען אויף צו דער תורה דעם „חתן תורה״ און דעם חתן בראשית. עס איז געווען א טראדיציע אז נאך דער עליה צו חתן תורה און „חתן בראשית״ קומט דער קידוש הגדול. דער קידוש איז געווען כיד המלך. דער עולם האט זיך א לאז געטאן צו די „חתנים״ און מען האט אויסגעליידיקט אלץ וואס מען האט געפינען אין די שענק און אין קוך. און ווידער געזאנג, טענץ, אן א סוף.

אין די הייזער לאזט מען זיך גיין מיד און בגילופין, אבער מיטן געפיל, פון מקיים זיין די מצווה „ושמחת בחגיך״.

איך געדענק פורים אין שטעטל. דעם פריילעכן, לוסטיקן, לעבעדיקן יום טוב פורים. דעם קארנאוואל אין שטעטל. די גאס — מיט קינדער אין מאסקעס, לצים, העלדן און געשטאלטן פון מגילת אסתר. פורים־שפילער גייען פון שטוב צו שטוב און מען מאכט פריילעך. דארט איז מען זיי מכבד מיט גוטע זאכן און מיט געלט.

איך געדענק פורים ביי אונדז אין שטוב. א יונטעוודיקע שטימונג. דער טיש איז געדעקט. א סך געטראנקען און עסן — פון כל טוב.

ביי אונדז איז געווען א מנהג אוועקצולייגן קופקעלעך מיט געלט. דאס געלט איז געווען באשטימט פונאנדערצוטיילן פאר נויטבעדערפטיקע אדער אנדערע געזעלשאפטלעכע צוועקן. אָרעמעלייט פלעגן ווארטן אויף דעם טאג...

און די שלח מנות וואס איינער האט געשיקט צום אנדערן. געבעקס, קיכלעך און המן־טאשן מיט האניק און אמאל אויך א מאראנץ.

שמחות און פאלקס־יום טובים

איך געדענק די שמחות און פאלקס־פארוויילונגען אין וועלכע עס האט זיך באטייליקט דער גאנצער עולם. וועגן איינע אזא שמחה וויל איך דערציילן: א חסידישער רבי איז געקומען אויף שבת אין שטעטל. דער עולם פון די ארומיקע שטעטלעך האט אנגעהויבן שטראמען; ס׳זענען זיך צונויפגעקומען כל מיני חסידים צו באגריסן דעם רבין. דאס איז געווען דער רבי פיו זשוריק. ער איז געקומען דאנערשטיק פארנאכט. א מאסע חסידים האט אים אפגעווארט ביי דער באן. אין שטעטל איז ער פארפארן אין א בריטשקע געשפאנט מיט פיר פערד. אין דער בריטשקע איז געזעסן דער רבי און מיט אים די אנגעזעענע חסידים: ר׳ נתן דוד, ר׳ יוטשע, ר׳ מלך. א מאסע איז נאכגעגאנגען און בעת דער רבי מיט זיינע באגלייטער זענען אריינגעפארן אין שטעטל זענען די גאסן פול געווארן מיט מענטשן. מאמעס מיט קינדער אויף די הענט. אלע ווילן זען דאס ליכטיקע פנים פון רבים, זאל לעבן. —

פון אלע פענצטער האט זיך ארויסגעריסן א שיין פון ברענענדיקע ליכט, זיי זאלן באלייכטן די גאסן.

דער רבי גייט פרייטיקצונאכטס צום דאווענען!

די מאסן באגלייטן אים צו דער אכסניה ווו דער רבי שטייט איין; זיי באגלייטן אים מיט געזאנג.

אלע זענען געקומען צו דער סעודה כדי צו געניסן פון רבינס שיריים. דער רבי רעדט. ארום איז שטיל ווי אין אן אויער. דער רבי נעמט אויף די

חסידים ואן יעדער איינער דערלאנגט אים א „קוויטל״, און בעראטען זיך און פערזענליכע אדער אין געשעפטליכע פראגען.

איך געדענק נאך א פאלקס־שמחה. א סיום התורה. נאכן סיום פלעגט מען די תורה אריינטראגן אין די גרויסע שול. איך געדענק באזונדער דאס אריינפירן א ספר תורה פון דער חב׳ „השכמה״ פון הויז פון וואלף בארנשטיין, ביי דער באטייליקונג פון לובלינער רבין. דאס איז געווען א מאסן־שמחה. דער עולם האט זיך פארזאמלט ארום הויז, וו דער ספר תורה האט זיך געפונען. אין טאג פון דער פייערונג איז מען מכבד שרייבן „אותיות״ פון דער לעצטער פרשה לזכר די פארשטארבענע קרובים. ווער עס איז זוכה צו שרייבן אן „אות״ האלט דאס פאר א גרויסן כבוד.

נאכן פארענדיקן דאס „שרייבן״ שטעלן זיך אויס מענער, פרויען און קינדער צו א פייערלעכן צוג און מען פירט אריין די ספר תורה אין ארון קודש פון דער גרויסער שול.

בראש פון עולם גייט איינער, וואס האט זוכה געווען צו טראגן די ספר תורה און ארום אים טאנצן אלע. מען שטופט זיך, מען צעקוועטשט זיך, אבי צו זיין נענטער און זען די ספר תורה.

איך געדענק ווי אין מיטן דעם „פאראד״ האבן זיך פלוצים באוויזן צוויי „רייטער״ אויף ראסאווע פערד: איינער אין א מונדיר פון א צארישן גענעראל, דער צווייטער אין מונדיר פון א פאלקאווניק. דאס זענען געווען ר׳ לייביש זייגער־מאכער (בעקערמאן) מיט זיין זון טוביה. זיי זענען אריינגעפארן אין געוועלב פון מירל רחל׳ס (כמיעלניצקי) אין סאמע צענטער שטאט. בעתן רייטן האבן זיי געמאכט פארשידענע קונצן. די פערד האבן זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און דער עולם האט געקוועלט.

דער צוג דערנענטערט זיך צו דער שול. דער עולם ווערט ערנסט. עס ווערט שטיל ווען דער רב ר׳ חיים שלמה הכהן שווארץ צעזינגט זיך „לדוד מזמור״.

איך געדענק אויך טרויעריקע געשעענישן. א חליצה־צערעמאניע אין שטעטל. איך בין געווען נאך א קינד און די דאזיקע פאסירונג האט זיך גוט איינגעקריצט אין מיין זכרון. ווען נטע דער שוסטער איז געשטארבן און האט איבערגעלאזט אן אלמנה אן קינדער, האט זי באדארפט באקומען חליצה פון איר שוואגער, דעם מאנס ברודער, כדי זי זאל קענען א צווייט מאל חתונה האבן. שנעל האט זיך צעטראגן די ידיעה, וועגן דעם ווען די חליצה־צערעמאניע וועט פארקומען.

צו דער גענויער צייט האט מען געשלאסן די געוועלבער, פארמאכט די ווארשטאטן און דע עולם, קליין און גרויס, האט זיך א לאז געטאן צו דער גרויסער שול. דארט, אין „עזרת נשים״ וועט עס פארקומען...

אין זאל איז דער שטח ארומגעצוימט געווארן און בראש זיצט בית דין, וואס באשטייט פון רב און צווי דיינים. עס עפנט זיך די טיר און עס באווייזט זיך דער שמש מיטן שטעקן אין דער האנט און גיט צו וויסן דעם בית דין מיט א הויכן קול: — „איך האב אויסגעפירט די פאראָרדענונג פון בית דין, כ׳האב דריי מאל אנגעקלאפט אין קבר פון נפטר און האב אים פארבעטן ער זאל זיך שטעלן פארן בית דין. באלד וועט קומען דער נפטר".

עס איז געווארן א טויטע שטילקייט. עס האט פארפעלט אטעם. אלעמענס בליקן האבן זיך געווענדט אין דער ריכטונג פון גדר וואס איז באשטימט געווארן פארן נפטר, אויף דער שטול, וואס איז ספעציעל פאר אים צוגעגרייט געווארן. אלע האבן „געזען" ווי דער נפטר האט זיך באוויזן און שטעלט זיך פארן בית־דין. דא און דארט האט זיך דערהערט א זעפץ און א געוויין פון די ווייבער...

דער אב בית הדין האט אנגעהויבן. ער האט זיך געווענדעט צום נפטר און געבעטן ער זאל אים מוחל זיין וואס ער האט געשטערט זיין מנוחה און ער זאל זיך שטעלן פארן בית דין.

נאכן אויסהערן די עדות האט זיך די אלמנה געווענדט צו איר שוואגער מיט די ווערטער: ככה יעשה לאיש אשר לא יבנה בית אחיו". און די אלמנה האט אראפגעצויגן א שוך פון זיין פוס, געשפיגן אויף אים און ווען זי האט אים געווארפן דעם שוך האט דער גאנצער עולם זיך צוריקגעצויגן, אז דער שוך זאל, חלילה, קיינעם נישט טרעפן, ווייל טאמער טרעפט ער עמיצן, קען נאך דער געטראפענער שטארבן איידער עס לאזט זיך אויס דאס יאר.

נאכן פארענדיקן אלע איבעריקע פרטים האט דער אב בית הדין מודיע געווען, אז די קייטן פון דער אלמנה זענען אראפגענומען געווארן און דער נפטר קאן זיך צוריקקערן אין זיין מקום מנוחה. דער עולם האט צוגעווארט ביז דער נפטר וועט „פארלאזן" דעם מקום און דער עולם איז זיך פאנאנדערגעגאנגען.

ווען דער עולם איז שוין אוועק פון שול בין איך אנטלאפן שנעל אהיים, געווארפן זיך אויפן בעט און שנעל אנטשלאפן געווארן. אין חלום האב איך נאכאמאל געזען די סצענע ווי דער נפטר האט זיך „געשטעלט" פארן בית דין.

געשאלטן

איך דערמאן מיט ליבשאפט די יידן פון מיין שטעטל וויסליץ, די טייערע יידן, וועלכע האבן במשך פון דורות געלעבט צווישן זייערע שכנים די גוים, זיך באגעגנט מיט די פויערים ביי די מארק־בודקעס. די פלעגן קויפן איינער ביים אנדערן. מיסטישע געשטאלטן. געשטאלטן פון אן איינזאם פאלק. אייניקע פון די דאזיקע טייערע און וונדערבארע יידן וויל איך ווידמען די ווייטערדיקע שורות.

די ערשטע און וויכטיקסטע געשטאַלט אין שטעטל איז געווען די געשטאַלט פון הרה״ג חיים שלמה הכהן שוואַרץ, הי״ד.

א גדול בתורה און אן הדרת פנים. אן איידעלער און אנגענעמער מענטש. א באַשיידענער און גוטהאַרציקער. יעדן איינעם פלעגט ער באַגעגענען מיט א האַרציקן שמייכל. ער איז קיינמאָל נישט געווען אין כעס און יעדן איינעם האָט ער אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש. ער האָט אויפגעשטעלט א משפחה, וואָס איז געווען א מוסטער. אַלע זין און איידעמס זענען געווען תלמידי חכמים. זיין בכור — ר׳ בערעלע, איז געווען רב אין באַגאַריא... דער מיזיניק, לוי׳לע, איז געווען דער ליבלינג פון אַלעמען. יצחק׳ל — מיין גוטער חבר, — א קלוגער בחור, זייער געבילדעט און באַליבט. ער האָט געחולמ׳ט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל — נישט זוכה געווען. דער צווייטער זון — ר׳ אלימלך, דער איינציק לעבנגעבליבענער פון דער ברייט־פאַרצווייגטער משפחה, לעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווו ער איז ממשיך די טראַדיציע פון זיינע אבות און ער איז רב אין לאָס־אַנזשעלעס.

הרב שוואַרץ איז געווען טריי זיין עדה און זי, די עדה, האָט געטיילט צוזאַמען מיט אים דעם ביטערן גורל.

ר׳ נתן דוד הערשקאָוויטש הי״ד, דער שו״ב (שוחט און בודק) פון שטעטל איז געווען די צווייטע פיגור נאָכן רב. א קליינוואוקסיקער מיט א ווייסער באָרד. פון זיינע אויגן האָט געפינקלט מיט חכמה. איינער פון די אָנגעזעענסטע קוזמירער חסידים. א למדן מופלג. צו אים פלעגט מען זיך ווענדן ער זאָל אויפפלאָנטערן א פאַרפּלאָנטערטן אָרט אין ש״ס און פוסקים. ער איז געווען באַקאַנט מיט זיין שאַרפן מוח און שאַרפער צונג. צוליב זיין למדנות און קליגשאַפט האָט מען אים געהאַלטן פאַר דער רעכטער האַנט פון רב. ער איז געווען דיין, ער האָט געפּסקנט הלכות און דין תורהס, צוזאַמען מיטן רב. זיין עלטערער זון ר׳ אברהם אלימלך איז געווען א גאון ווי דער טאַטע. ער איז געווען א רב אין סאָסנאָוויץ. דער יונגערער זון, יעקב יבל״א האָט זיך געראַטעוועט און געפינט זיך אין לאַנד.

ר׳ אלימלך קאַזשימיערסקי — מיין פאָטער ז״ל, איז געווען איינער פון די נאָענסטע פריינד פון ר׳ נתן דוד הי״ד.

מיין פאָטער ז״ל האָט געצויגן זיין יחוס פון באַרימטן רבי׳ן רבי אלימלך פון לוז׳ענסק. נאָך וועמען מען האָט אים א נאָמען געגעבן. אויך מיין פאָטער איז געווען אן אָנגעזעענער קוז׳מירער חסיד און ער האָט זיך באַטייליקט אין חוג פון „דף היומי״. ער האָט אויך געטיילט דעם גורל צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה יידן פון ווייסליץ.

ר׳ עוזיאל אורבאך הי״ד — איינער פון די אנגעזעענסטע גערער חסידים. א ייד, א תלמיד חכם, פון די טוער פון ״אגודת ישראל״ און א מיטבאטייליקטער אין ״דף יומי״. א בעל מוסף אין גערער חסידים־שטיבל. א פארמעגלעכער סוחר, נדבן און שפענדער פארשידענע אינסטיטוציעס פון תורה און צדקה. א גבאי פון דער חברא קדישא. אים איז געלונגען צו אנטרינען פון די נאציס — א פאליאק, ״א גוטער פריינד״ וועלכער האט אים אויסבאהאלטן האט אים ערב דער באפרייאונג דערמארדעט.

—־—־—־—־—־—

אין אונדזער שטעטל זענען אויך געווען אנדערע יידן. מענטשן פראגרעסיווע, מיט נאציאנאלע אנשויאונגען, מענטשן געזעלשאפטלעכע, וואס האבן ליב געהאט א בוך. אייניקע פון זיי וועל איך דערמאנען.

שבתאי זילבערשטיין — א שטאלצער און פארנופטיקער ייד, א געבילדעטער סיי אין תורה, סיי אין וועלטלעכן וויסן. ער האט ארום זיך קאנצענטרירט יידן, וועלכע פלעגן ליב האבן צו הערן בעת ער פלעגט ארומרעדן א וויכטיקן ענין. א ציוניסט. ער פלעגט נישט נאר פארלאנגען, נאר פלעגט אויך מקיים זיין. זיין עלסטער זון, שמעון, איז געווען פון די ערשטע חלוצים אין שטעטל, וועלכע זענען עולה געווען קיין ארץ ישראל.

הערצקע לינדען — א קלוגער און הארציקער ייד, אן אנגענעמער מענטש. א באוווסטזיניקער ציוניסט. א בעל תפילה מיט א זיסער שטימע, — זיין גאנצע משפחה איז אומגעבראכט געווארן.

ישראל בוכמאן — אייד מיט א שארפן מוח, א תלמיד חכם, א דורכגעטריבענער מיט א געזונטן חוש פאר הומאר. ער פלעגט ליב האבן צו ברענגען א גוטן משל אדער דערציילן א פיקאנטן וויץ. ער איז געווען אן אייזן־סוחר, א געזעלשאפטלעכער טוער און דער פארשטייער פון די יידן שטאט־ראט. מיט שטאלץ און כבוד פלעגט ער דארט פארטיידיקן די אינטערעסן פון די יידן.

שאול צוקערמאן — דער ״פאליטיקער״ פון שטעטל. ער איז געווען ציניש און קריטיש. ארום אים פלעגן זיך פארזאמלען מענטשן וואס פלעגן וועלן הערן א קאמענטאר וועגן פאסירונגען אין שטעטל, אין לאנד, אין דער גארער וועלט. ער האט אלץ געוווסט. שטענדיק ארומגערינגלט מיט א גרופע מענטשן וואס פלעגן אויפכאפן זיינע אויסטייטשונגען וועגן אלע וויכטיקסטע געשעענישן.

הענאך שוואגער — דער רייכסטער ייד פון ווייסליץ און דער סביבה. אן אייגנ־טימער פון מילן, א וואלד און באדן־סוחר און הורטאווניק פון טאבאק־פרדאקוטן. ער איז געשטאנען אין נאענטער פארבינדונג מיט די ארומיקע פאלווארקן. א נדבן מיט א ווארעם הארץ. זיין הויז איז שטענדיק געשטאנען אפן פאר יעדן נויטבאדערפ־טיקן. ער פלעגט זיך נוהג זיין יעדן פאר־פסח פאנאנדערצוטיילן קארטאפל פאר ארעמעלייט, אויסער מעל, קמחא דפסחא און סתם מתן בסתר. הארבסט־צייט פלעגט ער פאנאדערטיילן קוילן, האלץ פאר ארעמע יידן. די טראדיציע האט געהאט א שם אין דער גאנצער סביבה.

פארזיצער פון ארטיקן באנק, א וויכטיקע אינסטיטוציע אין שטאט, צו וועלכער די יידן זענען זייער אפט אנגעקומען...

אומגעקומען צוזאמען מיט זיין משפחה אין טרעבלינקע.

וואלף בארנשטיין — א רייכער תבואה־סוחר און ליפעראנט אין די פריצישע הייפן. אן אינטעליגענטער מענטש. שטענדיק עלעגאנט. א באוווסטזיניקער ציוניסט. דער ראש הקהל, וועלכער האט א לאנגע צייט שטאלץ רעפרעזענטירט די יידישע ענינים פאר דער פוילישער מאכט.

משה ווייצבערג — א זון פון ר׳ שמואל ווייצבערג, איינער פון די וויכטיקסטע סוחרים און בעל הבתים. א פארמעגלעכער אייזן־סוחר. א געזעלשאפטלעכער מענטש. א מיטגליד פון דער באנק־לייטונג. א געבילדעטער מענטש מיט א נאציאנאלן באוווסטזיין. א ציוניסט פון די יינגסטע יארן. טעטיק אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

קאפל באנאך — א תלמיד חכם און אינטעליגענטער מענטש, א שניט־סוחר אויפן צענטראלן פלאץ. א מיטגליד פון דער באנק־אנפירונג און איינער פון די פרנסים פון דער קהילה. א טוער פון דער „מזרחי״־באוועגונג, א ספעציאליסט אין שטייערן ענינים. צו אים פלעגט מען קומען נאך אן עצה וועגן פירן חשבונות. ער פלעגט יעדן איינעם העלפן. זיין גאנצע משפחה איז אומגעקומען.

ר׳ יוסף באום — איינער פון די לעצטע פרנסים פון קהילת ווייסליץ. חסיד פון לובלינער רבין ר׳ משה מרדכי טווערסקי. א פארמעגלעכער סוחר און אייגנ־טימער פון א געשעפט אויפן צענטראלן פלאץ פון שטעטל.

א באשיידענער און ארנטלעכער מענטש. זייער באליבט ביי אלעמען. ער האט געהאט האנדלס־פארבינדונגען מיט דער פוילישער אינטעליגענץ. ער איז געווען אן איינגייער אין די מאיאנטקעס און פריצישע הייף. צוליב זיין ארנטלעכקייט האבן אים געשעצט די פוילישע מאכט־ארגאנען און די פאליאקן פלעגן נישט אויסמיידן זיין געשעפט.

ר׳ אברהמ׳ל שידלאווסקי — אן אנגעגעמער, הארציקער און פיינער מענטש. א יודע ספר און עסקן. זייער באליבט ביים עולם. ער איז געווען א פארמעגלעכער מענטש און פלעגט ליב האבן אויסצוהעלפן א נויטבאדערפטיקן.

ער האט געהאט דעם גרעסטן האלץ־סקלאד אין דער גאנצער געגנט. ער איז געווען גבאי אין שול פון ר׳ מאירל האראוויץ.

ער איז געשטארבן פאר דעם קאטאקליזם פון א שווערער קראנקהייט.

לייביש צוקערמאן — א געשטאלט, וואס איז איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון ביזן היינטיקן טאג. א באזונדערע געשטאלט אין דער אלגעמיינער פאנאראמע פון שטעטל. א בלאסער און דארער, מיט טרוימערישע אויגן, מיט אן אייביק פארשעמטן בליק. זיין באציונג צו מענטשן איז געווען עפעס א מאדנע, אויסטער־לישע. ער איז געווען יונג — אבער ער האט זיך מיט קיין זאך נישט פארנומען. ער האט זיך אינטערעסירט מיט וועלט־פראבלעמען, אבער מען האט אים געהאט פאר א בטלן. אן אויטאדידאקט, א באלעזענער, האט א סך געלייענט, — אבער זייער נאאיוו. דאס איז געווען א געשטאלט פון א פילאזאף וועלכער שוועבט ערגעץ אין די ווייטע וועלטן. פונדעסטוועגען האט מען זיך צו אים באצויגן מיט רעספעקט.

ר׳ הירשל טאפ — א ייד פון אן אנדער סארט. א פלינקער, שטרענגער און מכלומרשט בייזער ייד — דער פירער פון דער חברה קדישא. מיר זענען נאך געווען דעמאלט קינדער און מיר האבן זיך פאר אים געשראקן בעת ער פלעגט זיך באווייזן. ער איז געווען בארימט. מיר האבן געהערט וועגן זיינע העלדישקייטן און אויפטועןן אויפן בית הקברות. מען פלעגט וועגן אים דערציילן, אז ער פלעגט נעמען „געזונטע" קבורה־געלט ביי א גביר, וועלכער פלעגט זיך נישט ארנטלעך אויפפירן ביים לעבן און פראווען א לוויה אויף זיין חשבון, ווי ער פלעגט טרינקען מיט דער חברה אויפן חשבון פון זיינס א „קליענט" וואס זיין סוף האט זיך דערנענטערט.

מיר האבן געהאלטן, אז זיין גבורה איז מלא עולם און ער הערשט נישט נאר אויף די טויטע נאר אויפן לעבן אליין.

ער אליין — ווי מען דערציילט, — האט נישט זוכה געווען צו א פאסיקער לוויה. ער איז געשטארבן בעת דער נאצישער אקופאציע און נאר געציילטע מענטשן האבן אים באגלייט צו זיין אייביקער רו.

—־—־—־—־—־—

איך וועל אויך דערמאנען צוויי טייערע ספעציפישע געשטאלטן פון שטעטל — חנה׳לע נאזשיצע און איר זון מאיר נאזשיצע.

חנה׳לע נאזשיצע — איז געווען די איינציקע אקאשערקע אין שטעטל און אין דער אומגעבונג. איך געדענק זי אלס אלטע, הויכע, און א ביסעלע איינגע־בויגענע פרוי, מיט שמייכלדיקע אויגן. א גוטהארציקע. ווען מ׳האט זי געזען פארבייגיין די גאס, פאמעלעך, מיט א קליין לעדערן וואליזקעלע, האבן מיר שוין געוווסט, אז דאס גייט זי צו א קימפעטארן, אז א נייער „מענטש״ ווערט געבוירן. אין אונדזערע אויגן האט זי אויסגעזען ווי א מענטש, וואס מיר אלע האבן איר צו פארדאנקען דאס וואס מיר לעבן אויף דער וועלט. זי איז געווען אן אשת חיל, א חכמה, א הארציקע און גוטמוטיקע. צו איר האבן זיך אלע באצויגן מיט רעספעקט.

זי איז געשטארבן אין טיפן עלטער פון 90 יאר. אין איר לוויה האט זיך באטייליקט דאס גאנצע שטעטל און אויך די גויים פון ארום.

מאיר נאזשיצע — דער רופא פון שטעטל. א הויכער, עלעגאנטער מאן, שטענדיג גוט אפראזירט און א געוויסער טרויער איז שטענדיק געווען אויסגעגאסן אויף זיין פנים. זיין קאבינעט איז געווען אויף דער טארגאווע און שטענדיק איז ביי אים געווען פול מיט פאציענטן — יידן און גויים. א מענטש מיט א ווארעם הארץ, פלעגט ער אויפנעמען הארציק יעדן איינעם. ביי אן ארעמאן האט ער קיין געלט נישט גענומען. ער איז געווען דער רופא סיי פון רייכע, סיי פון ארעמע. אלע האבן פאר אים געהאט דרך־ארץ. א מענטש א באשיידענער. בייטאג און ביינאכט פלעגט מען אים זען קלעטערן צו א בידנעם קראנקן, אין אן ארעמער באטע, אדער שלעפן זיך מיט א פויעריש וועגעלע ערגעץ אין א דארף. ער האט געהערט צום זייער דינעם שיכט אריסטאקראטיע אין שטעטל. א מענטש מיט פראגרעסיווע אנשויאונגען, א געטרייער ציוניסט, דער פארזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ער האט געדאוונט אין דער גרויסער שול און איז געווען פון די „פני״. אומגעקומען אין טרעבלינקע.

יאסקע פלאום — דער לעצטער פרעזעס פון דער קהילה אין וויסליץ. אן איבערגעגעבענער געזעלשאפטלעכער טוער, אקטיוו צווישן די האנטווערקער און דער פארזיצער פון זייער פארבאנד „יד חרוצים״. א פארמעגלעכער מענטש, אן אייגנטימער פון א שניט־קראם און פון א שניידער־ווארשטאט. אן עלעגאנטער מענטש.

ער איז געווען דער פארזיצער פון דער יידישער קהילה בעת דער נאצישער אקופאציע. ער האט רעפרעזענטירט די יידן פאר דער היטלעריסטישער מאכט מיט כבוד. נישט איינמאל האט ער איינגעשטעלט זיין לעבן לטובת די יידן פון שטעטל. בראש פון דער קהילה איז ער געגאנגען דעם לעצטן וועג אין די גאז־אויוונס פון טרעבלינקע.

די דאזיקע טייערע יידן זענען מער נישטא. אלץ איז אפגעמעקט געווארן פון דער ערד־אויבערפלאך. די טייערע נשמות זענען ארויס דורך די קוימענס פון די גאז־אויוונס און דער ווינט האט זיי צעזייט איבער אלע פיר עקן פון דער וועלט.

ביי דעם דיכטער לארד בייראן איז פאראן א ליד:

א פויגל האט א נעסט,
א חיה האט א הייל
א מענטש האט א הויז,
א ייד האט א בית הקברות.

דער דיכטער האט נישט פאראויסגעזען, אז עס וועט אמאל קומען א צייט, וואס פרעטענדיקט צו זיין א צייט פון פראגרעס, אז יידן וועלן קיין בית הקברות אויך נישט האבן...

טויזנט יאר האבן מיר געלעבט אין גלות־פוילן און צום סוף האט אונדז די ערד אויסגעשפיגן אויף אייביק.

אלהים ינקום דמם...



רח' זלוטה — די שוהל גאס
ברקע — שמעון זילברשטיין ואהרן גולדהאר



יוצאי וויסליץ בהקמת לוח הזכרון במרתף השואה בירושלים



שרידי וויסליץ — על הר-ציון בירושלים



אזכרה השנתית לקדושי וויסליץ בתל-אביב

מימין לשמאל: אלתר איזנברג, יצחק קזימירסקי, שמעון זילברשטין, יעקב הרשקוביץ והחזן.



מסיבת קבלת-פנים — להרב אלימלך שווארץ מארה"ב ומשפחת רוזנטל מקנדה בבית ציוני אמריקה.

מימין לשמאל:

הארי רוזנטל, יצחק קזימירסקי, אלימלך שווארץ, שמעון זילברשטיין ויעקב הרשקוביץ




הרב אלימלך הכהן שווארץ ומשפחתו. ארה"ב



הארי שטרנפלד
ארה"ב



יואל פילץ
ארה"ב



ס׳ברענט ברידערלעך ס׳ברענט!
אוי אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!

מ. געבירטיג

הרב אלימלך הכהן שווארץ

מיין פערברענטער טלית און תפילין

עס איז געווען אין יענע טראגישע טעג.

עס איז געווען פרייטיק דער ערשטער סעפטעמבער פון טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק, ווען א שווערער שאטן איז אראפגעפאלן אויף דעם אידישן לעבן אין פוילן, א שאטן פון טויט, וואס האט שפעטער אומגעבראכט דאס גאנצע אייראפעאישע אידנטום.

אין יענע טעג זיינען מענטשן אריינגעווארפן געווארן אין פאנישן טויט־שרעק, און מיליאנען מענטשן האבן איינער דעם אנדערן געפרעגט: וואס האט פאסירט? וואס איז געשען?

די ראַדיאָ מעלדעט אַז דייטשלאַנד האָט דעקלערט קריג צו פוילן, אין די היטלער חיילות זיינען שוין אַריבער די פוילישע גרעניצן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע טראַגישע שעה׳ן, יענע שרעק, און יענע צעמישעניש וואָס אָט די ידיעה האָט אַרויסגערופן ביים פוילישן אידנטום.

איך קען זיך נישט דערמאָנען, ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן. איך געדענק בלויז אַז מיטאַמאָל האב איך דערזען הונדערטער און טויזנטער מענטשן לויפן. מען לאָזט אַלעס איבער אויף הפקר, די היימען, דאָס גאַנצע האָב און גוטס אויף וועלכן דורות האָבן שווער געהאָרעוועט און געאַרבעט, און מען לויפט, בעסער געזגט, מען אַנטלויפט, מען פילט אינסטינקטיוו די אָנקומענדע געפאַר, און מען פרואווט זיך ראַטעווען. אַלץ גייט, פאָרט און לויפט אין שרעקלעכער צוטומעלטקייט, אין חיה׳שער פאַניק און בהלה. אַ פאַרלאָרנקייט שפּארט פון די אויגן, מען לויפט, כאָטש מען ווייסט אַז מען וועט סיי ווי סיי ווייט ניט אַוועקלויפן, אָבער דערווייל ויל מען זיך ראַטעווען.

אינמיטן אַ נאַכט, וואו איך האָב דעמאָלט פאַרבראַכט מיין אורלויב ביי מיינע עלטערן אין אַ קליין פויליש שטעטל ווייסליץ (אין וועלכן מיין פאָטער איז געווען רב), ווערן מיר אויפגעוועקט מיט אַ געוואַלדיקן רעש פון אונזערע שכנים: רב, ראַטעוועט אייך מיט אייער פאַמיליע... און ווייטער געדענק איך אַ שאָסיי, און אויפן שאָסיי פיל מענטשן, גאַנצע מחנות, עס איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי

קומען דאָ אַהער אַזוי פיל מענטשן. עס כוואַליעט אַ מענטשן כוואַליע אויף די פוילישע וועגן. עס גייען אַלע, יונג און אַלט, געזונט און שוואַך, אַלץ שפּאַנט פאָראויס.

א מוראדיקער ציטער האָט מיך דאַן דורכגענומען, ווען איך האָב דאָס אַלעס געזען, און איך האָב געטראַכט: וויפיל היימען זיינען דאָ פאַרלאָרן געוואָרן? וויפיל איינגעלעבטקייט איז דאָ צעשטערט געוואָרן? אָבער עס איז ניטאָ קיין צייט צו טראַכטן, מען ווערט מיטגעשלעפּט פון דער מענטשן מאַסע וועלכע מאַרשירט מיט פּעק און זעק, אויף זייערע מידע, שוין אַיינגעבויגענע פּלייצעס, און איבער דעם אַלעס זעסטו ווי אויף אָט דער מענטשן־מאַסע הויערט אַ גוואַלדיקע פאַרצווייפלונג און רעזיגנאַציע. און ווען דו קוקסט דיך גוט איין אין דעם גרויזאַמען, טראַגישן בילד, נעמט זיך דיר דאַכטן אַז אָט דאָ, אין דער מאַסע, גייט אונזער נעכטן, היינט און מאָרגן...

ווער עס האָט נישט דאַמאָלסט געזען דעם צער, דעם געבראָכענעם מוט פון אָט די נעכטיקע גוט סיטואירטע מענטשן, און היינטיקע מידע, מוטלאָזע, טראַגישע וואַנדערער—דער ווייסט נישט וואָס אַזוינס עס הייסט צ ע ר...

און אינמיטן דעם טראַגישן לויפן, האָבן די אַראָפּלאַנען גענומען שוועבן איבער אונזערע קעפּ און זיי זייען טויט און פאַרניכטונג איבער די וועגן. מיר הערן די געוואַלדיקע אויפרייסן פון זייערע באָמבעס. מיר זעען גערדיכטע וואָלקנס רויך, עס ברענט, די וועלט ברענט, גפרית ומלח שרפה כל ארצה... אידישע שטעט און שטעטלעך ברענען, די וועלט גייט אונטער!!!...

מידע און מאַטע, הונגעריקע און דורשטיקע, זעצן מיר פאָר אונאַטש גאַנג. ביינאַכט געפינען מיר אַביסל רו. אַוועקלייגן דעם מידן שווערן אַטש אויף אַ האַרט שטיקל ערד... אָבער דאָס דויערט נישט לאַנג, ווייל גלאַאַטש מיט דעם פרימאָרגן קומען זיי ווידער, די מחבלים... זיי קומען, די עראָפּלאַנען וועלכע לויערן אויף די וועגן און נעמען ווידער וואַרפן זייער באָמבעס, און די וועגן ווערן פול מיט הרוגים... עס קראַכן באָמבעס ניש ווייט פון אונז. עס ציטערט די ערד. דער רויש פון די נאָענטע מאָטאר פאַרטויבט די אויערן. דער טויט שוועבט איבערן קאָפּ... מען פאַלט אַן פון פּחד און די כוחות גייען אויס. עס איז שווער ווייטער צו לויט אָבער שרעק פרעגט נישט. עס טראָגט דעם מענטשן ווי אַ ווינט...

אין דער גרויסער פּאַניק, אין דעם שרעקלעכן כאַאָס און שטיק ניש פון דעם אונבאַשרייבלעכן מענטשן־קנויל, הויבן אָן אויסצוגיין כוחות, די פיס טראָגן נישט מער, מען הונגערט שוין אונטער ביסלעכווייז דאָס עסן וואָס מען האָט אין איילעניש מיטגענומען, גייט שוין אויס און אַ טרונק וואַסער אָדער אַ שטיקל ברויט ווערט דעמאָלט באַצאָלט מיט גאָלד און בריליאַנטן...

איך שטיי און קוק זיך צו, צו דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן די מענטשהייט און די וועלט, און איך זאָג צו מיין פאָטער און אַ אינגערן ברודער וועלכע האָבן זיך אויך געפונען מיט מיר דעמאָלט איר זעט, דאָס איז דאָך אונטערגאַנג, אַזאַ אונטערגאַנג איז דאָך נאָך נישט געווען זייט וועלט און מענטש עקזיסטירן. און אַ טיפער אונענדלעכער צער נעמט מיך אַרום אויף אָט דער אומגליקלעכער מענטשן מאַסע וואָס דער טויט האָט אַרויסגעיאָגט אויף די וועגן...

מיין ליבער פאָטער זאָגט דאַן צו מיר, און צו מיין אינגערן ברודער: „מיינע קינדער, איך גיי נישט מער, איך גיי נישט ווייטער, איך בלייב דאָ. און זאָל זיין וואָס עס וויל. יעדער מענטש האָט זיין גורל. איך קען נישט מער, איך קען נישט מער זען אַזוי פיל פיין און מענטשלעכן עלנט, איך קען נישט מער זען דאָס גרויסע אומגליק וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער וועלט בכלל, און אויף מיין פאָלק בפרט... אָט דאָ בלייב איך און גיי נישט ווייטער“.

מיר בלייבן מיט אונזער אַלטן פאָטער. מיר לייגן זיך אַוועק אין דרייען אויפן גראָזביים זייט פון שאָסיי. דאָ, אויפן פעלד, איז רואיק, און מיין פאָטער פרעגט: „פאַרוואָס באַשטייט ניט די וועלט אינגאַנצן פון ליידיקע פעלדער?“ ליגנדיק אַזוי אויפן פעלד, קומען מחשבות אין קאָפּ. מען נעמט טראַכטן וועגן דעם היימישן וואַרעמען און טייערן ווינקעלע וואו מען האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי און קינד... קינדער האָבן איבערגעלאָזט עלטערן, ברידער האָבן איבערגעלאָזט שוועסטער, מענער האָבן איבערגעלזט פרויען און קינדער. מען איז פשוט נישט צוגעגרייט צו אַזאַ מוראַדיקן גיהנום אויף דער ערד... און מען איז צופרידן דו צו בלייבן אויפן פרייען פעלד, און נישט ווייטער מיטצומאכן דאָס זינלאָזע שווערע לויפן, און נישט צו זיין מער קיין עדות פון דעם שרעקלעכן תהו ובהו און גיהנם...

עס איז דער דריטער טאָג פון אונזער לויפן. מיר קענען נישט מער. די כוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט, און אַזוי זיינען מיר געבליבן אינמיטן וועג, געבליבן ליגן טרויעריקע און גלייכגילטיקע אויפן פעלד און אָפּגעוואַרט דאָס ווייטערדיקע...

אין פערטן טאָג פון דער מלחמה.

די דייטשן מאַרשירן מיט אַ גוואַלטיקער שנעלקייט. ווי שדים און רוחות טראָגן זיי זיך פאָראויס און וואַרפן אומעטום אָן א אימה, זיי דעריאָגן אַלעס אויף די וועגן, און די אַלע לויפנדע מענטשן פאַלן אַריין אין די הענט פון די מערדער. מיר זיצן ביים ראַנד פון וועלדל, מיר הערן פון וייטן דאָס רוישן פון טאַנקען און מאַשינען. עס דערנעענטערן זיך די היטלערישע חיילות. מיר זען די ערשטע מחבלים מיט זייערע כלי משחית קומען אָן... אַ טויט שרעק באַפאַלט אונז און איך געדענק ווי מיין פאָטער זאָגט צו אונז: „קינדער מיינע, מיר זיינען פאַרלוירן, אונזער לעבן האָט זיך יעצט געענדיקט. יעדן טאָג, יעדע שעה וואָס זיי וועלן נאָך אונז לאָזן לעבן איז געשענקט“. אָט אַזוי האָט שוין דאַמאָלסט מיין

פאָטער ע״ה פאַראויסגעזען דאָס גרויסע אומגליק וואָס איז געקומען אויף אונזער פאָלק. און פאַקטיש ווער עס הט זיי זענען אָנקומען, האט דערקענט, אז דאס איז נישט קיין רעגולאַרע ארמיי, נאָר דאס איז א מחנה מערדער. זיי האבן באַלד גענומען מאָרדן און ראַבעווען, ברענען און פאַרסמ׳ען, דערשיסן און הענגען, אָט אָ דאָס איז געווען זייער ערשטע אַרבט גלייך ווי זיי האָבן זיך באַוויזן אין די אידישע שטעט און שטעטלאך. מיט צעבערכענע געמיטער, אינגאַנצן אָן קוראַזש און אָן האָפנונג, האָבן מיר זיך יעצט געפונען אין די הענט פון די דייטשע הענקער, וועלכע האָבן אונז געהאַלטן אויף אַ פרייען אָפענעם פלאַץ דריי טעג אָן עסן און אָן טרינקען. פון די גרויסע מאַסן מענטשן וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף די וועגן, האבן זיי אין דער ערשטער ריי אויסגעקליבן די אידן, וועלכע מען האָט מחנותווייז אַוועקגעשיקט גלייך קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, און אין די קאָנ־צענטראַציע לאַגערן. זיי האָבן שוין נישט מער געזען די ליכטיקע שיין פאַר זייערע אויגן, זייער פיל אידן האָבן זיי דעמאָלט אויסגעשאָסן גלייך אויף די וועגן, און אַ געוויסן טייל האָט מען נאָך שווערע און גרויזאַמע פייניגונג אָפגעלאָזט צוריק אַהיים...

און דאָ קום איך צו דעם עיקר וואָס איך וויל דאָ פאַר אַיך, ליבע לייענער, איבערגעבן.

די גרופע אין וועלכער איך, מיין פאָטער ע״ה און מיין ברודער זיינען געווען, האָט געציילט 500 אידן. אָט די גרופע האָט מען דעם ערשטן טאָג פון אונזער אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט, אַוועקגענומען צו זייער שווערער אַרבעט. מיר האָבן געמוזט גראָבן גרויסע גריבער און באַגראָבן אַלע הרוגים, וועלכע זיך געוואַלגערט אויף די וועגן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ גרויסער טייל פון אונזערע ברידער. אָפטוענדיק די אַרבעט אַריבער צוויי טעג און צוויי נעכט, האָט מען אונז גענומען אויפן דריטן טאָג און אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ רייע. עס זיינען אָנגעקומען צוויי הויכע מיליטער אָפיצערן מיט רעוואָלווערן אין די הענט און הבן געהייסן אָנגלייגן אַ ברענעדן שייטער־הויפן, און יעדער פון אונזער גרופע אידע וועלכער האָט מיט זיך געהאַט תפילין, האָט געמוזט מיט זיינע אייגענע הענט אריינוואַרפן די תפילין אין שייטערהויפן. עס איז געקומען די רייהע צו מיין פאָטער ע״ה, בין אידמיט מיין אינגערן ברודער מיט אים מיטגעגאַנגען, און ווען מיר זיינען צוגעקומען נאָענט צו די מערדער, האָט איינער פון זיי מיר דערלאַנגט אַ מעסער און געזאָגט: „אָט האָסטו אַ מעסער און שנייד אַרונטער די פיאות פון אָט דעם שוויין...״ און נאַכהער האָבן זיי געהייסן מיין פאָטער נעמען די תפילין און זיי אַריינוואַרפן אין פייער, און ווען ער האָט אָנגעהויבן זיי דערקלערן אַז דאָס זיינען הייליקע זאַכן, מיט וועלכע מיר בעטן גאָט, האָבן זיי אים אָנגעהויבן שרעקלעך שלאָגן מיט די אייזערנע הענטלאך פון זייערע רעוואָלווערן פון וועלכען

ער איז אַוועקגעפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער און פאַרחלש'טער... און דאַן האָט איינער פון זיי צוגעשטעלט זיין רעוואָלווער צו מיין קאָפּ און אויסגעשריען: „דו שמוציקער שוויין, דו דרעקיגער יודע, וואַרף שנעל דאָס מיסט אַריין אין פייער, ווען נישט דערשיס איך דיך ווי אַ הונט...“ איך האָב מער נישט געזען וואָס אַרום מיר קומט פאָר. איך האָב נאָר געזען ווי „גווילין נשרפין, ואותיות פורחות באויר“... איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ צעבלוטיקטער, אַ פאַרוואונדעטער. עטלעכע שעה שפּעטער האָב איך געזען ליגן נעבן מיר מיין אַלטן פאָטער מיט אַ פארבאַנדאַזשירטן צעבלוטיקטן קאָפּ.

אָט אַזוי האָבן געמוזט טאָן די אַלע וועלכע האָבן ביי זיך געהאָט תפילין. אונטער קלעפּ און פאַרשידענע פיזישע און מאָראַלישע ליידן, הט מען אונז דעמאָלט געלאָזט „פריי...“

צעבראָכענע, צעטראָטענע, זיינען מיר צוריקגעקומען אין אונזערע אויס־געראַבירטע און אויסגעפּלינדערטע היימען, פון וועלכע מיר זיינען ערשט מיט אייניקע טעג צוריק אַוועק, און דאָס איז ערשט געווען דער אָנהויב פון יענע גרויזאַמע און טראַגישע טעג, און פון דער שרעקלעכער מאַרטיראָלאָגיע וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר דעם פוילישן יודנטום אין יענע ערשטע טעג פון סעפּטעמבער ניין און דרייסיק, וואָס האָט דערפירט צום אומקום פון זעקס מיליאָן אידן.

היינט, צען יאָר שפּעטער, זע איך נאָך יענע פלאַמען וועלכע האָבן פאַרצערט די הייליקע פרשיות פון מיינע תפילין, און וועלכע האָבן אויך שפּעטער פאַרצערט מיין גאַנצע פאַמיליע און דאָס לעבן פון מיליאָנען קדושים וטהורים, און איך טראַכט:

די ווילדע חיות פון די אייראָפּעאישע וועלדער האָט מען פאַרטיליקט — די ווילדע מענטשן פון אייראָפּע זיינען פאַרבליבן, און זיי גרייטן זיך ווייטער צו דער בלוטיקער סעודה פון ש ט ן...

עבודת־כפיה בשואה




סלילת כביש לבוסק ע"י יהודי-וויסליץ



אידישע מיידליך ארבייטען אין גיריק.

פון רעכטס: **1. א מיידל פין פולצוסק, 2. פריידע רייגנעווירץ, 3. חנה פאצאנאווסקי, 4. נישט בעקענט. 5. רייזל אוקסענהענדלער, 6. מרים ואסתר וואקסמן, 7.ביילע גרושקוביץ, 8. ביילע לאה כץ, 9. לאה זיידנער, און אנדערע**

אביגדור פרייס



מחתרת אנטי־נאצית

בראשית שנת 1941 תוכננה התארגנות מחתרתית אנטי־נאצית. נושא הרעיון היה גרעין קטן של פעילים מתנועות נוער שונות. היוזם הראשי היה הח׳ אלתר איזנברג. מטרת היוזמים היתה להכין את הנוער המוכן לכך, ליחידה לוחמת נגד אויב העם היהודי בבוא העת. מכשולים רבים עמדו בדרך המארגנים, והיה עליהם להתגבר על קשיים בסבלנות. הרי במקצת מהבעיות הקשות שעמדו בדרך הפעולה: 1) כיצד להבטיח חשאיות גיוס הנוער מחוץ לחוג המחתרתי; 2) כיצד נתקשר עם תנועות התנגדות גדולות שמחוץ לעיירה, בכדי לקבל עזרה והדרכה, או עם ספקים אפשריים של נשק, 3) מניין נגייס כספים לרכישת נשק והיכן נתאמן בו.

פגישות חשאיות והשגת נשק

לאחר שיקול קפדני הוכנה רשימה של הנוער הבא בחשבון להתקבל לחוג מחתרתי. הרשימה היתה מצומצמת וזה בגלל כללי זהירות שהיה לנקוט בכדי לא לסכן את המבצע. ראשוני המתארגנים היו: אלתר איזנברג, אביגדור פרייס והאחים אברהם וחיים בורנשטין. בהמשך הזמן הורחב החוג והתווספו החברים: עוזר ביק, מלכה קראוס, מאָטל גרינבלט, דורה בוקיט, לוסיה הרמן, סלה אוסטרוביץ, איצ׳ה בער דיאמנט, אברהם אהרן קראוס, יוסף קראוס ואחרים. החוג הצליח להתקשר עם פ.פ.ר. (המפלגה הקומוניסטית במחתרת) באמצעותו של שומר המנסרה (פולני) בווייסליץ. הוא היה קומוניסט בעל הכרה עוד מלפני המלחמה ולא אנטישמי. כמקום מגוריו שימש בית קטן על יד נהר נידה לא הרחק מהגשר. היה זה מקום אידיאלי לפגישות חשאיות, ניתן היה להגיע אליו בלילות חשוכים ובזהירות מבלי להתפס ע״י הגרמנים. נזכר אני באפיזודה טראגית אחת בעת שהותנו אצלו ביום אחד על עלית־גג ביתו. פתאום נשמעו יריות קרובות. אחרי זה ראינו דרך חרך לוחות העץ עוברת על הגשר כיתה של ס.ס.

ונוסעת לקוניצמוסטי. מיד בא אלינו השומר וסיפר לנו שהגרמנים ראו אשה בורחת, ירו אליה והרגוה. היתה זו יהודיה עניה שנשאה אתה שקיות תפוחי אדמה — מזון לילדיה, וכשראתה את הגרמנים נבהלה והחלה לרוץ, הגרמנים ירו עליה והרגוה. התחלנו לאסוף בינינו סכומי כסף לרכישת נשק, אף אחד מהחוץ לא היה מוכן לספק לנו אותו ללא תשלום. גם בכסף קשה היה להשיגו. האפשרויות הכספיות היו מוגבלות מאד. לא היו בעלי אמצעים שיתנו כסף למטרה זו, ונוסף לכך היתה סכנה של גילוי הקבוצה. קנינו על כן נשק בכספים, ממקורות עצמיים. נרכשו 2 רובים ואקדחים אחדים מפולנים. הנשק חולק לשמירה והוסתר בין החברים. רובה אחד או שניים הוסתרו ע״י מאטיל גרינבלט על עלית גג ביתם, אקדח אחד הוסתר ע״י אל־ר איזנברג, ואקדח אחד ע״י כותב השורות האלה.

בהזדמנות זו ברצוני למסור על מקרה אופייני בקשר להסתרת האקדח. החזקת נשק בבית קשור בסכנת נפשות של כל הגרים בדירה. פעם חיפש אבי הי״ד משהו בדירה וגילה את האקדח שלא היתה לו כל ידיעה עליו. צפיתי לשערוריה מצדו בקנה מדה בלתי רגיל. להפתעתי הרבה, אבי הי״ד שאל אותי מניין לי כל זה ולאיזו מטרה הוא. את ההסבר קיבל בשקט גמור, כאילו הוא עצמו היה מורד. הנשק הוסתר במקום בטוח יותר. בעית האימון בנשק היתה הקשה ביותר בגלל חוסר מקום מתאים ובטוח, ומחסור בתחמושת. לכן כמעט שלא היה תירגול חי אלא הדגמה לחברים אחדים על צורת החזקה, הטענה, פירוק והרכבה של נשק. נוסף לזה נעשו ניסויים ע״י אחים בורנשטיין לייצר פצצות הצתה או להפעלת חומר־נפץ. הניסוי הוכתר בהצלחה מלאה, הפיצוץ התקיים בדיוק בזמן שנקבע לו.

נסיונות להצטרף לפרטיזנים

בשלהי קיץ 1942 הונהגו משמרות לילה בתורנות. לאור חיסול הגיטאות בערים הסמוכות, נוכחנו לדעת שהגרמנים סוגרים את הדרכים לפנות בוקר, בכדי למנוע בריחה מהעיר. לפיכך על השומר היה להיות עירני בשעות הקטנות וברגע שמגיעים אליו תנועות וקולות מגרמנים, עליו מיד להעיר את יתר החברים שבקבוצה, ואשר ישנו שניים־שלושה מרוכזים במקום אחד. על החברים היה להסתלק בכל המהירות, לפני הקפת העיירה ע״י הגרמנים ועוזריהם ולהגיע לנקודת מיפגש בכפר ליד העיירה אופטוביץ, לא הרחק מהנהר ויסלה. אמנם השמירה פעלה כסדרה. ביום שמיני עצרת תש״ג — יום חיסול וגירוש יהודי וויסליץ, הצליחו רוב החברים לברוח מהעיירה, עם חלק מהנשק שניתן היה להסתירו על הגוף, ולהגיע לנקודה. תוך יום או יומיים התאספו החברים הנמלטים. איש קשר ממרכז פ.פ.ר. שהיה בנקודת המיפגש ועליו היה לארגן את היחידה

כקבוצת פרטיזנים, לצייד אותה ולהעמיד מפקד בעל נסיון צבאי בראשה, ואחרי זה הקבוצה תנוע מזרחה, לסביבות יערות גדולים, הנותנים אפשרויות מסתור ולחימה. בעת ארגון היחידה דרשנו, שיוסיפו לנו לאו דוקא יהודים לוחמים מנוסים וליצור יחידה לוחמת. להפתעתנו נאמר לנו שרק אנו כתריסר וחצי חברים מווייסליץ צריכים להוות היחידה וינתן לנו מפקד, שבוי נמלט, קצין מקצועי. נרמז לנו שלפי שעה אין שולחים לוחמים פולניים ליחידות פרטיזניות מסביבה זו, ושבודאי במזרח נוכל להתחבר לקבוצות אחרות. כעת עליו לארגן רק אותם החברים, שאין להם אפשרות קיום אחר, הווה אומר רק יהודים נמלטים מהגיטאות. קיבלנו כמפקד היחידה קצין רוסי אשר הסתתר בחסותה של הפ.פ.ר. בכפר.

באחד הלילות, הועברה הקבוצה בסירות דרך נהר הויסלה, לגדה הימנית הגליצאית לשטח שיחים. עוד לפני היציאה הצטרפו אלינו כמה צעירים מהעיירה שגם הם הצליחו להמלט מה„אקציה" והם: הרשל צוקר ונתן פפר. יום ראשון בשדה בין השיחים עבר בפעולות התארגנות בפיקודו של הקצין הסובייטי. החבר אלתר מונה על ידו ל„פוליטרוק" היחידה. תוך כדי ההכנות, מתוך התבט־אויות של המפקד ומפקודותיו הסתבר לנו שהוא חדור כולו דעות אנטישמיות והוא בעצמו אוקראיני. פקודתו הראשונה היתה, למסור לו את הכסף, השעונים ודברי הערך שהיו לנו, לפני היציאה למרחקים. התגברו חששותינו עוד באותו היום, שהוא ינצל הזדמנות כל שהיא, בהיותנו רחוק מנקודת המפגש, וקרוב יותר לאוקראינה, יסתלק מהקבוצה, שהוא מפקדה. התקיימה התייעצות בין חברים אחדים — מבלי שהמפקד ירגיש בזאת — והחלטנו שיש להתקשר בדחיפות עם הנקודה שמעבר לנהר לפני עזבנו את השטח. נמצא תירוץ כלשהו, והח׳ אלתר עבר את הנהר והודיע על מגמותיו של המפקד. למחרת בלילה הגיעו אלתר עם איש המרכז למקום שהותנו. לתדהמתנו הרבה, במקום להחליף את המפקד, החליט במקום לפזר אותנו ולנתק את המגע עם קבוצתנו. נימוקיו לא היו נקיים מרמזים אנטישמיים. הצטערנו מאד, שהרעיון שהגינו בו בגיטו והתמסרנו לו בכל נפשנו, לא ניתן לנו להגשמה וזאת שלא באשמתנו, אלא באשמת המארגנים והקשורים בהם — חברים פולנים מפ.פ.ר. לא נותר לנו מוצא אחר מהמצב שנקלענו בו, אלא לשוב בחזרה לעבר הנהר ויסלה. לאחר התיעצויות מרובות, ולאור המצב הכללי שהיינו נתונים בו, לא רצינו וגם לא היתה אפשרות להמשיך כקבוצה גדולה, כי הנהגת הקבוצה היתה לוקחת על עצמה אחריות על קיומו הפיסי של קומץ היהודים, ללא סיכויים של המלטות מצפרני הנאצים. הוחלט איפוא שכל אחד ואחד יחליט על עתידו ויהיה אחראי לגורלו. האנשים התפזרו בקבוצות קטנות וביחידים. חלק הגיעו למחנות, חלק הסתתר במערות ויערות או במקומות מחבוא אחרים, או יצאו עם תעודות זהות אריות אשר את טופסיהם השגנו פעם ע״י פריצה נועזה של כמה מחברי החוג המחתרתי למשרדי העיריה בווייסליץ.

כעת לאחר שנים רבות מהתקופה הנוראה ההיא, הנני משוכנע שפעולתנו היתה בעלת ערך חינוכי. זו עדות לכך שלא כל היהודים ישבו באפס מעשה ולא התארגנו נגד האויב. אם לא התגשמה תכניתנו על לחימה ממשית נגד הנאצים, אפשר לפחות להתנחם בזה שארגון החוג גרם לבריחת צעירים יהודים מבתיהם ולהנצלם. מביניהם שרדו בחיים: אלתר איזנברג, אביגדור פרייס, אברהם אהרן קראוס ז״ל, דורה בוקייט, הירשל צוקר, מלכה קראוס, נתן פפר וסלה אוסטרוביץ.

במטבח הצבורי



מימין לשמאל:

פלה נוז׳יצה, לאה דזיאלושיצקי, בלצ׳ה אוסטרוביץ ומלכה מילר

יצחק קזימירסקי

הגירוש מוויסליץ

„אני הגבר ראה עני בשבט עברתו"
איכה ג, א'

שמיני עצרת תש"ג 3.10.1942

שקט שלפני הסערה. העיירה שרויה בפחד מתמיד, פחד ופחת ופח! הדי הגירושים מגיעים, האוירה היא קודרת. הרגשה מיוחדת במינה אופפת את תושביה, יאוש ואכזבה! הרגשה של כליון המתקרב ובא! כמו טיפון ענק רב עצמה המתקרב ואין בידי אדם לעצרו — כך היינו אובדי־עצות וחסרי־אונים, כשהגיעו שמועות משמועות שונות ומשונות. מהן סותרות על הגירושים ועל גורל המגורשים, אשר היו: בוורשה, קילץ, צ'נסטוכוב ועוד, אבל הסערה התקרבה גם אלינו הגיעו ידיעות על הגירושים, שבוצעו באיזור מיכוב הקרובה אלינו, ונודעו לנו פרטים מדויקים יותר על השיטות של הגרמנים ועל ההרג, אשר מבצעים כעת הגירושים. אך כאשר לפני ראש השנה תש"ג התחיל הגירוש הראשון בדזיאלושיץ. והגיעו אלינו פליטי הגירוש, אשר הצליחו להמלט מתוך גיא־הריגה, התחיל הדבר לקבל צורה יותר מוחשית. התחלנו להבין, שגם תורנו מגיע. פליטי דזיאלושיץ התחבאו אצלנו לבל יוודע הדבר לגרמנים. האנשים האלה היו מרי־נפש, ועצבות היתה נסוכה על פניהם. כי רק אתמול חזו בחורבן עירם היו מסתובבים אצלנו כצללים איומים המרגישים על בשרם טעם נע־ונד.

יום הכפורים — לתמונה הקודרת בלאו הכי הוסיפו הפליטים שפגשנום בבתי תפילה ביום־הכפורים. צער רב גרמו לנו האנשים האלו. השבורים ורצוצים בלב ונפש. האנשים נמלטו ללא משפחותיהם, כל אחד ברח לאן שיוכל והדאגה למשפחותיהם היתה גדולה. אך הם לא תארו לעצמם, שלא יראו אותם לעולם. בשעה שהשמיע החזן תפלת „אל מלא רחמים" — געה כל העם בבכי. כל העינים זלגו דמעה, כל אחד התפלל בסתר לבו, שינצל מכל פגע המתקרב ובא, לבבות נקרעו לקולן — אבל שערי דמעות נשארו נעולים. בגמר החג איחלו אחד לשני „גמר חתימה טובה" אבל ההרגשה לא היתה טובה.

הושענא רבה — קרני השמש הסתויות חיממו במקצת את תושביה המיואשים של העיירה. מתהלכים אנשים ומתלחשים ביניהם. ולא יודעים מה לעשות: מה נשמע? שומעים מכל מקום ומכל פינה. אי־שקט גבר מאד בין תושביה היהודים. גורם נוסף לאי־שקט נפשי היה בקורו הפתאומי של מפקד הז'נדרמריה המחוזית הגרמנית וחבר מרעיו בווייסליץ, הם הסתובבו סביב העיירה וחזרו כלעומת שבאו. מאוחר יותר התברר, שהיתה זאת תכנית גרמנית לאגוף העיירה לבל ימלט איש ביום הפקודה. רחובותיה של ווייסליץ אבלות, אין רואים אנשים בחוץ הכל סגור בפנים, כאילו זה יכול לעזור במשהו. אי שקט גובר. הלבבות נחשו, שמשהו עלול לקרות. אין כמעט תכונה לקראת החג שלמחרת. בליל החג היו בתי־התפלה ריקים ממתפלליו יהודים בחוץ לא רואים בכלל. אימה וחשכה גדולה נפלה עלינו, שלא היתה דוגמתן בכל שנות הכבוש הגרמני. העיירה סגורה ומסוגרת — אין יוצא ואין בא. בלב כבד ובדאגה עמוקה הלכו יהודי ווייסליץ לישון בלילם האחרון בעיירה.

שמיני עצרת — כמו רעם ביום בהיר, נפלה הידיעה בעלות השחר, שהעיירה מכותרת ע"י גרמנים ופולנים וחברי פלוגות העבודה הפולניים. יום „מהומה מבוסה ומבוכה — יום צרה ותוכחה! העיירה רעשה כמו במחזה של רעידת אדמה, יהודים עצבניים, אצים רצים, מכאן לכאן, כאילו נטרפה דעתם עליהם, לברוח מעיירה מאוחר מדי, נהי בכי תמרורים! בכל בית מתכוננים אנשים לנסיעתם האחרונה, אורזים את חבילותיהם הדלות, אשר מותר להם לקחת אתם. קצת חפצים וקצת אוכל. אחרי שעתיים הכנות ניתנה הפקודה: על היהודים להופיע בככר־המרכזית.

מצעד המוות — מחזה אימים זו — אוי לעינים שכך ראו! מתחילים להגיע לככר־המרכזי שבעיירה משפחות, משפחות מכל רחובותיה ומכל פינות העיר. אנשים ונשים וטף. לבושים במיטב בגדי חג חורפיים וחבילות בידיהם. מבט של שכנינו הפולניים מגלים שביעות רצון. לאט לאט מתרוקנת העיירה מתושביה היהודים, המגיעים למקום ריכוז בככר המרכזית (באותו זמן הגיע שליח מקהלת נובי־קורצין לדעת אם נכונה הידיעה על הגירוש. ברגע זה פגשתיו, ואמרתי לו „מהר המלט פן תספה") בין המוני היהודים בלטו בנוכחותם: הרה"ג ר' חיים שלמה הכהן שווארץ רבה של ווייסליץ והרב ר' נתן דוד הרשקוביץ השי"ב, אשר רק הם היחידים הצליחו לשמור על זקניהם עד הרגע האחרון וזאת למרות האיסור מצד הגרמנים.

מתחילים להסתדר שורות שורות בפקודת הגרמנים, כדי להקל על הספירה. בראש עומדים ראשי הקהלה ומשפחותיהם, כשראש הקהלה בוכה בקול רם. אנשים מקנאים באלה, שאינם כאן, סימן שהצליחו להמלט או להתחבא אפילו אם

חיי שעה הם אלה, אבל בכל זאת זו היא גבורה, כי הם לא נכנעו לפקודת הגרמנים.

בפעם האחרונה התאספו יחד כל יהודי ווייסליץ, כשראשיהם מורכנים ופניהם כבושים באדמה מרוב חרפה ודי בזיון וקצף; פחד היה להסתכל בתמונה הקודרת הזאת. משפחות הסתדרו ליד משפחות על נשיהם וטפם.

„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו"... עוקרים אנשים ממקומות מגוריהם, אשר אבות אבותיהם גרו כאן דורות על גבי דורות, פה נולדו, פה חיו, וכאן נקברו. השרשרת נמשכה מאות בשנים והנה שוד ושבר! עוקרים אותם עד היסוד ועמל של דורות יורד לטמיון.

שואה ומשואה ואין מציל!

אחרי המפקד מגיעות עגלות להוביל אותם מכאן לפינצ׳וב. עגלות עגלוח לאין סוף, מאות עגלות מכל הכפרים שבסביבה. כך שבמצוות הגירוש, ישתתפו ככל האפשר יותר פולנים. היהודים — הקרבנות עולים על עגלות, משפחות משפחות, ולאט לאט מתחילים לעזוב את הככר המרכזי. היהודים מביטים עוד פעם אחורנית ורוצים לראות את העיירה בפעם האחרונה, ובבכי עוזבים היהודים את ווייסליץ. וסוף בא גם עלינו עלה הכורת! תם ונשלם הגירוש — נסתם הגולל על העיירה, נשארה אבלה ווייסליץ ללא יהודיה.

את דרכם האחרונה מלווה תפלתו הערבה של ר׳ הרצקי לינדין, אשר התפלל בדרך את „תפלת־הגשם" האחרונה שלו.



אסיפה בחצר המטבח הצבורי — במרכז: אלעזר באום

בלה שידלובסקי־טקל



במחנה השמדה אושוויץ

הגרמנים נכנסו לוויסליץ ב־8 לספטמבר 1939. יום לפני כן ריכזו הפולנים עצים לצרכי הבריקדות ברחובות על מנת להקשות לגרמנים על הכניסה לעיירה, אך, כמובן, שהדבר לא הועיל הרבה. משפחתי, שהיתה בעלת בית מסחר לעצים, נצטוותה יום לפני הכיבוש לעקור מן המקום ולעבור לסביבה אחרת. מילאנו אחרי הפקודה והסתתרנו במרתף אחד הבתים ברחוב אחר. דרך החלון ראינו אש ושמענו יריות חזקות. כשהללו נשתתקו אמרה אמנו „הבה ניגש לביתנו ונראה מה קרה שם". כשבאנו למקום ראינו את ביתנו על המטלטלים והחפצים שבו עולה בלהבות. בינתיים בא מולנו חייל גרמני רכוב על אופנוע. הוא עצר אותנו, כיוון את האקדח מולנו ושאל אותנו לסיבת בואנו למקום זה. הסברנו לו את העניין והוא הסתפק בכך. במרתף הסתתרה כל משפחתנו, שהיתה מורכבת מהאם, שלש אחיות נשואות עם בעליהן וילדיהן, שני אחים וממני.

ימים מספר לאחר הכיבוש החלו מעשי ההתעללות באוכלוסיה היהודית. משמרות הצבא הגרמני עברו בעיירה ופקדו על כולנו לצאת החוצה. כולם רוכזו על מגרש גדול שבסביבת העיר, אך הפעם ניתן לנו לשוב בשקט לעיירה. בשעות הלילה נאסר על היהודים לצאת מפתח ביתם. ה„גיסטאפו", שכמקום משכנו שימשה העיירה הסמוכה נובי־קורצ׳ין, מינתה קומיסרים על בתי העסק היהודיים, היו אלה פולנים או „פאלקס־דויטשה" (גרמנים, תושבי פולין) והרוכלים היהודיים, שרצו לצאת לסביבה, נדרשו להצטייד ברשיון מיוחד לכך. אחרת נמנע מהם מלצאת את העיירה.

לא ארכו הימים והוטלה עלינו הגזירה לשאת את „הטלאי הצהוב" והגרמנים אף מינו „יודנראט". החיים בעיירה נעשו קשים ביותר והגזירות, בעיקר על הרקע הכלכלי, הלכו והתרבו. לעיירתנו אף הגיעו פליטים מערים אחרות. לצרכי פליטים אלה וכך גם לצרכי הנזקקים מבני העיירה עצמה הוקם מטבח עממי. עבדתי בהתנדבות במטבח זה. כעבור זמן מה החלו הגרמנים להוציא את היהודים לעבודות כפיה שונות בסביבת העיר ופה ושם אף אירעו מעשי רצח.

לקניית סחורה דרוש היה רשיון מיוחד, שהיה ידוע בשם „בצוגשיינה". רשיונות כאלה לא ניתנו ליהודים אלא לפולנים. בדלית ברירה נאלצנו להשתמש בעזרת הפולנים למטרה זו והללו עשו זאת תמורת תשלום. פעם ראו אנשי ה„גיסטאפו", שמביאים אלינו סחורה. נלקחתי על ידם לחקירה לעיירה בוסק המרוחקת מווייסליץ כ־12 ק"מ. מכיוון שהייתי כבר בחזקת חשודה בעיני הגרמנים נלקחתי על ידם לחקירה נוספת כעבור שבועות אחדים. הדבר היה לאחר שסחורה שהוחרמה על ידם נעלמה לפתע. הפעם היתה החקירה קשה מאד. הגרמנים הכו אותי. הדבר נמשך עד שבעת החקירה נכנס גרמני אחר, שהשקיט את הרוחות. שוב הוחזרתי הביתה. כעבור שבועות אחדים נאסרתי שוב, אך הפעם הובילה דרכי לא חזרה הביתה אלא דרך קיילצה למחנה ההשמדה של אושוויץ. הייתי האשה הראשונה והיחידה מווייסליץ, שנשלחה לאושוויץ, באשר האחרים הועברו בתקופה מאוחרת יותר למחנה ההשמדה של טרבלינקה. הדבר היה בחודש יולי 1942. מאז עד לאחר המלחמה לא ראיתי יותר את עיירתנו, אך תמיד בחלום ובהקיץ חשבתי עליה. נדרתי בלבי לעשות את הכל מצדי כדי להשאר בחיים ולפגוש עוד את מישהו מבני משפחתי. נשארתי אמנם בחיים, אך מבני משפחתי לא נשאר יותר איש בחיים. כשנפרדתי מהם לא עלה בדעתי, שיותר לא נפגש.

במחנה אושוויץ

החיים באושוויץ קשים היו מכל הבחינות ואין בכוחי לתאר את כל מה שעבר עלי ועל האסירים האחרים. עבודת פרך, חיי רעב וניוון, עלבונות ומכות אכזריות היו מנת חלקנו והחלשים שמתוכנו נפלו אחד אחד. מפורסם היה באושוויץ ה„בלוק" מס' 25. זה היה „צריף המוות". שם רוכזו אנשים חולים, חלשים וזקנים. משם הם יצאו לעבודה, אך בדרך כלל לא חזרו יותר.

מיד לאחר שהובאתי לאושוויץ הועליתי יחד עם נשים אחרות לעלית־גג. בבוקר נערך לנו מפקד („ציילאפל"), גילחו את ראשינו ונצטווינו ללבוש מדי אסירים. היו אלה שמלת־פסים ונעלי־עץ. לא הכרנו ממש אשה את רעותה. העסיקו אותנו בהטענת חול על ה„לארעס" (עגלות קטנות, אשר שימשו למטרה זו) ואף בהגשת לבנים ובחפירת בורות. בדרכנו לעבודה ליוו אותנו אנשי ה„גיסטאפו" ואתם גם כלבים. לא פעם שיסו בנו הגרמנים את הכלבים. לא מעטים מבין האסירים והאסירות נפלו בדרך או שהובאו במצב של גסיסה חזרה למחנה. האסירים הוכו עד זוב דם ומרובים היו מקרי התעלפויות. אכן, צריך היה להיות „מומחה", כדי לא לספוג מכות מידי הגרמנים. כמעט מדי יום ביומו — ולעתים אף פעמים ביום — נערכו סלקציות בין האסירים, ואף מקרה הוא, שפלוני נשאר

בחיים או נשלח מיד לתאי הגאזים. את מעשי האכזריות של ה„קאפוס" אין לתאר במלים. תפקידים אלה מילאו בדרך כלל גרמנים ופולנים ולבושתנו — לעתים גם יהודים. בעיקר הצטיינו באכזריותן הנשים, שהוטל עליהן לשמש בתפקיד זה. היו אלה נשים גרמניות ופולניות.

בדרך כלל היו המפקדים נערכים בבוקר ואחרי הצהרים, אך היו גם מקרים יוצאים מן הכלל עת שהמפקדים נערכו בצהרי יום. זוכרני, שלפתע נפוצה שמועה במחנה, שאשה אחת בשם מאלה מבלגיה נעלמה לפתע. מיד החלו החיפושים אחריה ומצאוה יושבת במסעדה בעיירה סמוכה. היא הובאה חזרה לאושוויץ והאסירים נצטוו לבוא לראות כיצד מובילים אותה לתליה. מאלה ניסתה לחתוך את ורידי ידיה. היא צעקה „רוצחים!", „קחו נקמה מרוצחים אלה!" מאוחר יותר היא הובלה למשרפת הגז ושם מצאה את מותה. ראיתי גם כיצד אנשים ונשים הועלו על הגרדום או הוכנסו לתוך משרפות הגאזים וה„ציקלון" הופעל נגדם. זוכרת אני, שבשנת 1944 נפוצה לפתע ידיעה, שעומד לפרוץ מרד במחנה. הוברר, שנגנב נשק מבית החרושת „אוניון". שלוש צעירות יהודיות נתפסו ע"י הגרמנים והועלו על הגרדום לעיני כולנו. מצב רוח מדוכא השתרר אז במחנה ולא ידענו מה ילד יום.

„טרנספורטים" לקול נגינה

כמעט מדי יום ביומו הגיעו „טרנספורטים" חדשים למחנה. המוסיקה ניגנה והבאים לא ידעו תחילה מה מצפה להם והיו כאלה ביניהם, שבתמימותם חשבו, שלעבודה הם באים ויוכלו כאן להנפש מזוועות ה„גיטו". לא פעם שמענו מתוך תאי הגאזים את הקריאות „שמע ישראל" „אל אלקים זהו הסוף שלי". מצב זה נמשך עד ינואר 1945, כשלמחנה החלו להגיע שמועות, שסופם של הגרמנים קרוב. אז גברה בלבנו התקווה, שעוד נזכה לעבור את זוועות המלחמה. לפתע נצטווינו לארוז את חפצינו. משך ששה ימים וששה לילות הובלנו למחנה ראוונס־ברוק, שם נשארנו שבועות אחדים. משם הובילה דרכנו למחנה נוישטאטגליווה. מחנה זה נכבש ע"י הצבא הסובייטי ואנו שוחררנו לאחר התלאות, שמצאו אותנו משך תקופה כה ארוכה. אכן לא האמנו, שאנו שוב רשאים ליהנות מחופש ומחיים נורמליים. היינו שבורים בגוף ובנפש ומלאי דאגה היינו לעתידנו. את חיינו באושוויץ, חיי הרעב והיסורים, מעשי הרצח וההתעללות, לא נשכח לעולם ואת מראה התליות ומשרפות הגאז זוכרת אני עד היום.

כשחזרתי לעיירה מצאתי בה יהודים בודדים וביניהם את אסתר ויספלד הנמצאת עתה אתנו בישראל. הפולנים הופתעו ושאלוני „את עוד חיה?" ו„לשם מה באת הנה?" הגרמנים והפולנים חיללו את בית העלמין והשתמשו במצבות

לריצוף המדרכות בעיירה. בקושי גיליתי את מקום קבורת אבי, אברהם, שנפטר לפני המלחמה והזוועות והוא אז פחות מבן ארבעים. תשמשנה גם שורות אלו נר נשמה לזכרו וכמו כן לזכר אמי שרה, אחיותי חנה, אלקה ומינדל ובני משפחותיהם והאחים ישראל מאיר ואליעזר דוד, שנשלחו למחנה טרבלינקה ומשם לא חזרו יותר. ד' יקום דמם.

רצה הגורל, שאשאר בחיים ואזכה להמשיך את חיי במדינת ישראל ולהקים בה משפחה, אך זכר „הימים ההם" מלאי החרדה, היגון והיסורים לא ישכח מלבי לנצח.

מטבח צבורי



מימין לשמאל: **טאבצ'ה קזימירסקי, ליבעלה קזימירסקי, יעקב מילר, טובה קליינפלאך, סאלה אבאזנסקי, ובלה שידלובסקי.**

אסתר מילר-ווייספלד

אין דארף סטאווישיצע

ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן זענען מיר געווען א גרויסע פאמיליע: עלטערן, פיר שוועסטער און דריי ברידער. איינע פון די שוועסטער מיינע האט שוין עולה געווען קיין ארץ ישראל, אבער אלע אנדערע זענען מיר געווען צוזאמען אין ווייסליץ. איצט בין איך געבליבן איינע אליין. מיין שוועסטער אין ישראל, לאה, איז געשטארבן אין ישראל מיט 13 יאר צוריק; מיין ברודער יעקב, וועלכער, האט עולה געווען קיין ישראל שוין נאכן קריג, איז געפאלן אין קיבוץ המעפיל בעת דער באפרייאונגס־מלחמה אין יאר 1948. מיינע עלטערן, הירש־לייב און חנה און די צוויי ברידער מיינע: משה און קסילעק, זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע און די שוועסטער מיינע: רעלה און מלכה, וועלכע האבן זיך אויסבאהאלטן צוזאמען מיט מיר, — זענען דערמארדעט געווארן אין דער ווייסליצער געגנט.

שמונה־עצרת 1942 האבן די דייטשן באפוילן די ווייסליצער יידן זיך קאנצענ־טרירן אין איין פלאץ. מען האט אונדז ארויפגעזעצט אויף וועגענער און געפירט קיין פינטשאוו. פארן שטעטל, ווען מיר זענען געבליבן שטיין אויפן שאסיי, איז פלוצלונג אנגעקומען אנטקעגן אונדז א „פאלקס־דויטשע" און האט זיך געווענדעט צו אונדז מיט א געשריי: — „אנטלויפט פון דאנען"!! בלויז איך און א מיידל מיטן נאמען לאה, האבן אים געפאלגט און אנגעהויבן אנטלויפן. מיר זענען צוזאמען געגאנגען אין דארף יורקאוו און דארט האבן מיר זיך אויסבאהאלטן 3 טעג, ביז דער אייגנטימער פון הויז, א פאליאק, לאה'ס א באקאנטער, האט געזאגט, אז מיר מוזן זוכן אן אנדער ארט ווייל די דייטשן זוכן אומעטום. בדלית ברירה האבן מיר פארלאזן דאס דאזיקע הויז און געגאנגען אין שטעטל סקאלאמיעזש. דארט האט געוווינט מיינער אן אנקל. אט ביי אים טאקע האב איך זיך געטראפן מיט מיינע שוועסטער רעלא און מלכה און מיט מיין ברודער יעקב.

א חודש צייט זענען מיר געווען צוזאמען. מיר זענען שפעטער געגאנגען אין דארף סטאוויעזשיצע. במשך פון עטלעכע מאנאטן האבן מיר זיך אויסבאהאלטן ביים פאליאק סטאך לישאי. מיט אונדז האט זיך אויך אויסבאהאלטן דער בחור, שלמה קליינפלאץ. ער איז אבער אין עטלעכע וועכן שפעטער אוועקגאנגען קיין נאווי־קארטשין. דארט האבן אים די דייטשן געכאפט. מיר האבן זיך דערוווסט, אז עס איז פאראן א מעגלעכקייט אים צו ראטעווען. מיין שוועסטער רעלא, האט מיטגענומען

מיט זיך געלט און איז אוועק קיין נאווי קארטשין. אויף צוריקוועגס האבן זי די דייטשן געכאפט און אראפגענומען דעם קאפ. מיין צווייטע שוועסטער, מלכה, איז ארויסגעגאנגען עפעס קויפן אין דער נאנטער געגנט, — פאליאקן האבן זי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן. זיי האבן איר געפייניקט גאנצע דריי טעג, געריסן ממש פון איר שטיקער און לבסוף דערמארדערט. זי האט בשום אופן נישט געוואלט אויסזאגן דעם פלאץ ווו איך און מיין ברודער באהאלטן זיך אויס. דאס איז געווען א קורצע צייט פאר דער באפרייאונג.

דער פאליאק, סטאך לישאי, האט אונדז אויסבאהאלטן א לענגערע צייט. ער האט זיך אבער אויך געשראקן צו האלטן אונדז לענגער ביי זיך. ער האט אונדז אריבערגעפירט צו זיינע א קוזינע. מיר האבן געפילט, אז דער זון פון דער קוזינע וויל אונדז דערמארדן. ער האט מיטגעבראכט מיט זיך א באקאנטן שלעגער און אנטיסעמיט, וועלכער האט גערדאט, אז ער וועט אננעמען מיטלען קעגן אונדז. נאר על־פי נס האבן מיר זיך ארויסגעדרייט פון זייערע הענט. דער באנדיט האט אונדז כלומרשט געוואלט מיטנעמען צו די פארטיזאנער...

מיר האבן זיך אויסבאהאלטן ביי איינער א קריסטלעכע פרוי במשך א טאג אדער צוויי און שפעטער זענען מיר אריין אין א גרוב און דארט זיך אויסבאהאלטן. דער פאליאק יוזעף טערקא פלעגט אונדז שיקן יעדן טאג עסן מיט א קליין 7־יעריק יינגעלע. אט טאקי אין יענער צייט איז מיין שוועסטער מלכה ארויסגעגאנגען עפעס פארקויפן און האט זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט... עטלעכע מאנאטן האט די גרוב אונדז געדינט אלס א „דירה“. נאך א שטיקל צייט האט טארקא אונדז אריבערגעפירט צו זיך אין שטוב און האט אונדז אויסבאהאלטן אין א גרוב, וואס ער האט אויסגעגראבן ביי זיין שטוב. דארט האבן זיך אויסבאהאלטן עטלעכע מאנאטן, ביז די רוסן זענען אנגעקומען און אונדז באפרייט. מיר האבן זיך אויסבאהאלטן בערך 3 יאר. דער גורל האט געוואלט מיר זאלן בלייבן לעבן. נישט איין מאל האבן די דייטשן באזוכט דאס קליינע דערפל אין וועלכן מיר האבן זיך אויסבאהאלטן. עס האט זיך אונדז דאן געדאכט, אז דער סוף אונדזערער איז נאנט...

נאך דער באפרייאונג בין איך געקומען צוריק קיין ווייסליץ אבער כ׳האב דארט קיינעם פון מיין משפחה נישט געטראפן. אלץ איז געווען פוסט און וויסט. איך בין דארט פארבליבן בלויז עטלעכע וואכן. שפעטער בין איך געווען אין לאדזש, אין בערלין און אין קיבוץ אין אשוואגן. פון דארט בין איך געפארן אין א מעפילם שיף קיין ארץ־ישראל אבער די ענגלענדער האבן אונדז געכאפט און געהאלטן אין קאפריסין גאנצע זיבן חדשים. ענדלעך איז אונדז געלונגען אריינקומען קיין ארץ־ישראל און אנהויבן דא אונדזער לעבן פונדאסניי.

יצחק אביאלי

זכרונות פון בונקער

„...והיו חייך תלואים לך מנגד.
ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך:
בבוקר תאמר מי יתן ערב,
ובערב תאמר מי יתן בוקר.
מפחד לבבך אשר תפחד
וממראה עיניך אשר תראה...

דברים כ״ח — ע״ו — ע״ז

די ליידן וואס האבן דורכגעמאכט די יידן, ווען ס'איז געלונגען אויס־צובאהאלטן זיך, אין וואלד, דארף אדער בונקער, — זענען איינע פון די טראגישסטע פאסירונגען, וואס יידן האבן דורכגעמאכט דורך זייער גאנצער געשיכטע. דער עצם באשלוס נישט אונטערצוגעבן זיך די דייטשן איז שוין געווען א גרויסע העלדישקייט אין יענע בלוטיקע טעג. אין דער געגנט פון ווייסליץ זענען קיין גרויסע וועלדער נישט געווען, מ'זאל זיך אין זיי קאנען אויסבאהאלטן. און אפשר זיך אויסבאהאלטן ביים „ארנטלעכן" גוי? אבער ווו איז ער? אפילו ער האט מורא געהאט פאר זיין לעבן אין פאל, אז מ'וועט אנטדעקן אז ער באהאלט אויס א ייד... און אויך פאר די פוילישע מוסרים האט ער מורא געהאט, — אפשר נאך מער... און ווי אזוי קאן מען וויסן אויף אן אמת, וועלכער גוי וויל דיך אויסבאהאלטן: און אפשר גאר, ווי עס האט פאסירט אין פיל פאלן, — וועט דער גוי צונעמען דאס געלט און דערנאך דיר הרגענען...

מיט אזעלכע געדאנקען האבן ארומגעבלאנדזשעט א סך יידן און נישט געוווסט וואס צו באשליסן: אין וועמענס הענט איבערגעבן זייער גורל? אין אזא פארצווייפלטע לאגע האט דיר באהערשט אזא מין יאוש אז עס איז שוין מער נישט געווען קיין אונטערשייד יא בלייבן לעבן אדער נישט. מען איז געווארן גלייכגילטיק צו אלעם. און פון דער צוויטער זייט די חרפה געהרגעט צו ווערן ווי א הונט... אזוי האבן זיי זיך באצויגן צו א ייד ווען מען האט אים געכאפט. אין די באדינגונגען האט זיך געשאפן אזא מין פארהארטעוועטער טיפ פון א ייד, וואס האט באשלאסן בשום אופן זיך נישט אונטערצוגעבן און זאל שוין זיין וואס ס'וועט זיין!...

הארבסט 1942. ווער געדענקט נישט יענעם בלוטיקן הארבסט. טראנספארטן מיט יידן שטראמען קיין טרעבלינקע. די הימלען שווארץ־פארוואלקנט, ווי זיי־וואלטן געוווינט אויף אונדזער גורל. אזא פחד, אזא שרעק, אזא ציטער פארן לעבן... א לאגע אן קיין אוסיוועג. פון וואנען קומט די הילף? ווער זאל אונדז ראטעווען אז אונדזערע פוילישע שכנים ווארטן שוין אויף דער ירושה. זיי האבן

זוכה געווען אז די דייטשן מאכן די ארבעט און זיי, די פאליאקן, העלפן נאר א ביסל...

איוב־בשורות קומען פון אלע זייטן. יידן זענען געווארן הפקר און מיר גייען אונטער.

דער מחבר פון די שורות איז געווען איינער פון די יעניקע וועמען ס׳איז געלונגען צו אנטלויפן פון ווייסליק אין טאג, ווען די גאנצע וועלט איז פאר אונדז אונטערגעגאנגען. דאס לעבן האט זיך פארוואנדלט אין א גהנום. איינזאם, אליין, שטייסטו און פלוצים פילסטו, ווי דו וואלסט געשטאנען אויף אן אינדזל אין ים פון שנאה. און דו האסט נישט קיין שום אויסוועג: קעגן דיר שטייט א גרויסמאכט, וואס וויל דיך אומברענגען און דו ביסט הילפסלאז. און ווער וויל דיר דען העלפן? וועמענס ביסטו איצט? נעכטן ביסטו נאך געווען א מענטש מיט א נאמען, מיט א פאזיציע אין שטעטל, מיט הייזער און פארמעגן, — היינט ביסט איינזאם קעגן דער גאנצער חיה׳שער וועלט. במשך פון איין טאג האט זיך אלץ געענדערט — ביסט געווארן הפקר, ווער עס וויל קאן דיך הרגענען און אים קומט נישט קיין שטראף דערפאר.

זייענדיק אין בונקער, סוף נאוועמבער 1942 ביי אונזער פריינט דער שוסטער מאדעי אין דארף שעלצע האט מיר פאסירט א פאל, וועלכן כ׳האב געקאנט באצאלן מיטן לעבן. אבער אז עס איז באשערט צו לעבן, קומט דער שכל אין דעם ריכטיקן מאמענט, — אין אנ׳אויגנבליק ווערט דעצידירט און עס ענדיקט זיך בכי־טוב.

א גאנצן טאג בין איך געווען אויפן בוידעם און ביינאכט, ווען די קינדער זענען שוין געשלאפן, האט מען פארמאכט די טיר און פארהאנגען די פענצטער, און איך בין ארונטער אין שטוב. איך בין געזעסן מיט אים אין שוסטערסווארשטאט, געשמועסט און אביסל געהאלפן ביי דער ארבעט. דער קארידאר האט געהאט א טיר אין קוך, א טיר אין שטאל; די שטיגן אויף דעם בוידעם זענען אויך דא געשטאנען, און די טיר אין דרויסן איז געווען די איינציקע ארייננגאנג צו זיי.

מיר זיצן איינמאל שפעט ביינאכט אין ווארשטאט, פלוצלונג הערן מיר הינט בילן אויף אן אומנארמאלן אופן. דאס הייסט, אז עס קומען אן פרעמדע מענטשן, וועמען דער הונט קען נישט. די טריט דערנענטערן זיך און דאס בילן פון הונט ווערט העכער און שטארקער. די מענטשן זענען שוין ביים פענסטער, קלאפן אן און פרעגן: — „דא ווינט מאדעי״? ער ווערט ווייס ווי קאלעך. איך ציטער פאר שרעק. ער ענטפערט: — ניין! דא ווינט דראביק. די חברה גייען צו צו די פענצטער פון זיין שוועגער און קלאפן אן. ער זאגט מיר נאר איין ווארט! — באנדיטן! אזוי ווי אן עלעקטרישער שטראם ווען ער גייט אדורך, האט דאס אויף

מיר געווירקט. אין דעם מאמענט, אין אויגנבליק, עפן איך די טיר אין קאָרידאר אריין, און איך בין שוין אויפן בוידעם. כ׳צי אויף זיך ארויף די קורטקע וואס ליגט אין היי און שפרינג גלייך צו דעם לאָך וואס כ׳האב אמאל געמאכט אין שטרוי־דאך ביים ראנד פון דאך. איך לאז זיך דורך דעם לאך ארונטער. אין דעם מאמענט פון דער גרעסטער שפאנונג. ווען מיין לעבן הענגט אויף א האר, פאסירט א שרעקלעכער פאנטשער: די קורטקע האט זיך אויפגעשארצט און איך בין געבליבן הענגען אין דער לופטן. אריענטירנדיק זיך מאמענטאל אין דער לאגע האב איך זיך צוריק ארויפגעכאפט אויפן בוידעם, אויסגעטאן די קורטקע און זיך ווידער אראפגעלאזט דורך דעם לאך ארונטער. דערווייל האט מאדעי גועפנט די טיר פאר די באנדיטן, זייענדיק זיכער, אז איך בין שוין ווייט אוועק. איך בין געלאפן ווי נישט קיין נארמאלער אין דער ריכטונג פון דארף, אזוי זיי זאלן מיך נישט באמערקן, ווייל דאס הויז פארשטעלט אלץ. אין צפון־זייט, וו דאס הויז האט נישט געהאט קיין פענסטער און טירן, האבן זיי נישט געהיט, ווייל פון דער זייט קאן מען נישט אנטלויפן. — זענען זיי געוועזן זיכער, אז איך האב דאס אוסגענוצט צום אנטלויפן. קומענדיק ביז די ערשטע הייזער פונעם דארף שעלצע — כ׳האב מורא געהאט, אז דאס בילן פון די הינט קאן מיך פאראטן. איך האב געענדערט די ריכטונג פון מיין וועג און בין געלאפן אין דער ריכטונג פון די קאבילניקער פעלדער.

ביי די צעאקערטע פעלדער, אין עק, זענען געוואקסן אין א שורה אלטע בוימער. דאס האב איך אוסגענוצט און כ׳בין אריין צווישן די בוימער. עס איז דעמאלט געווען א שיינע לבנה־נאכט, וואס האט מיר אנגעווארפן נאך מער מורא און זארג א שטארקער פראסט, — דער שניי האט געסקריפעט אונטער די פיס, — און איך האלט אין איין לויפן... ביז כ׳האב זיך איינגעהאלטן ווייל כ׳האב נישט געהאט מער קיין כוח צו לויפן.

כ׳האב געפילט, אז די געפאר איז דערווייל פארביי. איך זע נישט קיינעם און ארום איז א טויטע שטילקייט. איצט פיל איך אז עס ווערט מיר קאלט. די ווארעמע קורטקע איז געבליבן אויפן בוידעם אלץ מוסר, אז דא איז געווען א ייד. נאר דער שאליק איז געבליבן אויפן האלדז פארבונדן.

די צווייטע צרה איז, אז איך ווער שלעפעריק. כ׳קאן די אויגן בשום אופן נישט האלטן אפן. איך זעץ זיך אוועק אויף א „פיען" פון אן אונטערגעשניטענעם בוים און הויב אן דרימלען. זיצנדיק ווערט מיר נאך מער קאלט. כ׳פארשטיי, אז כ׳טאר נישט זיצן, כ׳וויס, אז אויב כ׳וועל אנטשלאפן ווערן, קאן פאסירן, אז כ׳זאל מער נישט אויפשטיין נאר ווערן פארפרוירן.

מיט אלע כוחות האב איך זיך אויפגעשטעלט און פרווו ווייטער צו גיין. איך פיל, אז עס ווערט מיר אביסל ווארעמער ביים גיין אבער די אויגן האלטן זיך ביי מיר אין איין קלעבן — איך קאן זיי בשום אופן נישט האלטן אפן. איך

זעץ זיך ווידער אוועק און כאפ א דרימל אבער מיין באוווסטיין לאזט מיך נישט זיצן. כ׳שטעל זיך ווידער אויף און גיי ווייטער.

איך קוק אויפן זייגער — עס איז 3 ביינאכט, די לבנה לייכט ווייטער חוצפהדיק, אויף מיין אומגליק. איך באשליס צוריקצוקערן זיך דורך די פעלדער. מיטן נאענסטן וועג.

ווען איך בין שוין געווען נאענט, קומט מיר אנטקעגן אונדזער הונט. ער האט נישט געבילן, — ער האט געקענט מיין שטימע, — א סימן, אז קיין פרעמדע געסט זענען שוין מער נישטא אין שטוב. עס איז פינצטער ארום, אלע שלאפן. איך קלאפ אן אין טיר. יאנעק עפנט מיר און זאגט: — ווי אזוי האסטו אזוי שנעל דאס געמאכט?

אלס נקמה וואס זיי האבן קיין ייד נישט געפונען, האבן די באנדיטן אלעס ביי אים צוגענומען, וואס ער האט נאר געהאט אין שטוב. א ביסל לעדער, זיינס און פון די קליענטן וואס האבן אים געגעבן צו מאכן שטיוול, דער פרוי׳ס און די קינדערד׳ס שטיוול, וועש, מלבושים און אלץ וואס מען האט נאר געקאנט נעמען, האבן זיי גענומען און אוועק. געבליבן איז ער נאקעט און בארוועס.

מיך האט דאס געטראפן ביז אין טיפעניש פון מיין נשמה. כ׳פיל, ווי ביי מיין גוי שפילט זיך אפ אן אינערלעכער געראנגל בנוגע מיין גורל. צוליב מיר האט מען אים בארויבט. דאס איז דער ערשטער נסיון, וואס ער דארף ליידן צוליב מיר, עס פלאנטער זיך ביי מיר אג געדאנק, וואס וועל איך טון, אויב ער וועט מיר זאגן: — גיי! געווג! דו זעסט דאך אז כ׳האב א גוטן ווילן אבער איך האב מורא אז איך קאן נאך באצאלן מיטן לעבן צוליב דיר. און איך האב דאך אויך א פרוי און קליינע קינדער...

דעם מאטעריעלן שאדן קאן איך פארגיטיקן, אבער זיין פחד אויף ווייטער? און דאס האט זיך ערשט אנגעהויבן, — איך בין דאך סך־הכל אייניקע וואכן ערשט ביי אים. וואס ווייטער? מיר שווינדלט דער קאפ פון געדאנקען וואס קומען מיר אן. איך ציטער נאר פאר די ערשטע ווערטער וואס ער וועט מיר זאגן.

פארשידענע מחשבות קומען מיר אין קאפ אריין. איך ווער אינגאנצן צעמישט. א קורצע צייט האב איך געהאט א מקום־מקלט און איצט?...

אבער ער האט מיך נישט אנטוישט. יאנעק נעמט מיך גוט אויף. ער איז שטארק צופרידן, וואס איך בין אין מאמענט, ווען די באנדיטן האבן געקלאפט, נישט צעמישט געווארן ווי ער, נאר אין ריכטיקן מאמענט געשווינד אנטלאפן. נאכהער דערציילט ער מיר, אז ווען ער האט געעפנט די טיר, האבן זיי, די באנדיטן, (מיטגלידער פון דער פוילישער אונטערגרונד א. ק. — ווי זיי האבן זיך פארגעשטעלט), געפרעגט, ווו עס געפינען זיך דא יידן. ער האט געזאגט, אז ער האט נישט קיין יידן ביי זיך. זענען זיי געגאנגען זוכן: אין שטאל, מחסן, סטאדאלע און אויף דעם בוידעם. דא האבן זיי באמערקט א פלאץ, ווו א מענטש איז געשלאפן

אויפן היי. דארט זענען געלעגן קאלדרעס מיט וועלכע כ׳האב זיך צוגעדעקט. דאס איז פאר זיי געווען א באווייז, אז דא איז געווען א ייד. ער האט זיך פארענטפערט, אז דא שלאפט מאנכעס מאל זיין שוואגער. זיי האבן אים גוט צעשלאגן ווייל זיי האבן אים נישט געגלויבט. ער איז אבער געבליבן ביי ס׳זייניקן, אז קיין ייד איז ביי אים נישטא. מזל האט ער געהאט, וואס זיי האבן נישט געזוכט אין די טאשן פון מיין קורטקע — דארט איז געווען א סידורל און א יידישע אפאסקע.

ער איז אויף מיר נישט געווען בייז. ער האט מיר געזאגט, אז ער ווייסט, אז ער וועט צוליב מיר דארפן ליידן. ער האט זיך שטארק געפרייט, וואס כ׳בין אזוי שנעל אנטלאפן.

איצט האט זיך געשאפן א נייע לאגע. עס האבן זיך איצט געבילדעט צוויי נייע פראבלעמען: דער ערשטער איז געווען געלט אויף צו קויפן אלץ וואס מען דארף, אנשטאט די זאכן, וואס די באנדיטן האבן אים צוגענומען. נאך פריער האב איך אים באזארגט מיט א קו וואס גיט מילך און תבואה און אנדערע פראוויאנטן אויף ווינטער. אזוי איז געווען דער נוהג אין די פוילישע דערפער. די געלט־פראגע איז געווארן גלייך געלעזט, צו זיין צופרידנהייט אין דער זעלבער נאכט. ער האט באקומען וויפל ער האט באדארפט פאר זיך. די צווייטע זאך דאקעגן איז געווען א גאר ערנסטע. די פראגע איז נעמלעך אזוי: היות ווי מען דארף מעלדן דער פוילישער פאליציי וועגן באנדיטן־אנפאל, וועט דאך די פאליציי קומען מאכן אן אויספארשונג אויפן ארט. פארשטייט זיך, אז איך מוז אוועק פון שטוב אויף אייניקע טעג ביז נאך דעם פאליציי־באזוך דא. אבער ער אליין לעזט מיר די פראגע; די זעלבע נאכט נעמט ער מיך און פירט מיך צו זיין ברודער, סטאניסלאוו, אין מיטן דארף. ער פירט מיך אין שטאל אריין און אליין גייט ער אין שטוב צום ברודער אים איבערגעבן וועגן דעם וואס האט פאסירט. זיין ברודער איז אויך געווען א פיינער גוי, אבער נישט אזוי נאנט צו מיר. ער האט מיך צוגענומען צו זיך אויף דערוויל, ווייל זיין ברודער האט אים געבעטן. נאך א טאג וואס כ׳בין ביי אים געווען, קומט צו מיר ביינאכט יאנעק און זאגט מיר, אז זיין שוועגערין האט שטארק מורא און ער ווינט דאך אין מיטן דארף; עס קאן ווער פון די שכנים זיך דירוויסן א.א.וו. מיט איין ווארט, כ׳האב דא נישט מער קיין פלאץ... און איך מוז זיך אליין אוסזוכן א פלאץ אויף אייניקע טעג ביז נאך דער פאליציי־אויספארשונג. איך בין ווידער אליין מיט מיין גורל...

מיר מאכן דעם פלאן, אז אמבעסטן וואלט געווען, צו גיין אין שכנותדיקן דארף יורקאוו, ווייל דער וועג גייט נאר דורך פעלדער און מען דארף נישט דורכגיין קיין אנדער דארף. מיר באשליסן, אז זיין שוואגער, מאניעק, וועט נעמען זיין פערד און מיר ביידע וועלן ביינאכט אויפרייטן אויפן פערד און דורכרייטן דעם טייך נידא.

דאס איז געווען מיטוואך אוונט. איך זאג אים, אז איך גיי אויף אייניקע טעג צום שוסטער אוקאז אקארשט אונדזערס א גמיינזאמער באקאנטער. דאס איז געווען איינע פון די געפערלעכסטע באשלוסן וואס כ׳האב אנגענומען, און כ׳האב באלד דערפאר כמעט באצאלט מיטן לעבן. כ׳האב געוווסט, אז ער איז א גרויסער רוצח ממש, (אבער ווו דער ציגיינער שטייט איין, גנבעט ער נישט) — ער איז געווען אונדזערס א קונה פון פיל יארן, כמעט א בן־בית. נאך אלס לערן־געזעלן ביים חיים כלאבנע, אין גוט באפריינדעט. מיין ערשטער געדאנק איז געווען צו גיין צו טאראבולע, א רייכער גוי, א באקנטער קונה. ער האט געוווינט גאר נאנט פון טייך, א שוואגער פון גלח סאקאלאווסקי פון זאגוזשץ אפשר וועט ער וועלן מיך באהאלטן עטלעכע טעג. ער האט מיר גלייך אפגעזאגט, אפילו א שטיקל ברויט האט ער מיר נישט געוואלט געבן. האב איך מורא באקומען און אים גלייך פארלאזט. אויפגענומען האט ער מיך אין שטאל און נישט אין דער שטוב. דאקעגן ווען כ׳בין צוגעגאנגען צו אוקאזן, האט ער מיך זער שיין אויפגענומען. ער איז געזעסן אין ווארשטאט און געארבעט. ער האט מיך מכבד געווען מיט א נאכטמאל, מיט אייןווארט, גוט. נאכהער הויבט ער אן מיך אויסצופרעגן אויף די עלטערן, ברידער און פאמיליע, און צי איך ווייס נישט וועגן זיי, ווו זיי זענען. צום סוף פרעגט ער מיך ווו איך געפין זיך. (פארשטייט זיך אז דאס האב איך אים נישט געזאגט).

זיצנדיק אזוי האב איך זיך מיט אים צעשמועסט; גיט ער מיר א זאג: — דו ווייסט אז דו מוזט זיך אונטערגעבן די דייטשן, האסט נישט קיין אנדערע ברירה. יידן זענען נישטא מער אין פוילן. דו וועסט נישט איבערלעבן די מלחמה... און נאך פארשידענע ארגומענטן אז כ׳דארף זיך אונטערגעבן די דייטשן. מיר האט נישט געפעלן געווארן. ביז איצט האט מיר נאך קיין איין גוי נישט געזאגט אז כ׳זאל גיין זיך איבערגעבן די דייטשן. יעדער האט נאר געזאגט אז ער האט מורא צו באהאלטן א ייד. איך האב אים גלייך געענטפערט אז דאס וועל איך קיינמאל נישט טון. איך האב ממילא נישט וואס אנצווערן, אלץ האב איך שוין פארלוירן: די משפחה, פריינט, פארמעגן... איך וועל פרוון קעמפן, — זאג איך אים, — איך קאן נאר געווינען דאס לעבן און אנצווערן האב איך נישט מער וואס. אליין גיין זיך אונטערגעבן די דייטשן — דאס וואלט געווען א שרעקלעכער פעלער.

ער וויל מיך טראץ דעם איבערציינגן אז כ׳האב נישט קיין רעכט. ער זאגט: — ווערסט דען זיין שטארקער פון די דייטשן? אלע יידן האט מען שוין אויסגעכאפט.

עס ווערט שפעט ביי נאכט, און ער פירט מיך אין סטאדאלע שלאפן. ער מאכט פאר מיר נישט קיין פלאץ, ער גיט מיר נישט קיין דעקן זיך צוצודעקן, גארנישט. איך בלייב אליין אין סטאדאלע, פארזונקען אין מיידע געדאנקען איך ציטער, כ׳האב

שרעקלעך מורא. איך הויב אן צו פארשטיין זיינע רייד און כ'ווער הילפסלאז. — וואס זאל איך מאכן? דער ווינט איז שרעקלעך, דער פראסט בריט אונטער די נעגל. עס איז אנהויב דעצעמבער 1942. איך קאן נישט ליגן, איך ציטער, נאך מער פון פחד ווי פון קעלט. איך פיל אז כ'בין אין א פולאפקע... עס איז גרויזאם! באו מים עד נפש!...

כ'האב זיך ארומגעשטעלט מיט סנאפעס פון היי און תבואה האפנדיק אז אזוי ארום וועט מיר ווערן ווארעמער, ווייל ליגן האב איך נישט געקאנט — כ'האב נישט געהאט מיט וואס זיך צוצודעקן, — אבער עס העלפט נישט — איך בין ווי פארפרוירן. און אזוי, ווי כ'האב נישט געקאנט שלאפן, זענען מיר געקומען פארשידענע געדאנקען אין קאפ און מיך נישט געלאזט רוען. כ'האב עפעס אזוי מורא באקומען די נאכט, ווי נאך קיינמאל דורך דער גאנצער צייט. עפעס א שרעקלעכער פארגעפיל האט מיך ארומגענומען. עס געפעלט מיר נישט די גאנצע מעשה... וואס הייסט ער מיר זיך אונטערגעבן? כ'פיל, אז כ'בין פארפלאנטערט. מיט גרויסע יסורים, פיזישע און גייסטיקע, האב איך קוים דורכגעלעבט צו זען דעם פרימארגן. איך בין כמעט פארוואנדלט געווארן אין א שטיק אייז, אבער נישט דאס איז די צרה. ווייב ברענגט מיר א שטיקל ברויט מיט טיי. איך פרעג זי ווו איז איר מאן? פארוואס איז ער נישט געקומען? זאגט זי מיר, אז ער איז געגאנגען אויפן יריד דאנערשטיק קיין ווייסליץ.

דאס וואס ער איז פערזענלעך נישט געקומען האט מיר נישט געפעלן. איך פיל, אז ער פלאנירט מיט מיר עפעס צו מאכן. איך ציטער. איך באשליס צו אנטלויפן, אבער ווי מאכט מען דאס בייטאג? אין מיטן דארף? דערצו האט יורקאוו נישט געהאט קיין גוטן נאמען פון ארנטלעכע גוים. עס איז נישט גוט. איך ברעך מיר דעם קאפ וואס צו טון.

מיטאג קומט די ווייב און פרעגט מיך וועגן מיינע פלענער אויף ווייטער? איך זאג איר, אז ווען איר מאן וועט קומען פון יריד, וועל איך זיך מיט אים באראטן. יעדע מינוט איז א שעה, א שעה — אן אייביקייט. כ'פיל ווי עס עס ברעכט זיך אונטער מיר דער באדן. עס איז א גערהנגל פון מינוטן. יעדער מאמענט קאן דעצידירן וועגן מיין לעבן. א קאלטער שווייס באדעקט מיך. כ'פיר אן אינערלעכן גערהנגל: שוין אנטלויפן אדער ווארטן ביז פארנאכט?

אבער צו יענער צייט האט מיין אינטואיציע מיך נישט פארפירט. עס איז מיר געקומען א ריכטיקער געדאנק אין ריכטיקן מאמענט. די הילף קומט אן, עס הויבט אן שרעקלעך צו שנייען, אזא שרעקלעכע זאווייערוכע — עס שיט זיך אזויפיל שניי אז מען זעט גארנישט וואס עס טוט זיך אין דרויסן. עס איז 3 אזייגער נאכמיטאג, בעת די קורצע ווינטער־טעג אין פוילן. אין אזא מצב באשליס איך צו מאכן פליטה. איך גיי שטיל ארויס פון דער סטאדאלע אין דער

פארקערטער ריכטונג, דורכן פלויט, אז די כלב׳טע זאל מיך נישט באמערקן, והילד איננו!!! אראפגעצויגן דאס היטל איבער די אויגן, אויפגעשטעלט דעם קאלנער און אזוי בין איך געגאנגגען אין דער זאוויערוכע ביז כ׳בין אנגעקומען צו שיוויצקין. ער איז אויך געווען א שוסטער, אבער אן אמתדיקער ארנטלעכער גוי.

כ׳האב אויפן וועג קיינעם נישט געטראפן. אויך ביי אים אין שטוב איז צו מיין גליק קיין פרעמדער נישט געווען. ער האט מיר פריינדליך אויפגענומען. האט מיר גלייך געגעבן עסן. זיין פרוי איז אויך געווען אן ארנטלעכע. איך האב אים געפרעגט צי ער קאן מיך נישט באהאלטן, אבער אליין האב איך געזען, אז ער האט נישט קיין פלאץ. ער וווינט אין מיטן דארף. קיין שטאל, קיין סטאדאלע, נאר א קליינע דירה מיט א בוידעם — אבער אויף א פאר טעג העט ער מיר באהאלטן. דער גוטער נאמען וואס מיין פאטער האט געהאט ביי די גוים און ספעציעל ביי די שוסטערס און דרך־ארץ, מיט וועלכן זיי האבן זיך צו אים באצויגן, — איז מיר בייגעשטאנען דער זכות, — און ער האט מיך אויסבאהאלטן ביז זונטיק ביינאכט.

זונטיק שפעט ביינאכט, איז ער מיט געגאנגען צום טייך נידא, ער האט גענומען א שיפל און מיך אדורכגעשיפט איבערן טייך אין דער צווייטער ריכטונג.

ווען כ׳בין אדורך דעם טייך האב איך געפילט אז כ׳בין ווי ניי געבוירן. א שטיין איז מיר אראפ פון הארץ. ווען כ׳בין צוריקגעקומען קיין שעלצע אין דעם קבלת־פנים וואס מען האט מיר דארט געמאכט און וואס ס׳ארא פרייד כ׳האב ארייגעבראכט אין שטוב מיט מיין דערשיינען א לאבעדיקער, איז צו פארשטיין לויטן סיפור וואס יאנעק האט מיר דערציילט:

באלד נאך מיין אוועקגיין קיין יורקאוו האט ה׳ מאדעי מיט זיין פרוי איבעד־שמועסט, אז עס איז געווען א פעלער פון אים וואס ער האט מיך געלאזט גיין צו אוקאזין קיין יורקאוו. דאנערשטיק פרי איז ער געגאנגען אויפן יריד קיין וויסליץ. דורכגייענדיק ביי ראמיינסקי׳ס רעסטאראן האט ער באמערקט אז אוקאז און דער וויצע־פאליציי־קאמענדאנט הונץ, א באוווסטער שונא־ישראל זיצן און טרינקען בראנפט כיד המלך. אים האט דאס גלייך געגעבן א שטאך אין הארצן, ווייל ער האט פארשטאנען אז דאס מיינט מען מיך. ער האט געוווסט אז איך האב ביי זיך געלט און דאס האט אים נאך מער פארדרוס פארשאפן, וואס אזא רוצח זאל מיך הרגענען און ירשנען צוגלייך, און זאל זיך נאך ריינוואשן מיט דעם, אז די פאליציי האט מיך פארנומען. שנעל איז ער צוריק געגאנגען קיין שעלצע און דערציילט זיין פרוי די געשיכטע וואס דא שפילט זיך אפ. ער האט געריסן פון זיך שטיקער אז ער איז שולדיק אין דעם אומגליק, פארוואס ער האט מיך געלאזט גיין קיין יורקאוו. ער איז געווען זיכער, אז ער וועט מיך שוין מער נישט זען. און דא גייען אדורך איניקע טעג און ער הערט נישט גארנישט פון מיר, —

איז ער געווען זיכער, אז די רוצחים האבן עס געמאקט שטילערהייט בכדי זיי זאלן זיך קאנען טיילן מיטן געלט.

און ווען איך האב אים דערציילט די געשיכטע פון מיין קומען קיין יורקאוו און דעם געשפרעך מיטן רוצח, אז כ׳זאל זיך אונטערגעבן די דייטשן, — האט יאנעק געזאגט: — האסט געהאט גרויס מזל, ער איז דער גרעסטער רוצח, נאר דא האט ער נישט געוואלט פערזענלעך הרגענען, האט ער גענומען דעם פאליציאנט הונצ׳ן פאר א שותף. א גזלניש געוויסן. צו מיין גליק, (דרך אגב, כדאי צו באמערקן אז נאך דער באפרייאונג איז ער מיט נאך איניקע רוצחים פארמשפט געווארן דורכן פוילישן געריכט אויף פיל יארן תפיסה פאר הרגענען יידן.)

אזוי איז מיר אויסגעקומען זיך צו ראנגלען פארן לעבן צוויי־א־האלב יאר, אין יסורים און מאטערניש.

נאך דעם האט מיר מאדעי אין אבעסער בעהעלטניש איבערגעגעבן זיין שוואגער דראביק אין קאבילניק.

דאס מאטערניש, פון ליגן אין א בונקער, ווו כ׳האב נישט געקאנט אויסגלייכן די פיס, אן ליכט, און אן לופט, — נאר ביינאכט פלעג איך אביסל ארויסגיין כאפן לופט, — איז נישט צום איבערשרייבן. און צוזאמען מיט די גייסטיקעליידן איז באמת א גרויסער וואונדער ווי כ׳האב דאס אויסגעהאלטן און דערלעבט נאך צו זען די רויטע ארמיי פאריאגן די דייטשן.

איך האב דאן פארשטאנען די באדייטונג פון פסוק אין תהלים ל״ו:

„...כי רגע באפו חיים ברצונו בערב ילין בכי ולבוקר רנה״.



שמעון זילבערשטיין איטשה שטנדר פרץ ווייצברג

אלתר אייזנבערג



ס'איז אַמאָל געווען

הייזער, הייזקעס, אפגעשיילטע ווענט און מויערן, צוגעטוליעטע, איינגעהויקערטע, האלב־איינגעזונקענע אין דער ערד, גרין־מאכיקע, פייכטע שינדל־דעכער, געלאטעטע קליינע שויבן־פענסטער, — וואס גלאצט איר אויף מיר אין א שטומער שווייגעניש? וואס טוט נישט קיין גלאנץ פון אייער גרויען פארלפבקייט, א טרער, פון אייער שווייגעניש א ברום ארום א קרעכץ... און איר קרומע, ווי מיט קעפ אויסגעברוקעוועט מיט קיזלשטיינער, געסלעך?... טרויעריקע, אויסגעטרוקענע רינשטאקן, — וואס ליגט איר אזוי ווי מתים איינגעשרומפן — איר ווארט נאך אלץ אויף די קינדערישע, הייסע, בארוועסע פיסלעך? הערן זייער פליסקען, פילן זייער ווארעמקייט? וואס גליווערט אויף אייך אזא שטומקייט? דערציילט עפעס! א ווארט! איר דערקענט מיך נישט? מיר האבן דאך דעם זומער־רעגן טיף געשלונגען, אין שטויבלעך זיך געשפילט... אזוי זארגלאז געגליט, געבריט זיך, און לאכענדיק געקוקט דער זון גלייך אין פנים... ווינטער פון שניי גאנצע פעסטונגען געבויט... שוין פארגעסן?... איר ווייסט דאך — איר האט דאך יא געפילט זייערע לעצטע, געטריבענע טריט...

און איר, טייערע קליינע, שאטנדיקע יידישע שטיבלעך — איר שווייגט אויך? איר זייט דאך דורות א שוץ פאר אונדז געווען או אייערע מזוזה'דיקע טירן מחיצה'ס געווען, א פעסטונג קעגן שטרויכלונגען, שדים, או שלעכטע רוחות... וו זענט איר? איר האט זיך אויסבאהאלטן?

און איר, אלטע, ירושהדיקע שענקלעך, אנגעפאקטע מיט הייליקע ספרים, וואס אויף אייערע טאוולען זענען געווען פארשריבן די דאטעס פון געבורטן, יארצייטן, חתונות און ברית'ן... אויף אייך האבן שטיל מאמעס קרבן־מנחה־סידור'ס געררוט... אזוי הייליק, פארדעקט איידל מיט דער באבעס ווייס טיכעלע און אויף זיי א פאר בלעכענע שבתדיקע ברילן... ווו זייט איר איצט?

און איר, גרויע, וויינענדיקע ווענט? אויף אייך האבן דאך געהאנגען זכות־אבותדיקע הדרת־פנימדיקע צדיקים, מיט ווייסע, לויטערע בערד און מילדע

אויגן... קוקט איר איצט צו מיר מיט א טויטער שווייגעניש... אפשר איז אייך גישט צום הארצן דערמאנען זיך פון יענע צייטן, פון יענע יארן... פון יענעם טאג, ווען דורך אייערע מזוזהדיקע טירן האט זיך אריינגעריסן דער הפקר און אלע מחיצות, זכות־אבותדיקע־מיאונגען אין איין מאל צעבראכן... איר האט שווייגנדיק באגלייט דורות לעבן אויף זייער לעצטן וועג.

פון אייערע טישן האבן נאך ערב־שבדיקע פלעמעלעך געצאנקט און פון אייערע קליינע פענצטערלעך האט די תהומיקע פארלאזנקייט ארויסגעבליקט...

ך באגלייט... אויך איצט שווייגט איר? אדער, ווער ווייסט, צי איר געדענקט נאך... איך וועל אייך דערמאנען...

געווען איז דאס דווקא אין שבדיקע, יום־טובדיקע, שמחת־תורהסדיקע טעג. און אפשר דערפאר שווייגט איר, — איר שעמט זיך... איר טראגט אין זיך א חטא? אין אפשר זייט איר פארשווונדן צוזאמען מיט זיי, און דאס וואס איר זע איז נישט מער ווי א פארלבלענדעניש, א בייזער חלום?...

אבער אין וועל אייך דערמאנען... און נישט נאר אייך... און נישט לאזן פארגעסן....

לאזט מיך נאך א שפאן געבן איבערן מארק, געסלעך, אויף בלאטיקע בערג־לעך פון מיין קינדהייט; פארצייכענען, פארשרייבן — זאל עפעס פארבלייבן פאר אונדזערע קינדער, אייניקלעך... ווייל אט באלט, אין א יאר, צען, — וועט פון דעם אלעם בלייבן נישט מער, ווי אן ענין פאר ארכעאלאגן, היסטאריקער און... ס'איז דאך אמאל געווען...

דאס בית המדרש און די שול

איז וואס, הויכע, דלאניקע, טאפאלע־בוימער, — וואס דרימלט איר ווו איז אייער מנחה־שאקלען? ווען איר פלעגט אין די הייסע זומער־פארנאכטן אין די בית־המדרש אביטל קילקייט אריינוואַרפן, אויף שבועות פון אייערע קרוינען־קעפּ צווייגן געבן צו באצירן דעם ארון־קודש... און אונטער אייער שאטן דעם רבי'נס קינדערלעך באהאלטן... וויפל יידישע תפילות הענגען נאך אין אייער צווייגן־פלאנטער? וויפל כל־נדרי'ס האט איר אויסגעהערט, — איר האט געטרייסלט פון זיך די בלעטער ביי די שמחת־תורהדיקע הקפות... איצט זייט איר אומעטיק, ווייל אויפן ארט פון בית־המדרש אנשטאט צו הערן א הייליקן יידישן ניגון, הערט איר ווארטשען פעטע, פוילישע חזירים?

און איר, קינדערישע בערגלעך, וואס לאזן זיך ארונטער אזש ביז דער מקווה? אויך איר זענט פאריתומט. אויף אייך, — איך געדענקט? — פלעגן זיך יידישע קינדערלעך גליטשן א גאנץ יאר; — ווינטער אויף האלץ־שליטעלעך זומער אויף אויסגעריבענע הייזעלעך און אמאל אן זיי...

אלץ פארשוווּנדן? אפילו די סטעשקעלעך... גיי, ווייטער איבער דער ערד, ווו ס'וואלגערן זיך שטיקער פון קינדהייט... ווייל נישט איינע פון די זיבן וועלט־וווּנדער, מיט די נייסטע אפאראטן, סעיסמאלאגישע מעכאניזמען, — וועלן זיין פעאיק צו אנטדעקן, זען, פילן, דאס, — וואס דער זכרון און דאס שוואכע הארץ...

איז גיי, שטעל זיך אוועק אקוראט אין מיטן געסל, אנטקעגן־איבער דער גרויסער שול, ווו אלע וועגן האבן צו איר און דורך איר געפירט: אין חדר, צו דער חופה או אויפן עולם־האמת...

איז וואס שטייט איר ווי אמאל איר צוויי בעריאזן־ביימער, מיט אייער ווייס־געפינטלטע קארע, קרוינען־קעפ באדעקט מיט שאקלענדיקע הארץ־בלעטער. גיט זיך אטרייסל, זאל זיך א שיט ארויס געבן פון אייך דער שווייגנדיקער חרפה־סוד... אפשר אייך וועט די וועלט יא הערן און גלויבן... איר האט דאך זיי קראנק נישט געזען, און נישט זייערע וויינענדיקע לוויות... איז ווארט איר אפשר אלץ זיי זאלן צוריקקומען?... אנפילן ווידער די אלטע, גרויסע שול? איר ווארט, אז אט־אט, באלד, — וועט ווי אמאל פון ר' עוזר'ס ברייטן הויז, פון ר' מלך'לס לאנגע גאס, פון עמך־טארגאוויסקע־פלאץ א פלאטער טאן — שווארצע, גלאנציקע, ארומגעגארטלטע שבתדיקע קאפאטעס... עס וועט א שווער טאן א ים מיט בערד, שווארצע, געמישטע מיט זילבער, ווייסע, אויסגעקעמטע, פייערדיקע, צעקעמטע אויףביידע זייטע, קורצע, שיטערע, ניי־געבוירענע... זיי וועלן שפרייזן מיט אראפגעלאזטע לייבן־קעפ, און פון זייערע אויסגעשפיצטע וואלד־ברעמען גליעז

א שפאציר אויף דער אלטער בריק:



מיכאל ריינגעווירץ, פרל' ראזענטרויב, דינה פלאום און אנדערע

אויגן, — אפגעזונדערטע, דערשראקענע, רואיקע, פארטראכטע... פון זייערע פנימער בליקן אראפ תמימות און רחמים, ליר־ווישע ווארעמקייט, העזהדיק בטחון, למדנישע עקשנות און אויסדויער. און נאך זיי מיט זיכערע, פעסטע, געלאסענע טריט שפרייזן זיי, די ברייט־פלייציקע, די אויסגעטראגענע הארע־וואניע פון דער וואך, אין ענגע, אויסגעוואקסענע, צייגענע כאלאטלעך, מיט שטייף אויסקראכמאלעטע ווייסע העמדער, פארקנעפלטע מיט גלאנציקע, פערלמוטער־קנעפלעך... גייען זיי מיט איינגעהאלטענע טריט און אונטער זייערע דלאניקע הענט טראגן זיי מיט אזא ליבשאפט, אזוי איידל, — זייערע קליינע טלית־זעקעלעך. פון זייערע אויגן קוקט ארויס קינדערישע גוטמוטיקייט, פינקען פון ליבע, מסירת־נפש, אונטערטעניקייט, דרך־ארץ פאר דער הייליקייט פון שבת... גייען זיי עמך אין זייער עמך־שול...

און צווישן זיי, מיט פייגל־טריט, פאוואלע, מיט א שטילע דאגה אין זייערע פייכטע, פארכטיקע אויגן, אין וועלכע ס׳לויכטן אומעטיקע טרייסט?ליכטלעך, — אין שייטלען, שפיצן־שאלן, ארומגענומען זייערע פנימער, אויף וועלכע ס׳פלעגט רוען א דורכזיכטיקע, אויסגעצערטע איידלקייט, א צנועותדיקע פשטות — שפרייזן זיי, מיט דראבנע, נישט הערבארע טריט, אונדזערע הארציקע, גוטע, יידישע מאמעס...

ארום זיי אלע פלאטערן, לויפן, שפרינגען, ווי פארביקע שמעטערלינגען, אונדזערע קינדערלעך. איז וואס, — איר טויט־דערשראקענע בעריאזקעס, — אויף זיי ווארט איר? צי הערן דעם נחתדיקן „גוט שבת“? איר ציטערט, ווייל אויפן ארט פון ר׳ משה׳ל־חזנס „לך דודי“ — הערט איר פון דער אפגעברענטער, מיט פאקשיווע באוואקסענער שול, — א בילעריי פון פוילישע הינט? א רייסע־ניש, א בייסעניש, צוליב א טרוקענעם, אפגעגריזשעטן ביין?

אויפן בית הקברות

איך בין נישט מער בעל־בית אויף מיין ווילן... איך לויף, געטריבן פון אויפגעוואכטן צארן. איך לויף איבער צעוואלגערטע שטיקלעך יידישע לעבנס. אין דעם אימהדיקן שוויגן — צום בית הקברות... אוועקלייגן דעם שווערן קאפ אויף א מצבה, אויסוויינען זיך ביזן סוף...

דאס בית־הקברות־געסל אין חרוב. צעשניטן, — און אפשר זע איך נישט? אט באלד וועלן ארויסשפרינגען א ביסל יידישע קינדערלעך, וועלכע פלעגן דא בארוועס ארומלויפן ביזן שפעטן הארבסט אריין, ארומלויפן און א גלאנץ טאן מיט זייערע אומעטיקע אויגעלעך. אבער מיך נעמען אויף שטומע קוימענס, מיט אויסגעצויגנע, לאנגע, פארשווארצטע העלדזער, גלאנצנדיקע צום הימל: הינקענ־דיקע, צעריסענע שטיבל, האלב־איינגעפאלענע, ארויסגעזעצטע פענסטער און

טירן, שרעקוועדיקע לעכער, שטיינער, שינדלען, בעלקעס... צווישן זיי גאפלען אן ציין, צעבראכענע נאפט־לעמפלעך ליגן צוגעטוליעט צו אפגעשיילטע סידור־טאוולען... צעריסענע וואנט־פארטרעטן — א צעקוועטשטער בלעכענער טאפ בליקט זשאווערדיק ארויס מיט א מאטע, ברונע טויטקייט פון הרובדיקן חלל, אין וועלכן ס׳שוועבן נאך יענע לעצטע בליקן, פארצויגן מיט א ציטערדיקן, דינעם שפינגעוועבס... אין אין יעדער בלינדער שפארע דאכט זיך, ליגט פארגליווערט א באגינען־שריי פון א קינד, צוזאמען מיט דער לעצטער מאמעס טרער און זיידנס תפילהדיקן קרעכץ. שטום, אין רואינען, שימלען טייערע, פארשוונדענע, יידישע לעבנס.

מיר דאכט זיך — זיי גייען מיר נאך. טונקעלע, גרויע וואלקנס האבן פלוצים אויפגעפלאמט, אויפגעציטערט, ס׳האבן גענומען גליווערן געשפענסן אויף יעדן שטיין, אין יעדן ווינקל, ארום מיר. עס יאגט עפעס א טרייבער אן א נאמען... איך לויף אויפן בית עולם, צו קבר־אבות און נאך מיר ציטערדיקע פארנאכטיקע שאטנס... אזוי פיל זענען זיי...

און איבער מיר פליט, פלאטערט, קרייזט א שווארצע ווראנע, קראקעט הייזעריק, אומעטיק, — אין דעם הארבסטיקן, רויטן שקיעהדיקן געבלענדאריין. קראקעט אויסגעצויגן, גלייך ווי זי וואלט מיך וועלן וואס דערמאנען. איך בלייב א ווײלע שטיין, און מיט מיר אלע שאטנס. ווו איז דער בית־הקברות? ווו איז די סודות־פולע, פחדיקע מויער ווון זענען די מצבות? אויך די טויטע האבן זיי אין דער טויטער רו נישט געלאזן?

איך קוק אויפן הימל. אפשר זענען זיי אויבן און שוועבן צוזאמען מיט די, וועלכע האבן אויך נישט קיין קברים, מצבות און רו... טרויעריק איז דער הימל אין הארבסטיקן זונען־פארגאנג, אויפן אויסגעהאקטן, פאראקערטן בית־הקברות. ווי לאנג ערשט האט זיך די שקיעה פארבארגן אונטער דעם געדיכטן מצבות־וואלד, — און היינט זוכן די זונען שטראלן אומזיסט די האלב־פארקייזטע שטיינער־קעפ מיט די אויסגעקריצטע לייבן, אדלערס, ספרים, צעבראכענע ביימער, שבת־לייכטער.

...בישטא. גארנישט פארבליבן. הונדערט־יעריקע שטאמען זענען פארשוונדן צוזאמען מיט די ווארצלען, מיט די ביינער, וועלכע ווייסן זיך אויף דער שווארצער ערד. און איך האב געמיינט אז בלויז אין טרעבלינקע, אשוויענצים און מאידאנעק וויל די ערד די ביינער נישט פארדעקן...

...און געבליבן איז נאר דער אלטער, איינגעקרומטער, באצווייגטער בארגבוים, — אין איינזאמער זכר, און אויף אים נעבעכדיקע, קליינע, געל־גרינע האלב־פארוועלקטע בלעטעלעך און גאר קליינע בארנדלעך. וועמען היט ער, דער בוים? אויף וועמען ווארט ער? צווישן זיינע בלעטעלעך־געצווייג הויערט

נאך אלץ דאס געהיימניספולע שעפטשען... — „דאס רעדן אזוי צווישן זיך די נשמות פון די פארשטארבענע" — פלעגן אמאל די קינדער מיט פחד, שטיל דערציילן, און אים אויסמיידן.

א בין־השמשות ווינטל האט א ברענג געטאן א לאנגן אויסגעשריי פון דער ווראנע און דאס האט מיך דערמאנט דאס מעשהלה פון מיין זיידן. איך הער נאך זיין קול. — געדענק, — האט ער מיר געזאגט — געדענק, די בארנדלעך טאר מען נישט עסן, ווייל אויף יעדן בארנדל רוט א פארשטארבענע יידישע נשמה. דאס זענען שמחת־תורה בארנדלעך. בלויז איין טאג אין יאר מעג מען זיי עסן: אין טאג פון שמחת־תורה, ווייל דעמאלסט זענען אלע נשמות אין בית המדרש און צוזאמען מיט די לעבעדיקע זענען זיי זיך משמח מיט דער תורה. ווער האט דער בוים געפלאנצט, פרעגסטו? מיט הונדערטער יאדן צוריק, ווען די בני ישראל האבן געוואנדערט אויף די גלות־וועגן, האט א מנין יידן פארבלאנדזשעט ביז אין שטעטל ווייסליץ. אויף א בערגל האבן די יידן אויפגעשטעלט די ערשטע הייזקעס, א בית המדרש, א מקוה, — אבער ווו וועט זיין דער בית עולם אויף צו ברענגען א ייד צו קבר־ישראל? האט זיך פלוצלונג באוויזן איבער זייערע קעפ א ווראנע, ארומגעקרייזט איבער זיי און געקראקעט. זי האט זיך אראפגעלאזט נידעריק און פון איר שווארצן שנאבל־מויל איז עפעס ארויסגעפאלן. האבן די ווייסליצער יידן דערזען נישט ווייט פון זיי, אויף א בערגל, ליגן א קליין, הארט, גרין בארנדל. האבן זיי פארשטאנען, אז דאס איז מן הסתם א רמז... האבן זיי דאס בארנדל מיט ערד פארשאטן און באשטימט, אז דא וועט זיין דאס ארט פון אייביקער רו פאר די ווייסליצער יידן. איז א בארנבוים אויסגעוואקסן און ארום אים מצבות...

איז דאס אן אייניקל פון יענער ווראנע? ביסט געקומען אפנעמען דעם פקדון וואס דיין עלטער־עלטער זיידע האט געגעבן מיט הונדערטער יארן צוריק? צי האבן זיי דעם בוים נישט אפגעהיטן? אים פארלאזט? און דערפאר שטייסטו אלטער, איינגעבויגענער ריז און ברומסט, אויף יעדן בלעטל דיינעם רוט דאך נאר א קדיש, אין דיין געפלעכטעניש קלאגן נאך אל מלא רחמימ׳ס און אין דייך געשפאלטענעם געשווירן־שטאם שלימערן נאך יארצייט־פלעמלעך... זיי זענען נאך נישט ארויס און ווו זאלן זיי דען גיין?

און איצט איז געקומען די ווראנע־אייניקל אפנעמען דעם פקדון פון די נשמות־יתרות פון די אחרי מות קדושים?

דו אלטער בארנבוים ווייסט דאך יא דעם אמת, דו געדענקסט נאך דעם ערשטן קבר, די ערשטע מצבה, — דו האסט אויך געזען די לעצטע מצבה־רייסעניש, דעם בליאסק פון אקער־אייזן און מאציעק׳ס פארכליניעטע הנאה...

דער סופיקער טאג האט זיך טריב צעווינטלט. עס ציטערט די שקיעה. קליינע, אש־גרויע וואָלקנדלעך שטופּן זיך צונויף... עס צעוויגט זיך לייכט דער אלטער בארנבוים אין א טיפן קרעכץ, גלייך ווי ער וואלט געזאקט — „ניין, איך וועל נישט אוועק, איך וועל זיי נישט פארלאזן! אונדזערע יידנס אור־אור־זיידנס האבן געמאכט א טעות — זיי האבן אויסגעקליבן נישט דאס ריכטיקע ארט און נישט דאס ריכטיקע בערגל... איך וועל צוזאמען מיט זיי ווארטן ביז...״ ס׳ווערט א ווײַלע שטיל. און איך שריי אויפן הויכן קול:

— אויב עס איז טאקע נגזר געווארן, אז איר אלע דארפט דא ווארטן אויפן שופר של משיח, — זאל איך נאך איין כאטש קדיש זאגן: ...יתגדל ויתקדש שמיה רבה...

ווער זאגט דא קדיש? איך? נישט איך? עפּעס א ווייטער, פארגאנגענער אפּהילך־קול, פון איינעם, וואס האט אמאל געלעבט און ס׳לעבן האט זיך ערגעץ געענדיקט — נאר איך ווייס נישט ווו, כ׳געדענק נישט ווען... איך בין אויך א צוהערער גלייך ווי אלע, וואס רינגלען מיך ארום... און זיי קומען... פון די הויכן, פון נישט־דערבערענטע חורבות, פון בלאטיקע ראוון, פון פארצלמטע קרייץ־וועגן, פון תליה־ביימער, פון שליאכן, פון צווישן פארוויאניעטע הארבסט־פעלדער, פון טייכן, — און פון וואנען דען נישט?

דער הימל אויבן אויך ווי פאראקערט מיט כוואליעדיקע וואלקנס. זיי לויפן, קומען, ווערן געדיכטער, — דער ברום פון קדיש הילכט אפּ פון דעם שווייגנדיקן ארום. ער צאפּלט מיט א ציטערדיקן טרויער...

ס׳הויבט אן רעגענען מיט גרויסע, טרערנדיקע טראפּנס. די ערד איז געווארן שווארצער, די ביינער ווייסער, — און די ווראנע איז אוועק ווייט, ווייט אויף מזרח...

און די שקיעה, דאס הארץ, זענען אנגעפילט מיט געהיימניספולער אימה, מיט א שרעקעוודיקער פוסטקייט, מיט עפּעס, וואס נישט דאס אויג זעט עס, נאר דאס הארץ, דאס מידע הארץ פילט עס...

און די פיס, זיי פרעגן נישט מער. זיי שלעפּן מיך אוועק, זיי ווייסן וואוהין. אהין, צו דער אלטער הילצערנער בריק, וואס א גאנץ יאר פלעגן אים ארעמען צווײ שטייעדיקע וואסערלעך, צו וועלכע יידן פלעגן גיין צו „תשליך״, ארייג־ווארפן דארט זייערע זינד, ווו דער שבת־פארנאכט האט צעציטערט דעם ערשטן יוגענטלעכן ברויז, ווו די שקיעה האט געוועקט בום ערשטן שעמעוודיקן ליבעס־בליק, צום ערשטן הארץ־ברי, צו די ערשטע פרילינג קווייטן, וואס רייסן זיך צום בלי...

די פיס בלייבן ראפטעם שטיין. ווו בין איך ? ווידער אויף א בית־הקברות ?

אן אלטע קריסטן קוקט מיר און צלמט זיך, גייט שנעל אראפ פון טרטואר. פארוואס זי האט דערזען א טויטן ? א טויטער טרעט דען אויף זיין אייגענעם קבר ? די פיס ווילן ווייטער נישט גיין. דער וועג איז אויסגעפלאסטערט מיט יידישע מצבות... ניין, מיט יידן, מיט וויינענדיקע הערצער, — און אויף זיי גייען מענטשן־שטיינער, מיט קאלטע, שנאהדיקע בליקן, מיט צינישע, רוצחישע שמייכלען, מיט א חיהשן געברום : „דו לעבסט נאך ?"...

יא, זיכער, איך לעב ! מיין לעבן ליגט איצט אין שטארקע, זיכערע, געטרייע, אייגענע הענט. איר ווייסט עס. איר ווערט דערפאר פארטויבט פון הערן און פארסמט פון האס.

גענוג ! רופט אויס דאס הארץ, דער זכרון. גענוג !

די זון איז פארגאנגען, מיטגענומען מיט זיך דעם טאג, דאס שטעטל, די פארגענגענהייט מיט אלעס, וואס איז אמאל געווען...

א ל ה א ז כ ר ה

רשימת יוצאי ווייסליץ שנפטרו בישראל

חיים הופנברג הי"ד

ירחמיאל גרושקיביץ ז"ל

צבי נוסבוים ז"ל

מלכה נוסבוים ז"ל

צירל גרושקיביץ ז"ל

זאב אוקסנהנדלר ז"ל

רחל מלר ז"ל

יצחק מלר ז"ל

יעקב מילר ז"ל

לאה מילר־קיידן ז"ל

שרה באום־דז'יאלושיצקי ז"ל

אלתר פשבורסקי ז"ל

רחל אפלבלאט ז"ל

שלום דז'יאלושיצקי ז"ל

רייזל דז'יאלושיצקי ז"ל

אברהם אהרן קראוס ז"ל

רחל דז'יאלושיצקי קרני ז"ל

פרץ ווייצברג ז"ל

בלה ראַיי־ווייצברג ז"ל

חבל על דאבדין... ת.נ.צ.ב.ה.

אלתר אייזנבערג

צוריק צו דער פארגאנגענהייט

ס׳האט זיך איינגעשפארט מיין באגער
דיך נאך איינמאל צו זען מיין שטעטעלע
אזא איינגעשפארטקייט, וואס פארזעט די סכנה...

ערגעץ־וו אויף דער פוילישער ערד, צווישן בוסקא־זדראי, פינטשעוו, ניי־קארטשין — האלב געארעמט מיטן שטרומיקן טייכל נידא, רוט דאס קליינינקע שטעטעלע וויסליץ. די צוגעטוליעטע הייזקעס, — פארשעמט, גלייך זיי וואלטן געטראגן אין זיך א חטא ווי א פרומער ייד וועלכער האט נאך זיך קיין קדיש נישט געלאזט...

דאס שטעטעלע איז פארבליבן, — אבער עס איז שוין נישט מיינס...

אין די נעכט פון יענער גרויזאמער צייט, ווען כ׳פלעג זיך אריינגנבענען — איינשטעלנדיק דאס לעבן, — אין אונדזער שטעטל, האב איך נאך געהאפט נאכאמאל צו זען די קארגע נאפט־לעמפ־בליצעלעך אין די פענצטער... דערזען נאך די געשטאלטן, איבערגעבויגענע שפעט ביינאכט איבער א ספר; נאכאמאל צו באגעגענען פנים־אל־פנים די, וועלכע האבן באריכעט און באפליגלט מיין קינדהייט. איך האב זיי אזוי ליב געהאט...

שמאלע, קליינע געסעלעך, ענגע ליקאלעך, א קליינער, פיר־עקיקער מארק. דארט האט מען זיך דורות־לאנג אויסגעלעבט. דער רב, שוחטים, גבאים מיט שוסטערס, תורה־יידן מיט וואסער־טרעגערס, שניידער, זאקן־ארבעטער — א שפרודלדיקע, דענקענדיקע יוגנט, וואס האט געהערט צו אלע שאטירונגען: לינקע פועלי־ציון, אלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי, גורדוניה און „ביתר״...

ס׳ארט האט זיך נישט געענדערט, — נאר די מענטשן, די איינוווינער, יידן, — זענען דא מער נישטא...

די ערשטע באגעגעניש

פון קנאפע צוויי טויזנט פינף הונדערט נפשות וואס האבן דא געלעבט פארן חורבן, זענען מיר, דעם 15־טן יאנואר 1945 צוריקגעקומען נישט מער ווי 28

פערזאן. אריינגעשלייכט זיך אין דעם ווינטער־פרימארגן אין שטעטל, אפגעשטעלט זיך ביים ראנד פון מארק נעבן קלויסטער פון יעדן איינעם האט געטריפט ווייטאק, בלוט־ווונדן, צעבראכנקייט. מיר האבן זיך ארומגענומען, צעקושט און זיך צעוויינט. מיר, די פארבליבענע... א ביסעל גראע שאטענס.

טירען האבען זיך געעפנט און גויים זענען ארויס. מיט א דערשטיקטן טומל, מיט ווארגנדיקע איינגעהאלטנקייט אונדז באגלייט מיט זשעדנע בליקן: ווער מיט א שמייכל, ווער מיט נייגער. עלטערע פרויען, דערזעענדיק אונדז האבן זיך געצלמט ווי זיי וואלטן דערזען גייסטער פון יענער וועלט. געווען אזעלכע וואס האבן ציניש געפרעגט — „איר לעבט נאך?״

—־—־—־—־—

שוין דעמאלט, אין אקטובער 1942, ווען אלע וויסליצער יידן זענען געווען פארזאמלט אין מארק, פאר זייער לעצטן וועג, — האבן די גויים פון שטעטל פון יענער זייט פענצטער ארויסגעקוקט מיט גלייכגילטיקע בליקן, צום מארק ווו ס'האט געפייפט דער הפקר. און אין די זייטיקע געסלעך האבן שוין געווארט פויערים און פאיערטעס מיט זעק, שטריק, פלאכטעס, — גרייט צו ראבעווען. און ווי נאר דאס לעצטע פירל מיט די יידן איז אריבער דאס בריקל, האט זיך אנגעהויבן דער ווילדער רויב. זיי זענען אריין אין די פארלאזטע יידישע שטיבן, געהאקט, געבראקט, געגזלט, הארעוואניע פון דורות. זיי זענען געווען זיכער, אז קיינער וועט שוין נישט צוריק קומען. זיי האבן זיך נישט אפגענארט. מיר — יא.

—־—־—־—־—

אין די געציילטע איבערגעבליבענע ביים לעבן יידן האבן זיי דערזען דאס שטעטעלע פון אמאל...

אכסניה

מיר האבן באקומען פון רוסישן שטאט־קאמענדאנט דאס הויז פון אבא כאבא. פאר אלע 28 געבליבענע. אלע איבעריקע יידישע הייזער זענען שוין פון לאנג געווען פארנומען. דאס הויז איז געשטאנען אין צווייטן עק פון מארק, פוסט, לער. צעהאקטע ווענט און אויפגעריסענע פאדלאגעס. דא האט מען אויך געזוכט אוצרות.

אויף א וואנט אין איינע פון די שטיבן — שפורן פון בלוט. א זכר פון פריינד־שאפט מצד די פאליאקן. א צווי טאג נאך דער „אקציע״ האבן די 2 זין פון פוילישן פאליציי־קאמענדאנט, האנס, — געפינען אבא כאבא מיט זיין פרוי באהאלטן אונטער א שאנק. זיי האבן גערופן די דויטשן, וועלכע האבן דערשאסן די צווי באהאלטענע.

שווייגנדיק זענען מיר צו צום פענצטער וואס האט ארויסגעקוקט אויפן מארק; כ׳ווייס נישט ווי לאנג מיר האבן געקוקט. געווען א שטעטל, געשטארבן. וואס טוען מיר דא אין אזא גרוילעכע פרעמדקייט?...

מיר דאכט זיך, אז די וועגט זענען ערגעץ אוועקגעגאנגען מיט דער טונקעלקייט פון מיינע מחשבות. איך געפין זיך אין א חושדדיקע פוסקייט, ארומגענומען מיט א יאמער־ווי. שנעל יאגט איין געדאנק דעם צווייטן. כ׳בין דאך געקומען זען מיין שטעטל, וו כ׳האב פארברענגט מיין קינדהייט, א האלבן יובל. כ׳וויל נאך איינמאל זען מיין היים ווי געווען... אז כ׳קאן דאך אנדערש נישט טראכטן. אז כ׳געדענק דאך

איעדע געסל, איעדע מויער,
די פרייד און זייער טרויער.
איעדן שטיין, איעדן בוים
איעדן צער אין זייער טרוים

איעדעס ווינקל, איעדע שטוב, איעדן באערדיקן הארעפאשנע ייד; יעדעס קינד, גוטהארציקע יידישע מאמעס — אלע געדענק איך... אלע וויל איך זען, ארומנעמען, צודריקן און הערן נאכאמאל ווי מיין ליבע מאמע מרים־שפרה פלעגט זאגן: — „ס׳איז נישט מער, קינד מיינס, ווי א בייזער חלום...״

ווי אזוי און וואהין מאך איך איצט מיינע ערשטע טריט? אהיים אין מיין שטוב? אז דאס הארץ קלעמט און די פיס טראגן נישט... זיי וועלן מיך אבער צופירן אפילו כ׳וואלט נישט געוואלט...

כ׳האב זיך אן א ווארט אויפגעהויבן און ארויס אין מארק. די ווינטער־זון איז אפיר פון אונטער דעם קלויסטער. אירע שטראלן האבן נישט געווארעמט.

מיין ערשטער שפאציר

אינסטינקטיוו האבען מיך די פיס צוגעפיהרט צום ברייטען הויז פון ר׳ יענקל דוד שוחט. נאכן דורכגאנג — נישטא מער יאנקל דוד שוחט הייזקע. נישטא מער זיין זון חיים׳ל מיט וועלכן כ׳פלעג אין די הערבסט־נעכט רייסן באניעס... נישטא מער די הייזקע פון אברהם פרייס, — ברוכשטיקער פון טויטע שטיבן, ברעקלעך פון ליימיקע ווענט, אויסגעברענטע שטיקער העלצער, נעמען אויף די שטילקייט פון חורבן. א הונט האט באשמעקט די וויסטע חורבה און וואיענדיק אנטלאפן.

אין דער שטוב פלעג איך אפט קומען. דא האט געוווינט מיין חבר אביגדור פרייס. מיר דאכט זיך, איך הער דאס קרעכצן פון זיין קראנקער מאמע יענטעלע, כ׳זע אירע פייכטע בלויע אויגן כ׳בין צוריק ארויס אין מארק. שטייט ווי געשטאנען ס׳צווייישטאקיקע אלטע הויז פון הערשל טאפ. פון דארט, א טאג נאך דער „אקציע״ האבן די פאליאקן — ווידעראמאל די זין פון פאליציי־קאמענדאנט האנס, —

ארויסגעצויגן זיין זון פיניע מיט דער שוועסטער און אין מיטן מארק דערשאסן.

איך גיי ווייטער. די זעלבע הייזקעס, די זעלבע געוועלבער. דער מארק האט זיך אויך נישט געענדערט, אבער נייע הערן, נייע נעמען, נייע שילדן. א באקאנטע, אבער פרעמדע שפראך.

אביסל ווייטער אין הויז פין יוחנן האמער האט מען דערשאסן ר׳ יוסל דיזענהויז, מיט זיין זיהן אליהו, אין טאג פין דער אויסזידלונג.

איך גיי שוין נישט, כ׳לויף. כ׳שטעל זיך אפ ביים ציגל־הויז פון דער משפחה דזיאלאשיצקי. ר׳ שלומל, א לעבעדיקער, א שפרודלדיקער יידישער גייסט, פאר־בונדן מיט אלע גלחים פון דער געגנט. געקומען אין לאנד, — די איינציקע משפחה וואס האט אלס גאנצע איבערגעלעבט. שוין נאך דער באפרייאונג איז זיין זון מענדל אומגעקומען.

איך צווייטן עק פון קלויסטער— ווו ס׳איז געווען די יידישע ראזורע פון שרולקע נאזשיצע — פון דארט קוקט איצט ארויס א בלאנדער שייגעץ און לאכט אויפן הויכן קול, מיט שפאט. שרולקע נאזשיצע — האט געהאט געלאזט שטודירן צוויי טעכטער! קיינער פון זיי האט זיך נישט געראטעוועט.

איך כאפ זיך אויף א ווילע אויף... יידישע קינדער וועלן שוין קיינמאל מער זיך נישט שפילן אין קלאסן אויף די ווייסליצער טראטוארן.

איך שטיי ביים רויטן ציגל־הויז פון קליינעם, דארן, קליגן קאפל באנעך. אלעמען האט ער געגעבן גוטע עצות נאר נישט זיך אליין. א הייס־נאציאנאלער רעליגיעזער ייד, געווען א גביר, אבער אנשטאט צו נעמען די משפחה און צו פארן קיין ארץ־ישראל, האט ער אויפגעשטעלט א צוויי־שטאקיק ציגל־הויז. די משפחה באנעך איז מער נישטא, — דאס הויז איז פארבליבן...

די טיר פון הארצקע לינדענס שניט־געשעפט האט זיך געעפנט. ס׳האט א שלאג ארויס געגעבן א גערוך פון קאַלבאס און בראנפן. כ׳בין אריין, — כ׳וויס נישט פארוואס. פלעשער, גלעזער, רויך. ס׳קוקן אויף מיר שמאלע, צערייצטע אויגן־שפעלטאלעך. א חזירישע ברוינע מארדע הענגט אויף א טשוואק און דערנעבן. אונטער בופעט שטייט א גוי. כ׳קען אים נישט. א רויטע מארדע, — קוקט אויף מיר.

— וואס ווילסטו? — פרעגט ער.

איך שווייג. מיין בליק פאלט אויף א ווינקל פון סופיט. דארט הענגט א פידעלע, פישעלעס פידעלע. כ׳האב עס דערקענט. דער זיהן פון הארציקען לינדען. מיר פלעגן זיך א צוויי מאל אין וואך צוהערן צו זיין שפילן. „אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל״, „כל נדרי״, „א יידישע מאמע״... און י. פאפירניקאווס „זאל זיין״...

הענגט זיך איצט דאס פידעלע און איך קוק צו אים ארויף.

כ׳האב אראפגענומען דאס פידעלע. עס האט ארויסגעגעבן א טאן, ווי א

זיפץ... כ׳פאק עס שנעל איין און רוק עס ארונטער אונטער דער פאלע.

אין צווייטן עק, נעבן דעם געסל טארגאווא, שטייט דאס עלסטע הויז פון שטעטל, פון אהרן זאלצמאן. דארט האט געוווינט די משפחה ווייצבערג, איינע פון די בכבודסדיקע משפחות; זיי האבן נאך פאר דער מלחמה געמאכט באמיאונגען און געשיקט קיין ישראל זייער איניקל, פרץ ווייצבערג ז״ל.

איך טראכט: — נישט ווייט פון דאנען איז מיין שטוב. אבער ניין, כ׳קאן נאך נישט, כ׳בין נאך נישט גרייט צוצוגיין, צו זען... ניין, כ׳וועל פריער צוגיין צו דער שול, צום בית המדרש, צום בית הקברות. איך לויף שנעל אדורך ר׳ עוזר טריגערס טויער, וואס פירט גלייך צו דער שול. כ׳כאפ א בליק דורכן פענצטער — אפשר ליגן נאך דארט די בגדי חג, אנגעגרייט, אז ווען עס וועט זיך דערהערן משיחס שופר, זאל ער קיין רגע נישט פארלירן... נישטא די בגדי חג, נישטא ר׳ עוזר און משיח איז נישט געקומען....

כ׳דריי זיך אויס — כ׳קוק אן דעם מארק. אמאל, כ׳ווייס, אפשר איז דאס א חלום געווען גאר... אבער דער מארק איז לעבעדיק אמאהל געוועהן און רוישט מיט לעבן אין מיינע געדאנקען... די באגעגענישן פון דער ווייסליצער יוגנט א יעדן שבת, — דא דיסקוטירט, גערייצט די ערשטע נייגעריקע אדער פארליבטע בליקן... דא אין משך פון דורות פלעגן פארקומען די ירידים, פון וועלכע יידן פלעגן ציען זייער חיונה. נאר די קיזל־שטיינער ווי געשווירן, אויסגעריבענע, זענען עדות פון אמאל געוועזענעם...

כ׳לויף שנעל צו צו דעם ארט, וווּ ס׳איז געשטאנען די גרויסע, שיינע שטאט־שול. אויפן פלאץ נעבן דער שול פלעגן די ווייסליצער יידן זייערע קינדער צו דער חופה פירן... דער פלאץ איז דא אבער די שול ?... די שול מיט די קאלירטע שויבן־פענצטער, מיט א קליין פענצטערל פון וואנען מען פלעגט די קינדער ווארפן עפל סוכות־צייט, אדער וואסער, בעת זיי האבן געקליבן די צעשיטע עפל... א ווײלע זע איך דעם שטאט־חזן און מלמד ר׳ משה׳ל, ווי פארדעקט מיטן טלית איבערן קאפ דאוונט ער יעדן פרייטיקצונאכט „לכה דודי״...

אנשטאט די שול — א בארג אפגעבראכענטע שטיינער, פארוואקסן מיט גראז... אביסל ווייטער — דאס בית המדרש. ווי ברידער זענען זיי ביידע אמאל געווען: די שול און דאס בית המדרש.

די אויגן פארמאכן זיך אליין. איך זע, ווי ר׳ עמנואל דער תהילים־ייד פון שטעטל שאקלט זיך ביים ווייסן קאפל־אויוון און יעדעס מאל הייבט ער אן פונדערסנייי אויפן הויכן קול: — אשרי יושבי ביתך...

נעבן אים, אויף דער ברייטער באנק פלעגט תמיד זיצן דער שטאט־משוגענער איטשעלע. מיט זיינע גרויסע, וואסערדיקע אויגן פלעגט ער גלאצן ערגעץ ווו... ער האט געווארט די קינדער זאלן אים אנאכרופן: — „רוסקי שפיאן״! ער פלעגט

זיך דאן אויפכאפן מיט כעס, גרייט צו הרגענען.... קיינער האט זיך נישט פערנימען מיט איהם, אזוי האט ער געלעבט ביז ער איז פערשווינדען.

אין בית מדרש — אלטע הילצערנע טישן, אויסגעריבענע פון זיצן בענק, צעקנייטשטע, פייכטע, פארגעלטע ספרים ליגן אויף זיי. איך עפן די אויגן און האלט איין דעם אטעם. אויף דער ארט פון בית מדרש — א גרויסער בארג מיסט. דאס האבן די נייע איינוווינער פון שטעטל געוואלט פארשיטן דעם לעצטן זכר פון אונדזער אמאל... אויפן בארג מיסט זע איך רעשטלעך שמת׳ן און צעריסענע געשענדעטע ספרים.

פון דער ווייטנס זע איך: די מקוה שטייט ווי געווען. דער איינצקער זכר פון יידישן לעבנס־שטייגער. נעבן דער מקוה — דאס קליינע וואסערל, וואס פלעגט שפרודלען א גאנץ קיילעכיק יאר. דארט פלעגן זיך שפילן די קינדער, כאפן קליינע פישעלעך, דערשראקענע זיך ארומקוקן צי ס׳קומט נישט דער רבי אדער שקאצים.

מעריב־זייט פון שטעטל — דער אלטער בית הקברות. ער איז געווען ארומגעצוימט מיט אגעהיימניספולע אלטע מויער. קינדער פלעגן נישט וואגן אים אדורכצוקלעטערן. נאר פון ווייטנס פלעגט מען זען א גרויסע מצבה פין יידישען גוט בעזיצער מייזלס פין זאגאשץ. נעבן דער מצבה — א גרויסער בארנבוים. ער האט אנגעווארפן א פחד אויף די יידישע קינדערלעך. — אין יעדן בערנדל, — פלעגן זיי זיך דערציילן אויפן אויער, — רוט א יידישע נשמה...

אין מיטן בית־הקברות איז געווען דער אהל פון צדיק הרב ישראל הארעוויץ. ארום זיין קבר פלעגן ברענען ליכטעלעך, — דארט פלעגט מען אוועקלייגן פאר־מאכטע קוויטעלעך — בקשות פון פארזארגטע יידישע מאמעס, פרומע יידן וואס פלעגן בעטן א ישועה...

נישטא. נישט די מויער, נישט די מצבות, נישט דער אהל — אלץ פאראקערט, — איין גרויס שווארץ פעלד ציט זיך איבער די קברים... דא און דארט קוקן ארויס ווייסע ביינער, וואס דער אקער־אייזן האט זיי אויפגעדעקט, פון דער ערד ארויסגעריסן... נאר דער אלטער בירנבוים איז געבליבן. ער רוישט ווייטער און איך הער אין זיין גערויש א יאמער...

די אויגן פארמאכן זיך. איך פיל א פיכטקייט אויף מיינע באקן. די טרערן, וואס האבן נישט געוואלט טריפן דארט, אין שטעטל, האבן זיך דא באפרייט און פאלן שטיל אויף דא שווארצער ערד. די ווינטער־זון פארגייט אונטער א וואלקן.

עס ווערט טונקעלער. א דריבנער שניי הייבט אן צו פאלן. דאס שווארצע פאראקערטע פעלד פון בית הקברות ווערט ווייס. מיר דאכט זיך, אז דער שניי באדעקט די קברים מיט ווייסע תכריכים.

— איר וועט מיך נישט אפנארן, — טראכט איך, — דער שניי וועט אפגייך און די ביינער וועלן זיך ווייטער ווייזן...

די ערשטע נאכט

כ׳בין צוריק אין אבא כאבא׳ס שטוב. מיר זיצן אלע ביי א נאפט לעמפל און שווייגן, ארומגענומענע פון מחשבות.

נאכט. ס׳וויינט ערגעץ־ווו א קינד. די סאווע האט זיך צעשריגן. אייניקע שאסן־קנאלן פאשווינדן ערגעץ אין חלל. כ׳הער די שווערע טריט פון שטאט־שומר יאנעק און דאס שווערע סאפען פון זיין הונט. צי וועט ער היינט, ווי אמאל, אויפרייצן דעם הונט אויף די פארשפעטיקטע יידישע פארלעך ?...

— אפשר כאפ איך זיך ארויס און גיי צו צו ר׳ אלעזר מעלערס פענצטערל כאפן א בליק צי ר׳ אלעזר, ביי א נאפט־לעמפעלע, זיצט פארטיפט איבער דער גמרא... און אפשר זאל איך צוגיין צו אונדזער שטוב, זען, צי אלע שלאפן שוין, און צי די מאמע האט מיר, ווי תמיד צוגעגרייט א טעפעלע מילך אויפן טיש ?...

איך כאפ זיך אויף. דיווירקלעכקייט קומט צוריק אין איר גרויסאמקייט. עס וויל זיך מיר שרייען, רופן : געוואלט ! וואס איז דא געשען ?... אנטלויפן. א מידער אויסגעשעפטער, בין איך פארטאגס ערשט איינגעשלאפן.

פארטאגס, דאס שטעטל דרימלט נאך בשלווהסדיק, גלייך ווי ס׳זאל גארנישט געשען. אלץ איז באדעקט מיט ווייסן שניי. ווי שעמט ער זיך נישט צו זיין אזוי ווייס, אזוי אומשולדיק, אויף דער פארשעמטער ערד ?...

כ׳גנבע זיך ארויס דורכן ברייטן טויער אויף די פעלדער, צו דער ברייטער בריק. דא ליגן 38 דערמארדערטע יידן ; קיינער ווייס נישט גענוי ווו זייער געביין איז געבליבן. דעם מארד האבן אויסגעפירט די פאליאקן.

כ׳קום צו צו דער אלטער בריק. אויך דא — אלץ ווי געווען. אמאל פלעגן דא שפאצירן עפנטלעך יונגע פארלעך, געארמעט, האנט ביי האנט. כ׳קוק אראפ צום האלב־פארפרוירענעם וואסערל : דא פלעגט דאס גאנצע שטעטל יידן קומען ראש־השנה צו תשליך. זיי וועלן שוין מער נישט קומען — זייערע זינד זענען צוזאמען מיט זיי אוועק מיט רויך.

אינסטינקטיוו קער איך איבער די קעשענע און שיט אריין די קרישקעס אין טייך. די לעצטע תשליך אין ווייסליץ.

איך הויב אן צו גיין אין דער ריכטונג פון דער נייער בריק. און מיטאמאל בלייב איך שטיין, די פיס ווילן נישט טראגן. פון ביידע זייטן וועג איז דער טראטואר אויסגעפלאסטערט מיט מצבות... די אותיות זענען נאך נישט אויס־געריבן... איך לויף אראפ פון טראטואר — די קריסטן קוקן מיך אן. כ׳האב מיט אויגן, פול מיט טרערן נאר געקאנט אדורכלייענען איין אויפשריפט : מאיר בן ר׳ נתן דוד הערשקאוויץ, נפטר...

נפטר... נפטר... ווער איז דען לעבן געבליבן ?...

כ׳גיי שנעל צוריק. פון די בריק דאכט זיך מיר א ווײַלע, אז אט־אט לויפט ארויס מאטעלע־שנײַדער, דער לאציאזש פון שטעטל, נתן־טרעגער, שטענדיק ארומגעגארטלטער מיט א דיקן שטריק, א פארמעלטער, — אבער ניין, קיינער איז נישטא. כ׳קום צו צום הויז פון דער משפחה זיידנער. די פענצטער פארהאקט מיט ברעטער. עס הערט זיך א שטיל געוויין. כ׳גיי אריין. כ׳פיל אין דער שטימפיקער לופט דעם איפוש פון רפואות. צוויי שווערסטערן זענען על־פי נס געבליבן לעבן. די יינגערע דארף האבן רחמי שמים. זיי האבן מורא צו קומען אין אונדזער קוואַרטיר, ווייל מען האט זיי געזאגט, אז אויב זיי וועלן פארלאזן די שטוב, וועלן איר אנדערע פארכאפן...

דאס הויז פון דוד אבאזשאנסקי. יעצט איז דא דער מאגיסטראט פון דעם הויז, האבן די פוילישע רוצחים אין טאג פון דער אקציע ארויסגעשלעפט דאס בלינדע, 16־יאריקע מיידעלע רחטשע און אויפן הויף זי דערשאסן.

דאס הויז פון זילע ארבאך, דעם פרומען, כשרן יידן. אקורצע צייט פאר דער באפרייאונג האט דער גוי, וואס האט זיי אויסבאהאלטן — אים מיט דער פרוי, — אין איידעם דערמארדעט...

דעם גלחס הויז. דא האט זיך באמת גארנישט געענדערט. אבער אנטקעגן־איבער דאס באקאנטע הויז פון ר׳ מלך קאזימירסקי.

דאס הויז איז אפן, אן א טויער, ווי אמאל, ווען זיין אומגעקומענער בעל־הבית ר׳ מלך קאזימירסקי האט בכוונה נישט פארמאכט זיין הויז, עס זאל זיין אפן פאר יעדן נויטבאדערפטיקן אין יעדער צייט — בייטאג און ביינאכט.

געווען איז ר׳ מלך איינע פון די שענסטע געשטאלטן וואס איך האב נאר געקענט. ליב געהאט יעדן מענטש, א ייד און א קריסט. געהאלפן מיט א הלוואה, געהאלפן בסתר; געווען דער פארטרויאונגס־מאן פון דער ארעמקייט. ביי אים האט מען א נדן אפגעהיטן;

אן איידלער מענטש געווען, — טראכט איך מיר. ס׳פארגלוסט זיך מיר אריינצוגיין אין הויף, אויפצוגראבן זיין שניי־ווייסע בארד, וועלכע ער האט אייגנהענ־טיק אפגעשניטן, אז קיין שונא זאל פון איר נישט שפאטן און באגראבן איר ביי זיך אין הויף. איך וואלט די ווייסע בארד ווי א הייליקייט צוזאמען מיט פישעלע לינדענס פידעלע געברענגט ווי מתנות פאר צדיקים גלייך ווי אין פרץ׳ס דערציילונג „די דריי מתנות“.

דער קלויסטער גלאק האט זיך צעקלינגען און מיך אפגעריסן פון מיינע מחשבות, און אנגעווארפן פרישע זכרונות.

דער אינציקער צדיק אין סדום

אויף צומארגנס, זונטאג נאך די אויסזידלינג, האבן די גויים זיך פערזאמלט אין מארק־פלאץ — צו ירשענען יידיש האב־און־גוטס; שטיקער שווארצן אטלאס,

ווייסע צעפליקטע ציכן, פעדערן, שארבלעך, שטיקער האלץ... תשמישי קדושה — האבן זיך געוואלגערט און אויסגעמישט מיט שטויב און בלאטע. און מאדנע: — די קלויסטער גלאקן רופן נישט צום זונטיק־געבעט. דער גלח גייט ארויס זוכט דעם גלאקן־קלינגער. ער איז נישטא ער איז אויך פארנומען מיט רויבן ס'יידישע האב־און־גוטס. דער גלח שטייט און קוקט א פארצווייפלטע ווי זיינע שאף וואס זענען געווארן וועלף... ער גיט זיך א ווארף צום גלאקן־טורעם און הייבט אן מיט פארצווייפלונג צו וויגן די גלאקן... אבער זיין הייליקער רוף איז נישט דערגאנגען צו די פארשיכורטע פון רויב גלויביקע. ער איז אזוי איינזאם ווי איך, און אזוי ווי איך גייסטיק צעבראכען.

דאס איז געווען דער איינציקער גלח אין דער געגנט, וועלכער האט געהאט מוט אין דער קירכע צו זאגן מוסר און שטראפן די גוים פאר זייערע מעשים. מען האט מיר דערציילט אז ווינטער 1943, ווען מונדעק, דער זון פון בירגערמייסטער, האט דערמארדערט מיט א האק זיין פריינד, שמואל־יחזקאל, באכענעק בכדי צוצונעמען ביי אים די רעשטלעך פון אויסבאהאלטענעם יידישן פארמעגן, (אין קעלער פון אהרן זאלצמאן) — האט דער גלח פון ווייסליץ — אויסגערופן אין דער קירכע בעת זיין זונטיק־פרעדיק: — הערט אויף צו פארגיסן בלוט! וויניק איז נאך אונדזער ערד אנגעזאפט מיט בלוט פארגאסן? דארפן נאך פוילישע הענט פארגיסן אומשולדיק בלוט?...

—־—־—־—־—

כ'פארנעם זיך רעכטס אריין אין געסל פון "משה בוג זאפלאטש", דעם טרעגער. אויף דער אויפגעבראכענער טיר פון זיין שטוב הענגט נאך דער טרעגער שטריק. אביסל וויטער — די שטוב פון חיים טעפער, פארקלאפט מיט ברעטער; אין מיינע אוירן קלינגט נאך זיין קול ווען ער פלעגט יעדן שבת אינדערפרי, ביי אן אפן פענצטער מעביר־סדרה זיין אויפן הויכן קול...

איך שטיי ביי דער שענק פון העטשע שענקער. שיכורע גויזאנגען טראגן זיך פון דארט און איך דערמאן מיט הארץ־קלעם, ווי מיר פלעגן דארט פון צייט צו צייט, אין שבתדיקן נאכמיטאג, זיך צונויפקומען עסן ארבעס, טרינקען ביר און זינגען. די לידער זענען פארבליבן — די זינגערס נישט.

טארגעוויסקע

כ'קום צו צו דער טארגאוויסקע. געשפרודלט האט דא אמאל מיט עמך שער־און־אייזן, קצבים, טרעגערס, וואסער־פירערס — ארבעטזאמע, מוטיקע, ארנטלעכע, הארציקע יידן. נישט איינמאל האבן זיי אפגעהיטן דאס שטעטל פון א פאגראמאלע.

לינקס, פון דער מזרח זייט, שטייט דאס הויז פון הרה״ג ר׳ חיים שלמה שווארץ. דא, צווישן די באליבטע פון זיין עדה האט ער אויסגעקליבן זיך זיין ווין־ארט.

דעם רבי׳נס זין: לוי׳לע מיט די געקרייזלטע בלאנדע פאות, יצחקל, א שווארצער, מיט גוטע, ווארעמע יידישע אויגן און מלכ׳ל (היינט רב אין לאס אנזשעלעס) א פריילעכער, גוטמוטיקער פאלקסטימלעכער — אזוי ווי זיין פאטער, זצ״ל. תמיד פלעגט מען ביי זיי טרעפן ארעמעלייט וואס האבן דערוואַרט — און נישט אומזיסט, — אויף הילף.

אביסל ווייטער שטייט נאך דאס הויז פון משפחה מעלער. אמאל פלעג איך זיך אריינכאפן אין די שבתים צו ר׳ איטשע מעלער און זיך אונטער האלטען מיט זיינע זיהן. ר׳ איטשע מעלער, איז געווען דער ערשטער אין ווייסליץ, וואס האט מיט דער גאנצער משפחה עולה געווען קיין ישראל, איבערלאזנדיק א היים, א פרנסה.

נישטא מער די כאטקע פון נחום-וואסער פירער, די הילצערנע שטוב פון משה־וואסערפירער און די ליימענע הייזקע פון מרדכי־ליפא דעם בעל־עגלה.

אויך די טארגאוויסקע איז פארבליבן — נאר די יידן זענען נישטא.

כ׳קום צוריק אויף דער קאשטשענלע־גאס. ס׳שטייט ווי געווען דאס הויז פון לייבעלע אקסנהענדלער. א חלוצישער משפחה, האט זיין זיהן אברהם דער איינציקער, וואס האט זיך געראטעוועט. צום טאטנס אנדענק האט ער אנגענומען דעם נאמען בן־אריה.

כ׳קום צו צום ליקל וואס פירט צו דער שטעטישער „קאזע״ נעבן דעם פאליציי פאסטערונעק. כ׳בלייב שטיין פאר דער געלעכטער מויער און פארגליווע־רטע בלוט-פלעקן, וואס נישט דער רעגן און נישט דער שניי האבן זיי אפגעוואשן ביז היינט.

יוסף דעם זון פון בער קראוס איז געקימען אין שטעטל אריין, זיך דערוויסן ווי נאך עס זענען פארבליבן אויסבאהאלטן אנדערע יידן. אין ווייסליץ, האט מען אים דערקענט און ארומגערינגלט. די פארפאלגער האבן געשריגן: „גיב זיך אונטער, זשידקו!״

יוסף האט אבער באשלאסן זיך נישט אינטערגעבען. ער האט געוווסט, אז זיי דורשטן נאך זייך בלוט און האבן נישט איינמאל דערפילט זיין שווערע האנט. די צעיושעטע פאראבקעס אין שפיץ פאליציי־קאמענדאנט הונץ מיט זיין זון, האבן אנגעפירט מיט דעם נישט גלייכן קאמף.

דער געראנגל האט זיך אנגעהויבן אין גאס; יוסף האט מיט זיין שטעקן קיינעם נישט צוגעלאזט נאענט צו זיך. ער האט זיך צוריקגעצויגן און אנגעשפארט אין א וואנט פון דער שטעטישער „קאזע״. ווען זיי האבן געזען, אז קיין לעבעדיקן וועט זיי נישט געלונגען אים צו כאפן, האבן זיי אים אדורכגעלעכערט מיט קוילן.

זיין פארבלוטיקטער לייבן־קאפ האט זיך אראפגעלאזט און ער איז געפאלן מיט דעם שטעקן אין דער האנט.

אויף צומארגנס האבן די גוים אוועקגעפירט זיין גוף אויפן נייעם בית הקברות.

חורבות פון אלע זייטן. כ׳קום צו צום רויטן ציגלנעם הויז פון דער משפחה בארנשטיין. פון הויז קומט ארויס דער סעקרעטאר פון דער גמינע. — נו, איבער־געלעבט, הא ?... כ׳דריי זיך אויס. כ׳וויל קיינעם איצט נישט זען. פון וואלף בארנשטיינס משפחה, דער געוועזענער ראש הקהל איז קיינער נישט געבליבן.

אנטקעגאיבער דעם הויז פון די בארנשטיינס — דאס הויז פון בער קראוס אן טירן, אן פענצטער. ביים אריינגאנג ליגט דער האלצערנער פאס מיטן צאפן. איך קוק אויף די אפגעלאזטע כלים און טראכט : — מים חיים האט איך געבראכט אמאל, צו ברכות האט איר גורם געווען, — אפשר וואלט געווען גלייך איך אויך מיטצונעמען, ווי הייליקע מתנה...

איך זיפץ אפ. נישט קיין וואונדער, וואס פון בערס הויז איז ארויס שמשון הגיבור פון שטעטל... דאס עפעלע איז געווען געגוי אזוי ווי דער בוים...

איך קום צו צום הילצערנעם בריקל וואס פארבונדט דאס שטעטל מיטן פארשטאט. דורך דעם בריקל האט געפירט דער לעצטער וועג פון דער ווייסליצער עדה. ווען דאס בריקל וואלט געקאנט רעדן, וואלט עס דערציילט, ווי אונטער אים פלעגן זיך אויסבאהאלטן די איבער געבליבענע, ווען זיי האבן געוואלט ביינאכט זיך אריינגנבעווען אין שטעטל. דאס בריקל וואלט אפשר אויך דערציילט, ווי במשך דורות פלעגן די יידישע מאמעס גיין מיט די קינדער שפאצירן דורכן בריקל, צום גלחס גארטן...

לינקס פון בריקל — יוזעקס קוזניע, אויך דאס ארט איז געהייליקט פון יידיש בלוט. דא האבן די דייטשן דערשאסן משה טאפ און חיים האמערס צוויי זין, וועלכע די פאליאקן האבן געמסרט צו די דייטשן...

נאך צוויי גאסן וויל איך זען : די גאס פון ר׳ שבתאי זילבערשטיין וואס פירט צום בית המדרש און מיין היים־געסל, די גאס פון מאיר נאזשיצע.

כ׳גיי פארביי הערשעל דארעס הויז. פון זאלקע בעדער איז א פאר שעה נאך דער אקציע דערשאסן געווארן ביים לייענען די צאינה וראינה זאלקע בעדערס ווייב. זי האט נישט געוואלט פארלאזן איר היים...

איך שטיי פנים אל פנים מיט שבתאי זילבערשטיינס הויז.

א ווײַלע דאכט זיך מיר אז אט־אט שפרינגט ארויס ר׳ שבתאיס זון ליפעלע, און וועט מיך ווי אמאל פרעגן : — „ווען וועל איך פארן קיין ארץ ישראל צו מיין ברודער ?"

אנטקעגן איבער — ס׳הויז פון ר׳ אלעזר באום, דער שטאלצער ייד וועלכער האט געהאט גיטע בעציהונגען מיט די פריצים. די פריצים וועלן זיך מער נישט

באגריסן צו אים... ער האט געהאט די „זכיה" — דער איינציקער — צו שטארבן מיט א נאטירלעכן טויט, אין זיין טלית, אויף א בוידעם ביי א גוטן פויער, וואס האט אים אויסבאהאלטן; זיין זון הערשעל האט אים צו קבר ישראל געבראכט... אויף נייעם בית הקברות.

דאס הויז פון שייע גרוינעם (ראזענוואסער) איז האלב־רויניִרט. דא איז געווען דער צענטער פון קהלה פאליטיק אין שטעדטיל. אין אלע געזאלשאפטן געווען פערטראטען.

די היים — צום לעצטן מאל...

און איצט דארף מען גיין אהיים... כ'האב מורא... כ'וויל נישט, כ'האב גענוג...

אבער די פיס פרעגן מיך נישט. זיי קענען דעם וועג. זיי וועלן מיך שוין פירן. איך גיי לאנגזאם, שווער, זייער שווער. שטיקט עפעס אין האלדז. איך אייל מיך נישט. ווער איילט זיך דען ווען ער גייט דעם לעצטן וועג...

כ'בין שוין אין מיין געסל. איך רו זיך, אפ און כאפ איבער דעם אטעם. איך זע ווי דורך א נעפל ווי אויף דער טיר פון הויז פון מאיר נאזשיצע הענגט א שילט... א יאטקע. א בהמה מיט קעלבישע אויגן קוקט צו מיר אראפ. נעבן איר — א גרויסע האק. איך בלייב או ווילע שטיין. מיר שיינט, ווי די בהמה רעדט צו מיר אראפ פון שילד: נאר וואס דו ביסט, די האק איז נישט פאר מענטשן...

איך גיי וויטער. דאס הויז פון ר' נתן־דוד שוחט. כ'ווארף א בליק אין קארדיאר. כ'זע ווי ר' נתן־דוד לויפט ארויס אויפן הויף, ווי תמיד, מיטן חלף אין מויל און א הון אין דער האנט. ער קוקט מיך אן: — וואס שרעקסטו זיך, דער חלף איז דאך נאר פאר גענדז און הינער...

כ'האב שוין מער נישט קיין מורא

איך גיי אריין אין מיין הויז. דער זעלבער אייזערנער נאפט־פאס, די זאלבע קליאמקע, די אויסגעריבענע שוועל — אבער אן א מזוזה. אויפן ארט פון דער מזוזה — א פלעק. איך דארף נאר געבן א קוועטש און די טיר וועט זיך עפענען מיט א סקריפ, ווי אמאל. באלד וועל איך דערהערן דעם שטילן, צערטלעכן קול פון מיין מאמען:

— אזוי שפעט, קינד מיינס, אזוי שפעט... נעם דיר, דא שטייט אנגעגרייט א טעפעלע מילך...

איך עפן די טיר. שטיל. קיינער איז נישטא. רעכטס שטייט נאך אונדזער האלצערנער וואסער־פאס און מיין שלאף־באנק. איך הער נאר דעם טיק־טאק פון וואנט־זייגער. ווארשיינלעך שטייט די מאמע נאך אין געוועלב... איך כאפ נאך

א בליק אויף מיין שלאף־באנק און דערמאן זיך: ווען איך בין מסוכן קראנק געווען האט מען מיר צוגעגעבן נאך א נאמען: אלטער...

די זעלבע ברוינע, אלטע בעטן, בעטגעוואנט, די זעלבע שאנק און דערנעבן ס׳קליינע שענקעלע — נאר דער מאמעס סידור מיט די דראטענע ברילן זענען מער נישטא... אויפן ארט ווי ס׳האט געהאנגען דער פארטרעט פון טאטע־מאמע הענגט א גרויסער צלם. אויף מיין טאטנס בענקל זיצט איצט טרעלא, אונדזער שכן, דער גוי. אמאל, נאך דעם ווי ער פלעגט כאפן א כוסה, פלעגט ער צו אונדז קומען זיך אויסניכטערן. — א רחמנות אים אויפצוועקן, זאל ער שלאפן...

די טיר פון געוועלב עפנט זיך. עס קוקן מיך אן א פאר גרינע, פרעמדע אויגן.

— א גאסט! דער זון פון שלאמקא איז געקומען!... קום, זיץ, — אפשר א גלאז טיי... פיל זיך ווי ביי זיך אין דער היים!...

— א דאנק... איך וויל גארנישט...

— וואס קלערסטו צו טאן?...

— כ׳וויל גארנישט, כ׳דארף גארנישט... כ׳וויל נאר צום לעצטן מאל כאפן א בליק... און נאך איין זאך... מיין טאטע האט פאר דער אקציע באהאלטן א פאר זאכן... אויפן הויף אונטער דעם שפייכלער... כ׳וויל דאס אויסגראבן און עס מיטנעמען... מיין טאטנס שבתדיקע בגדים...

מיטביידע הענט רייסט ער אויף די פארפוילטע ברעטער. ס׳באוויזט זיך א קנויל שמאטעס... איך בייג זיך אראפ. פון אויבן — די שווארצע אטלאסענע קאפאטע — א צעפאלענע... די רעשט, — אלץ פארפוילט...

— א ביסל מיסט! אזוי זיך אנגעהארעוועט..

דער שווארצער גארטל איז געבליבן גאנץ. איך בייג זיך אראפ, און נעם צו.
— גיט מיר א ביסל נאפט...

זיי ברענגען ארויס א פלאש נאפט. איך באגיס די שמאטעס, צינד זיי אונטער. א פלאס, א פייער... דער רויך טראגט זיך צום הימל... העכער, צו זיי... צו טאטע־מאמע. עס איז זייערס. איך שטעל זיך אויף און זאג שטיל: — אל מלא רחמים...

כ׳ווייס נישט ווי לאנג דאס האט געדויערט. כ׳האב פארלאזט דאס שטעטל ווייסליץ. כ׳ווייס נאר איינס — כ׳האב עס פארלאזט אויף אייביק. לעולם ועד.

דער ערשטער בריוו קיין ארץ־ישראל
נאך דער מלחמה

שלום לכם אחים יקרים!

„על אלה אני בוכיה, עיני עיני ירדה מים כי רחק ממני מנחם״.

„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו״.

די ווערטער וועלכע איך שרייב צו אייך זענען נישט פון טינט, נאר פון טרערן. אויסגעגאסענע נאך אונדזערע אלע ליבסטע און נאענסטע, וואס זענען נישט מער בין החיים. עוד יצחק אחיכם חי — דער איינציקער פון אונדזער גאנצער פאמיליע. נישטא די מעגלעכקייט צו באשרייבן די געשיכטע פון אונדזער מארטיראלאגיע. ווען כ׳נעם די פעדער צו שרייבן וועגן דעם, שווינדלט מיר פאר די אויגן. כ׳גלויב אז מער־ווייניקער ווייסט איר שוין פון די צייטונגען ווי אזוי מיר האבן דא געלעבט אונטערן מערדערישן רעזשים. שווערע ליידן און בלוטיקע יארן האבן מיר אדורכ־געמאכט. פארשידענע גזירות, רדיפות, צרות, פון וועלכע מען האט אפילו נישט געקענט חלומען פריער. אזוי האבן מיר „געלעבט״ אייניקע יאר, וואס אלץ איז געווען פאר יידן פארבאטן, ווי צ.ב. ארויסגיין מחוץ לעיר, פארן אויף די באנען, האנדלען, באטרעטן דעם מארק א.ד.ג. ביז ענדלעך יידן האבן שוין נישט געטארט לעבן אויך. שמיני עצרת (3.10.42), דער טרויעריקסטער טאג איז דאס געווען אין מיין לעבן. אין דעם טאג, איז מיר געווארן ארויסגעריסן דאס טייערסטע און ליבסטע פון הארצן. דעם טאג זענען די יידן פון ווייסליץ געווארן „אויסגעזידלט״ — אוועקגעפירט צו דער שחיטה קיין טרעבלינקע, כדי דארט אויף א בעסטיאלישן אופן אומצוברענגען אין די קרעמאטאריעס. און עס איז נישט געבליבן קיין זכר פון זיי, קיין קבר, ווו מיר זאלן קאנען כאטש אמאל דאס ביטערע הארץ אויסגיסן. אזוי האבן זיי געטיילט דעם גורל פון גאנצן פוילישן יידנטום.

מיר איז אלנפאלס געלונגען זי דארויסצובאקומען פון זייערע הענט, צו אנטלויפן און זיך אויסצובאהאלטן אויפן דארף. די געשיכטע פון מיינע ליידן הויבט זיך אן נאך פריער. ווי אייך איז באקאנט האט מיך די מלחמה געטראפן ביים מיליטער. 1־טן סעפטעמבער 1939 פאר איך מיט מיין פולק אויפן פראנט אין די מעריב

קארפאטן. געקעמפט האבן מיר ביזן 9־טן סעפטעמבער אין וועלכן מירווערן צעשלאגן און איך צווישן אנדערע פאל אין דייטשן געפאנגענשאפט.

נישט דא איז דאס ארט צו באשרייבן די ליידן פון די יידישע זעלנער אין דייטשן געפאנגענשאפט. אזעלכע צרות מאכן מיר אדורך א האלב יאר. ביי די שווערסטע לעבנס־באדינגונגען, ביי די גרעסטע קעלטן פון דעם ערשטן מלחמה ווינטער. מיר האבן געוווינט אין פלאנטיקע צעלטען, הונגעריק און דורשטיק און ארבעטן האבן מיר געמוזט שווער אין די גרעסטע פרעסט. דאס איז נאר א טייל פון די פיזישע ליידן אבער די מאראלישע ליידן, דאס איז א קאפיטל פאר זיך. דאס בין איך נישט אומשטאנד צו באשרייבן.

אין פרילינג 1940 ווערן מיר „באפרייט" פון געפאנגענשאפט און איך קום צוריק אהיים קיין ווייסליץ. די לאגע וועלכע איך האב געטראפן אין דער היים איז געווען אזעלכע, אז א האלבע גאס און א האלבער מארק זענען געווען פארברענט, צווישן זיי אויך אונדזער הויז. ס׳איז כמעט נישט געווען ווו צו וווינען. דער מאנגל אין דירות איז געווען גרויס אויך צוליבן צופלוס פון פליטים פון די גרויסע שטעט. אזוי האט מען „געלעבט" ביז אלע זענען אוועקגעשיקט געווארן אין פארניכטונגס־לאגער.

איך האב זיך אויסבאהאלטן אין שעלצע ביי יאנעק מאדעי 2 יאר און 4 מאנאטן ביזן ארייננקומען פון דער רויטער ארמיי. דעמאלט בין איך ארויס אויף דער פריי. פון ווייסליצער זענען געבליבן לעבן: שלום דזשיאלאשיצקי, מיט דער פרוי, זייער טאכטער און זון, אברהם הירש מיט פרוי און קינדער, אנשל בוים מיט פייגלען און חנהען, מלך שווארץ (דעם רביס), אלתר אייזנבערג, מאיר בוכמאן, אביגדור פרייס, הירשל צוקער, נטע פעפער, ביילע שידלאווסקי, אברהם אהרן קראוס, מיט זיין שוועסטער, מלכה פיניה און דבורה אורבאך, אברהם אורבאך, רייזל און חוה פיינער מיטן מאן, אסתר און יעקיל מאיר (הערש ליב׳ס), חנה און לאה זיידנער און נאך עטלעכע, ביז ארום 40 מענטשן. דאס אלץ איז געבליבן פון 2.500 יידן וואס ווייסליץ האט געהאט אין קריג. די אלע וויינען נישט מער אין ווייסליץ צוליב פארשטענדלעכע טעמים. זיי וויינען אין קראקא און אין לאדזש.

וואס איז נוגע מיך, גלייב איך, אז ווען עס וועט נאר זיך מאכן די ערשטע געלעגנהייט פון עליה קיין ארץ ישראל, וועל איך עולה זיין. מיך מיט פוילן און אייראפע בינדט שוין מער גארנישט, — דאס טייערסטע האב איך פארלוירן...

י. ק.

דבורה אורבאך־גוטערמאן



ליגט מיין שטעטל לידיק,
באדעקט מיט וואלקן־גרוי, שווער, מיד...
ווו זענען פארשווינדן די ליכטיקע שטערן?
זיכער אוועק מיטן לעצטן ייד...

מיין יסורים וועג

אין יאנואר 1945 בין איך באפרייט געווארן. שווער איז געווען מקבל צו זיין דאס נייע לעבן, — נאך שווערער איז געווען צו באטרעטן דעם בלוטיקן באדן פון מיין הרוב געווארן שטעטל וויסליץ...

שוידערליך האט ער אויסגעזען... יידישע הייזקעס, צעריסענע, פארוואנדלטע אין בערגלעך אש... נאך א גרעסערן אומיט האבן אויף מיר אנגעווארפן די פארב־ליבענע יידישע הייזקעס, מיט זייערע איינוווינער — די קריסטן, וואס האבן פארכאפט די אויסגעמארדעטע יידישע שכנים...

איך גיי פון גאס צו געסל או צייל אין מיין מחשבה די, וואס וועלן שוין קיינמאל מער נישט עפענען קיין טיר און זאגן מיר א היימעשן גוט־מארגן...

איך גיי אוועק און עס גייען מיר נאך שאטנס און מחשבות...

יומים נוראים 1942. די וויסליצער יידן האבן דערפילט, אז עס דערנענטערט זיך זייער ריי... אלע ארומיקע שטעטלעך זענען שוין געווען „יודן־ריין”. מען האט געפרווט זיך ראטעווען: ווער האט זיך פארלאזט אויף א „גוטן גוי”, ווער האט זיך אויסגעארבעט „ארישע פאפירן”, ווער איז אוועק מיט די פארטיזאנער און ווער האט נאך אלץ נישט פארלאזט די האפענונג, דעם גלויבן אין גאטס השגחה...

לויט דעם באשלוס פון מיינע עלטערן בין איך מיט מיין מאן, בעריש קרוט־שטיין און מיין טעכטערל צירל־חנהלע, וואס איז דאן אלט געווען 2 יאר, — אוועק קיין דזשאלאשיץ. אזוי ווי די ערשטע אקציע אין דזשאלאשיץ איז „נישט געלונגען”, האבן די איבערגעבליבענע יידן געגלויבט, אז זיי וועלן שוין אויס־מיידן דעם טראגישן גורל.

8 טעג שפעטער, שמיני עצרת, האט מען אויסגעזידלט די וויסליצער יידן. אויך פון וויסליצער טראנספארט זענען אנטלאפן פאריבער 120 יידן, צווישן זיי

מיינע עלטערן און מיין יינגסטער ברודער — מנשה. כ׳האב באקומען אן ידיעה, אז זיי זענען באהאלטן אין דארף סטאוויעשיצע, ביי א פויער, א באקאנטן.

נאך דער אויסזידלונג אין אָפּאטאווצע האבן די דזשאלאשיצער יידן פאר־שטאנען, אז זייערע האפנונגען זענען פריצייטיקע. מיין מאן איז אריבער אין דער באהעלטעניש פון מיינע עלטערן. איך מיט מיין פיצקעלע קינד, זענען אוועק קיין יענדשעיעוו, מיט „ארישע פאפירן". יענדזשעיעוו איז שוין דעמאלט געווען „יודן־ריין"... און דא הויבט זיך אן מיין פיין־וועג...

יאוש, פארצווייפלונג, אפאטיע... גורלדיקע באשערטקייט, ברוכן פון רגע׳ס, אכזריותדיקע צופיליקייטן, — האבן דעצידירט וועגן מיין לעבן. כ׳האב אויפגעהערט צו זיין דברה, ר׳ זילע און רחל ־רבאכ׳ס טאכטער, כ׳האב זיך פארוואנדלט אין א זאפיא וואיציק און מיין טעכטערל אין א „צעלינקא".

פאר גרויס געלט האט מיך א פויער פון דארף ליסינא אונטער יענדזשעיעוו, אויסבאהאלטן, וויסנדיק, אז כ׳בין א יידישקע. אבער נאך 3 חדשים האבן די דייטשן ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג, אז אויף יעדער טיר מוז ארויסגעהאנגען ווערן א גענויע רשימה פון איינוווינער. דער פויער האט מורא באקומען און איך האב געמוזט פארלאזן.

וואוהין זאל איך גיין?... כ׳בין אוועק קיין יענדזעיעוו. פון דעם מאמענט אן האב איך שוין געלעבט אלס קריסטן...

פרילינג 1943 האב איך זיך אריינגעגנבעט אין מיין שטעטעלע וויסליץ, ווייל כ׳האב זיך דערוווּסט, אז מיין ברודער מנשה איז דערמארדערט געווארן דורך די פאליאקן. ער האט געוואלט אין א פרילינגס־נאכט אריין אין שטעטל באזארגן געלט פארן „גוטן גוי" ווו זיי זענען געווען אויסבאהאלטן...

ס׳האט מיר דערציילט איינער פון די אפגעראטעוועטע יידן, וואס איז געווען אויסבאהאלטן אין טאביאשעווסקי׳ס שטאל, — אז ער האט אין דער דאזיקער נאכט דערהערט א געשריי „שמע ישראל" און באלד דערנאך א שאס...

א צעבראכענע בין איך צוריק קיין יענדזשעיעוו. אין די נאכט האב איך געטוילעט צו זיך מיין קינד און טרערן זענען געראנען פון מיינע אויגן, אן געוויין... — מען טאר נישט וויינען...

אין טאג פון די ווייגאכטן (25 דעצעמבער) בין איך אריין אין דער שטעטישער אוביקאציע... און דארט, ווו עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך בין אליין, — האט זיך מיר ארויסגעריסן א זיפץ מיט א יידישן „אוי" ...דעם „אוי" האט דערהערט א פאזנאנטשיק און מיך געמסרט. ס׳איז געקומען פאליציי, מיך געפרעגט, געפארשט, און ביי מיר צוגענומען די ארישע פאפירן. כ׳בין געווען פארצווייפלט: אן די פאפירן בין איך מיט מיין קינד געווען פאראורטיילט... כ׳האב שוין נישט געהאט וואס צו פארלירן און איך האב זיך מודה געווען פאר מיין באלעבאס, אז מיר

זענען יידישקעס. מיר האבן געוויינט... — מיין קינדס לעבן ליגט אין אייערע הענט, — האב איך זיך געבעטן...

פאר גרויס געלט, איז מיין באלעבאס געגאנגען צו דער פוילישער פאליציי און אויסגעבעטן מיינע פאפירן, זאגנדיק, אז איך בין א פרומע קריסטן און אז איך וויל ביינאכט גיין צו דער „פאסטערקע" צום ווייגאכט־געבעט און מוז האבן די דאקומענטן... די פאליציי האט אים געגלויבט. ער האט מיר צוריקגעבראנגט די פאפירן.

אין דער זעלבער נאכט — אין א שניי־זאוויערוכע, טוליענדיק צו זיך ס׳קינד, בין איך צופוס אנטלאפן קיין קעלץ. כ׳האב זיך באזעצט אין א שטיבל אויפן ארט פון אמאליקן יידישן געטא, ווו ס׳האבן איצט געוווינט די ארעמסטע שיכטן פון דער פוילישער באפעלקערונג.

און ווידער אן אכזריותדיקער צופאל. גייענדיק אין גאס, האבן צוויי פוילישע געהיים־אגענטן אויפגעכאפט ווארשיינלעך מיין פארצוויפלטן בליק. זיי האבן מיך צוגעפירט צו די דייטשן און געפאדערט אויפצווייזן, אז איך בין נישט קיין יידישקע. אויפן וועג, אויפגעבנדיק די האפענונג, — אייגנטלעך האב איך דאך שוין נישט געהאט וואס צו פארלירן, — האב איך זיך מודה געווען: כ׳בין א יידישקע... אבער פון א טויטע וועט איר גארנישט האבן ...נאט אייך מיין געלט און לאזט מיך פריי...

כ׳האב ווידער על־פי נס אויסגעמיטן דעם טויט. דאס מאל בין איך אנטלאפן אליין. מיין קינד האב איך אריינגעגעבן אין א קריסטלעכן קינדער־אנשטאלט. כסדר האט מיך פארפאלגט דאס געוויין פון מיין קינד, ווען כ׳האב זי פארלאזט: — מאמא, מאמושו!...

כ׳האב באשלאסן צוריקצופארן קיין יענדזשעיעוו. ווי נאר מיר האבן פארלאזט קעלץ, האט דער פויער, וואס האט מיך געפירט אויף א וועגעלע, אנגוקט מיט פארדאכט און געזאגט: — דו ביסט אן יידישקע... איך וועל אויף דיר פארדינען 3 קילאָ צוקער...

ער האט מיך צוגעפירט צו דער דייטשער פאליציי. די דייטשן האבן מיך באטראכט, אויסגעמאסטן, קאנטראלירט מיין קארטע און געזאגט צום גוי: — אויב ס׳וועט זיך ארויסווייזן אז זי איז נישט קיין יידישקע, וועסטו באקומען טויטע שלעק און נישט קיין צוקער... קום אין עטלעכע טעג ארום נאך דיין לוין...

מען האט מיך אריינגעפירט אין תפיסה און אריינגעזעצט אין א קאמער ווו ס׳זענען שוין געווען 12 שיקסעס. די פאר טעג, וואס איך האב פארברענגט אין זייער „געזעלשאפט" האבן זיך מיר פארקריצט אין זכרון ווי די סאמע פייגלעכסטע, גרויזאמסטע אין מיין גאנצן ליידנס־וועג. זיי האבן מיר נישט אויפגעהערט צו איבערחזרן: — אויב עס וועט זיך ארויסווייזן, אז דו ביסט יא אן יידישקע, וועסטו

האבן דעם זעלבן סוף וואס די יידישקע, וואס איז דא געווען פאר דיר... מיר האבן איר אזוי לאנג געפייניקט ביז מען האט זי אין גסיסה ארויסגעשלעפט פון דער צעלע...

...איך בין יא א לעבעדיקע ארויס פון זייערע הענט, ציין און נעגל... די דעגענעראטקעס האבן מיך שיער דערפירט צו זעלבסטמארד... און נאך דער געדאנק וועגן מיין קינד און משפחה האבן מיך אפגעהאלטן פון פארצווייפלטע טאטן...

גאט האט אויסגעהערט מיין געבעט. נאך עטלעכע טעג האט זיך דערעפנט די טיר פון דער צעלע און איך האב דערהערט דעם שענצטן קלאנג אין מיין לעבן:

— ביסט פריי. דער פולישער שווין וועט באקומען שלעק נישט קיין צוקער...

— א שאד... — האבן באדויערט די חיהשע, פארדארבענע שיקסעס, ווען איך האב פארלאזט די קאמיר...

=+=+=+=

איצט האב זיך אויסבאהאלטן — ווידער אין יענדזשעיעוו, די שטאט פון מיין גורל, — דאס מאל מיט יידן, — אין א גרוב, אונטער א קוימען פון אן אויסגעברענט הויז. עס זענען נישט פאראן אין דער מענטשלעכער שפראך די ווערטער, צו באשרייבן די באדינגונגען איך וועלכע מיר האבן דורכגעלעבט ביז צו דער באפרייאונג.

אין יאנואר 1945 ווען די רוסישע ארמיי האט פארנומען פוילן, בין איך צוערשט צוגעפארן צו מיין קינד. שפעטער קיין וויסליץ און אין דארף סטאשוויצע. דער „גוטער גוי" האט מיר געזאגט: — 8 טעג פאר דער באפרייאונג זענען זיי ארויס פון באהעלטעניש כאפן פרישע לופט און זיך מער נישט אומגעקערט...

כ'ווייס נישט ווי אזוי זיי זענען אומגעקומען און כ'ווייס נישט ווו זייער קבר געפינט זיך...

=+=+=+=

מיין בלוטיקער בילאנס: מיינע עלטערן, מיין מאן, מיין יינגסטער ברודער, דערמארדעטע אויף דער פוילישער ערד. חיים, מיין צווטער ברודער, איז דער־מארדערט געווארן דורך די דייטשן נעבן סלאמניק; פנחס, מיין דריטער ברודער, האט דורכגעמאכט דעם אשוויענצימער גהינום, געבליבן לעבן, וווינט היינט אין אויסטראליע; מיין טעכטערל איז צוריק צו איר יידישן נאמען צירל־חנהלע.

זאלן די אייניקע בלעטער אין דעם בוך זיין א נר תמיד פאר די אומגעקומענע...

=+=+=+=

Byłem do Maślanki przywiązany i nawet po wojnie zwracałem się do niego per „Dziadku" — jego pseudonimem konspiracyjnym. Wchodząc do jego gabinetu, zdawałem sobie sprawę z uczuć i myśli tłoczących się w głowie Maślanki. Omówił ze mną bieżące sprawy województwa kieleckiego, wypytywał o wspólnych znajomych i ich pracy w kieleccyźnie i pod koniec rozmowy zwrócił się do mnie:

— Jak mogłeś przez dwa lata ukrywać przede mną tajemnicę twojego pochodzenia? Czy nie zasługiwałem na twoje zaufanie? Ciebie polecił mi Wojciechowski, on jest świnia, więcej mu ręki nie podam...

— Przepraszam bardzo, obywatelu ministrze — odpowiedziałem tonem oficjalnym. — O Wojciechowskim należy mówić tylko z szacunkiem, to jest najszlachetniejszy człowiek, jakiego kiedykolwiek znałem. Zarówno on jak i ja nie chcieliśmy obarczać waszego sumienia wiedzą o moim pochodzeniu. Uważaliśmy, że wystarcza moja postawa i moja praca w konspiracji. Czy kiedykolwiek zawiodłem Wasze zaufanie?

— Przecież wiedziałeś, że ukrywamy w jednym z oddziałów żydowskiego lekarza. Dlaczego ty nie miałeś do mnie zaufania?

— To prawda, że ukrywał się w naszych oddziałach lekarz żydowski — potwierdziłem — ale prawdą jest też to, że ukrywano go, bo nam był potrzebny lekarz. Prawdą jest też to, że tylko Wy, Ozga i ja wiedzieliśmy o pochodzeniu lekarza, i prawdą jest też to, że prosiliście mnie, abym nikomu w sztabie nie zdradził żydowskiego pochodzenia lekarza, bo, jak mówiliście, mogą mu znienacka wsadzić kulę w łeb. Prawdą jest też to, że nie było z Waszej strony żadnej reakcji, ilekroć opowiadano Wam, że nasi chłopcy obrabowali ukrywających się w lasach Żydów, a nieraz ich nawet likwidowali...

Z hamowaną wściekłością Maślanka zmienił temat, przechodząc do bieżących spraw województwa kieleckiego. Zakończyliśmy rozmowę. Wstałem i chłodno się pożegnałem. Była to ostatnia rozmowa z moim byłym dowódcą, z którym przez dwa lata łączyły mnie więzy serdecznej przyjaźni.

Wszedłem do sali konferencyjnej Ministerstwa z pewnym opóźnieniem, kiedy większość uczestników siedziała już przy stole. Nagle jeden z uczestników, zdumiony moim widokiem i moją obecnością w tej sali ,wstał od stołu i wyszedł na moje spotkanie:

— Buchman, ty żyjesz? — wykrzyknął, witając się ze mną serdecznie. — Co ty tu robisz? — pytał zdziwiony.

Oczy zebranych, a przede wszystkim ministra, zwróciły się w moją stronę. Konsternacja była duża. Pytającym był powojenny znany publicysta, poseł na Sejm z ramienia Stronnictwa Ludowego — Jan Aleksander Król. Znał mnie z Wiślicy, gdzie przebywał i ukrywał się w czasie okupacji. Prowadził tajemne komplety nauczania młodzieży w wieku ginamzjalnym. Nauczał też moje młodszego brata i nieraz bywał w naszym domu. Przywitałem się z Królem, zbywając go ogólnikową odpowiedzią i przyrzekając rozmowę bardziej szczegółową po konferencji.

Konferencja trwała blisko dwie godziny. Choć dla większości zebranych odkrycie poczynione przez Jana Aleksandra Króla było pewnego rodzaju rewelacją — nikt słowa na ten temat nie powiedział. Podsumowując obrady i dziękując uczestnikom, minister Maślanka na zakończenie zwrócił się do mnie:

— Z Marianem pragnąłbym jeszcze porozmawiać na osobności w moim gabinecie.

Zrozumiałem dobrze przyczynę i temat rozmowy, którą chce ze mną odbyć minister. Pożegnawszy się więc z innymi uczestnikami konferencji i umówiwszy się na obiad z Janem Aleksandrem Królem, zaszedłem do gabinetu ministra.

ROZSTANIE Z „DZIADKIEM"

Z Maślanką łączyły mnie serdeczne więzy przyjaźni, zadzierzgnięte we wspólnych przeżyciach i bojach partyzanckich. Blisko trzy miesiące dzielił ze mną pokój. Darzył mnie zaufaniem, wtajemniczał w arkana jego gry politycznej. Stosunkowo szybko zaawansował mnie na kapitana Wojsk Polskich, poruczał mi trudne i skomplikowane zadania, wierząc w moje zdolności i — jak często mawiał — w moją silną wolę i charakter. Kiedy w styczniu 1945 roku tworzono Tymczasowy Rząd Polski Ludowej i Stronnictwu Ludowemu przyznano pewną ilość tek ministerialnych, Maślanka zaproponował mi objęcie stanowiska wiceministra informacji i propagandy. Odmówiłem, tłumacząc się zbyt młodym moim wiekiem i brakiem doświadczenia w tej dziedzinie. W istocie rzeczy nie chciałem zajmować się propagandą i wogóle nie zamierzałem pozostać w służbie państwowej. Pragnąłem przede wszystkim ukończyć rozpoczęte przed wojną studia.

się do mnie z zaufanie w oparciu o pozytywną opinię Wojciechowskiego.

W domu nauczyciela w jednej z sąsiednich wsi była zainstalowana stacja radiowa odbiorczo - nadawcza. Powierzono mi nasłuch radiowy, na podstawie którego wespół z Józefem Ozgą-Michalskim redagowałem biuletyn informacyjny. Był rozpowszechniany po całej kielecczyźnie.

W ten sposób coraz bardziej wciągałem się w podziemną robotę polityczną, aż pewnego dnia Maślanka zaproponował mi wstąpienie do oddziałów Batalionów Chłopskich, twierdząc, iż potrzebny mu jest człowiek mojego pokroju do sztabu okręgu. Z miejsca się zgodziłem, choć, szczerze mówiąc, pani Wojciechowska nie była zbudowana moją decyzją. Powodowała nią troska o moje życie, a także mylnie tłumaczyła sobie moją zgodę na opuszczenie ich domu prawdopodobnie złym moim samopoczuciem w ich środowisku. Sprawa ta była przedmiotem niezbyt przyjemniej dla mnie rozmowy z panią Wojciechowską. Tłumaczyłem jej, że jestem bardzo przywiązany do ich domu i bardzo wdzięczny za wszystko co dla mnie zrobili, ale powodują mną dwa motywy: a) ciąży na mnie świadomość ich wielkiej i bezinteresownej ofiary ponoszonej dla mnie, z codziennym narażeniem życia całej rodziny; b) cała moja rodzina i duża część mojego narodu zginęła z rąk hitlerowskich i jeśli nadarza mi się możliwość czynnego współudziału w walce zbrojnej przeciw okupantom, nie mogę z tej okazji nie skorzystać, nigdy bym sobie tego nie darował. Zapewniłem przytem, że dom ich zawsze będzie mi bliski i zawsze do nich powrócę.

Tak rozpoczęła się nowa karta w moim życiu. Z przedwojennego wypieszczonego syna Buchmanów przeistoczyłem się w partyzanta, znanego w podziemnej kielecczyźnie pod pseudonimem „Marian". O bojach, w których uczestniczyłem i o przeżyciach partyzanckich pisałem wielokrotnie w Polsce i opisywali je też moi współtowarzysze. Nie będę więc w tym miejscu rozszerzał tematu. Warto może jednak przypomnieć o jednym wydarzeniu, które miało miejsce już po wojnie, w 1945 roku w Warszawie, i jest związane z opisywanymi moimi przeżyciami.

BUCHMAN, TY ŻYJESZ?!

Zaraz po wojnie powołany zostałem na stanowisko pełnomocnika Komitetu Ekonomicznego Rady Ministrów na województwo kieleckie. Pewnego razu zaproszono mnie wraz z innymi działaczami na konferencję u ministra Administracji Publicznej w Warszawie, Józefa Maślanki, byłego mojego dowódcy z oddziałów partyzanckich.

chowska nie zadawała mi żadnych pytań. Odnosiła się do mnie jakbyśmy się znali od wielu lat.

O zmroku dwie siostry, pani Skrzeszewska i pani Wojciechowska, wsiadły na furmankę i wraz ze mną pojechały do wsi Niziny, położonej między Stopnicą a Staszowem, gdzie w czasie okupacji zamieszkiwali Wojciechowscy.

Noc była ciemna, mroźna i śnieżna. Choć otuleni kożuchami, porządnie zmarzliśmy. Po drodze mijały nas pojazdy niemieckie, lecz widocznie nie wzbudzaliśmy podejrzenia, skoro nas nie zatrzymywali i nie legitymowali. Konie, choć podkute, ślizgały się po zamarzniętym śniegu i lodzie. Było już po północy kiedy zajechaliśmy przed budynek szkolny w Nizinach. Na spotkanie wyszedł pan Wojciechowski. Przywitał nas serdecznie i zaprosił do ciepłego mieszkania mieszczącego się w skrzydle budynku szkolnego. Poczułem się od razu jak w domu. Przyjęto mnie jak członka rodziny, otaczając troskliwością, ciepłem i serdecznością. Czułem się bardzo zażenowany. Zdawałem sobie sprawę z ofiary czynionej przez państwa Wojciechowskich, świadomie narażających siebie i troje ich dzieci.

Po pierwszych kilku dniach oswojenia się z otoczeniem i z wsią, ustaliliśmy z państwem Wojciechowskimi, że będę uchodził za nauczyciela, że zorganizują komplety nauczania w zakresie szkoły średniej, które ja poprowadzę. Zaczęła przychodzić potajemnie młodzież z okolicznych wsi, był ustalony plan zajęć, rozpoczęło się dla mnie nowe życie w nowym, dawniej bliżej nieznanym mi, świecie wiejskim.

W godzinach wolnych od nauczania zajmowałem się pracą na roli, uprawą kilku morgów ziemi należącej do szkoły. Wieczorem spotykałem się z młodzieżą wiejską w domach prywatnych, wygłaszałem pogadanki na różne tematy.

BATALIONY CHŁOPSKIE

Pan Wojciechowski, przedwojenny inspektor szkolny, działał również w czasie okupacji, konspiracyjnie, w tym charakterze, jako przedstawiciel polskiego rządu emigracyjnego. Był też aktywnym działaczem Stronnictwa Ludowego. Dom Wojciechowskich był w czasie wojny punktem zbornym dla wielu działaczy z podziemia. W domu tym poznałem słynnego dowódcę oddziałów partyzanckich Batalionów Chłopskich okręgu kieleckiego i powojennego ministra Administracji Publicznej — Józefa Maślankę, znanego w czasie okupacji pod pseudonimem „Dziadek". Tu też poznałem powojennego długoletniego wicemarszałka Sejmu Józefa Ozgę-Michalskiego i prawie całą czołówkę działaczy Stronnictwa Ludowego i innych stronnictw politycznych. Oni, oczywiście, nie znali tajemnicy mojego pochodzenia. Odnosili

mojej gospodyni na Goresławicach. Rozmyślałem całą noc nad możliwościami rozwiązania mojego problemu przez Wojciechowskiego. Prawdę mówiąc, nie bardzo wierzyłem w to. Myślałem sobie: wyjedzie i zapomni, tymbardziej że jest to związane z narażeniem życia. Myliłem się. Po trzech dniach telefonował. Polecił mi zjawić się o godzinie jedenastej przed południem w Busku-Zdroju pod wskazanym adresem siostry jego żony. Tam spotkam się z panią Wojciechowską, która zajmie się mną i poprowadzi dalej.

O świcie, w towarzystwie Jakuba Kędzierskiego wyruszyłem pieszo do Buska. Był styczniowy, mroźny dzień, śnieg trzaskał pod butami. Szliśmy bocznymi ścieżkami, nie zbliżając się do szosy, by nie spotkać znajomych. Nie daleko uzdrowiska pożegnałem się z Kędzierskim, dziękując mu za towarzystwo. Szczerze żałował, iż nie może mi być więcej pomocnym. Był bardzo przywiązany do naszego domu. Wiele lat pracował u nas, doznając dobrego, serdecznego stosunku ze strony moich rodziców. Był wstrząśnięty ich losem i wykazywał wiele troski o mnie.

W DOMU PUŁKOWNIKOWEJ

Powoli zbliżałem się do miejsca spotkania z panią Wojciechowską. Punktualnie o godzinie jedenastej zapukałem do drzwi. Otworzyła mi starsza, elegancka pani, o charakterystycznym typie słowiańskim. Była to — jak się później dowiedziałem — wdowa po pułkowniku Skarszewskim, który zginął w czasie działań wojennych w 1939 roku. Przedstawiłem się, podając, że oczekuję tu przybycia jej siostry, pani Wojciechowskiej, z którą jestem umówiony. Pułkownikowa potwierdziła, że siostra ma do niej przyjechać około godziny jedenastej, i zaprosiła mnie do salonu, częstując gorącą herbatą.

Po kilku minutach zjawiła się niewiasta średniego wzrostu, o kruczo czarnych włosach, w wieku około lat czterdziestu, ubrana w eleganckie futro i futrzaną czapkę. Rozcałowała się z siostrą i, widząc mnie w salonie, powiedziała:

— Dzień dobry, panie Marianie. Świetnie pan wygląda. Cieszę się z ponownego naszego spotkania...

Podeszła do mnie, objęła mnie i ścisnęła, po czym zwróciła się do siostry:

— Pan Bielecki jest oficerem poszukiwanym przez Niemców. Musi zejść w podziemie i trzeba mu w tym dopomóc.

Pułkownikowa była bardzo czuła na punkcie oficerów. Całe życie przebywała w tym środowisku. Natychmiast zakrzątała się wokół obiadu. Zjawiły się dwie nadobne, dorosłe córki pani pułkownikowej i w miłym nastroju spędziliśmy kilka godzin. Pani Wojcie-

narazie pieniędzy nie ma. Sprzeda towary i później wręczy mi wszystkie pieniądze. Ustaliliśmy, że co tydzień po jarmarku, Treuhaendler wręczy Walaskowi równowartość stu dolarów. Podkreśliłem, że pieniądze te będą stanowiły jedyne źródło mojego utrzymania. Na tym zakończyły się moje kontakty z Treuhandlerem, który nawet jednej raty Walaskowi nie wpłacił. Walasek radził mi więcej do mojego domu nie zachodzić, gdyż — jak twierdził — Treuhaendler jest zdolny oddać mnie w ręce policji. Pozostałem więc prawie bez żadnych środków finansowych.

SPOTKANIE Z WOJCIECHOWSKIM

Leżałem na łóżku obłożony książkami, kiedy moja gospodyni wróciła do domu do pracy w szkole. Powiadomiła mnie o zaproszeniu na kolację do państwa Walasków. O zmroku wstałem, ubrałem się i prawie zrezygnowany z powodu mojej sytuacji, udałem się do mieszkania państwa Walasków. Zdawałem sobie sprawę, że pobyt u mojej gospodyni możliwy jest tylko na krótką metę, że nie mając żadnych środków finansowych, nie mam też szans przetrwania. Pogrążony w takim nastroju zjawiłem się w mieszkaniu państwa Walasków. Oprócz domowników i pani Maryli Zgrzebnickiej był jeszcze wysoki, przystojny mężczyzna o niebieskich oczach i jasno-blond włosach. Przedstawiono nas. Dowiedziałem się, że jest to pan Stefan Wojciechowski, przedwojenny inspektor szkolny w Busku-Zdroju.

Zasiedliśmy do kolacji. Prowadzono ożywioną rozmowę o wojnie, o polityce, o literaturze, o słynnych kobietach w historii świata itd. Żywo uczestniczyłem w rozmowie, wypowiadając sądy na różne tematy. Odnosiłem wrażenie, że szczególnie pan Wojciechowski zgadza się z moimi poglądami. Po kolacji usiadłem na tapczanie. Przysiadł się do mnie pan Wojciechowski. Zaczął rozmowę ze mną w ten sposób:

— Panie Marianie, jestem zorientowany w pana sytuacji osobistej i w pana przeżyciach. Słyszałem od państwa Walasków i mogłem się też dziś osobiście przekonać, że jest pan inteligentnym i zdolnym człowiekiem i dlatego godnym mojej pomocy.

— Dziękuję — powiedziaem nieśmiało. — Nie wiem czym zasłużyłem na tyle uprzejmości. Panie inspektorze — ciągnąłem dalej — pomoc taka związana jest z niebezpieczeństwem. Dodać też muszę, że pozbawiony jestem środków pieniężnych...

— To naprawdę mało ważne — zbył mnie. — Jutro opuszczam Wiślicę. W ciągu trzech dni porozumiem się telefonicznie z panem Walaskiem co do dalszych kroków...

W zupełnie innym nastroju niż wyszedłem, wróciłem tej nocy do

W ciągu dnia córki Walasków dwukrotnie przynosiły mi do stodoły ciepłe jedzenie, umilając mi przykre chwile miłymi opowiadaniami i przyjemnymi wspomnieniami przedwojennymi z Krakowa, gdzie również i one uczęszczały do gimnazjum, gdzie spotykaliśmy się często, a przez pewien czas nawet byłem ich korepetytorem. Opowiedziały mi też o Żydach ukrywających się w okolicy, że przychodzi do nich od czasu do czasu Sala Obwarzańska, że do Stefana Walaska przychodzi Wajnryb, zięć Orbachów, że w okolicy ukrywa się Icchak Kazimierski. Przestrzegły mnie przed synem Białkiewicza i innymi łotrami.

UCZĄ SIĘ PACIEŻA

Wieczorem przyszedł do stodoły pan Jan Walasek z panią Marylą Zgrzebnicką. Powiedzieli mi, iż znaleźli dla mnie miejsce tymczasowego pobytu, aż znajdą inne, lepsze rozwiązanie. Zaprowadzili mnie na Goresławice, do domku starej dozorczyni szkolnej, Marysi. Była to samotna, bardzo pobożna, starsza kobieta, która, widząc mnie, uklękła, kilkakrotnie się przeżegnała i zaczęła odmawiać pacierze na moją intencję. W jej chałupie — trudno to nazwać domem — po raz pierwszy w moim życiu zetknąłem się z obfitą literaturą o życiu Chrystusa i o religii chrześcijańskiej. Stara, nabożna i szlachetna kobieta nauczyła mnie pacieża i opowiedziała o chrześcijańskich obrzędkach religijnych. Zdawałem sobie sprawę, że jeśli chcę przetrwać jako Polak - aryjczyk, to muszę dokładnie znać wszystkie obrzędy. Wiedzę tę przyswoiłem sobie do tego stopnia, że gdy kilka miesięcy później udzielałem lekcji uczniom przygotowującym się do matury, mogłem też nauczać zasad religii chrześcijańskiej.

Pewnego wieczora, w towarzystwie pana Jana Walaska, zaszedłem do domu moich rodziców przy Rynku. Mieszkanie zajmował Treuhaendler. Był wstrząśnięty moim widokiem. Poprosiłem go o moje ubranie i o bieliznę. Krępowała go obecność Walaska, więc nie mógł odmówić. Zaproponowałem mu sprzedaż pewnej ilości towarów, które były zakopane w podwórzu naszego domu. Zgodził się natychmiast. Ustaliliśmy, że następnego wieczora wykopiemy towary. Walasek zamówił Jakuba Kędzierskiego, byłego naszego pracownika, który towary te przed rokiem zakopał. O umówionej godzinie przyszliśmy i towary — głównie wyroby z metali szlachetnych, bardzo poszukiwane w czasie wojny — odkopaliśmy. Ustaliliśmy wspólnie, że ich wartość rynkowa wynosi osiem tysięcy dolarów. Powiedziałem Treuhaendlerowi, że od niego zgodzę się przyjąć piećdziesiąt procent wartości towarów, czyli cztery tysiące dolarów. Oponował, mówiąc, że w takich okolicznościach nie chce na mnie zarobić, lecz dodał, że

wagonu, w którym siedziałem, były kolega szkolny — Lotko z Goresławic. Choć panował półmrok — wagony były słabo oświetlone — rozpoznał mnie i przysiadł się do mnie. Na wszystkie jego pytania dawałem wymijające odpowiedzi, natomiast od niego dowiedziałem się, że wielu ukrywających się Żydów i Żydówek, którzy w nocy przybywali do miasta, aby wydostać ze swoich domów ubrania, towary czy pieniądze, zostali przyłapani i oddani w ręce granatowej policji. Ci zaś albo przekazywali ich w ręce Niemców albo sami zabijali. Komendant posterunku policji Kaczmarek i jego zastępca Honc własnoręcznie zastrzelili na cmentarzu Żydów i tam kazali ich pochować. Wszystkich zastrzelonych znałem osobiście, byłem wstrząśnięty wiadomościami. Postanowiłem nie dojechać do stacji Wiślica. Nic nie mówiąc Lotce o moim postanowieniu, na przystanku Kamienna, natychmiast po ruszeniu pociągu wyskoczyłem w biegu. Była godzina jedenasta w nocy. (Po wojnie dowiedziałem się, że Lotko zachowywał się haniebnie, że obrabował wielu ukrywających się Żydów i — jak głosiły słuchy — niektórych nawet zabił).

Droga była ciężka. Noc ciemna, śnieg prószył prosto w oczy i kleił się do butów. Szedłem pieszo z Kamiennej do Wiślicy. Do domu Walasków doszedłem o godzinie trzeciej nad ranem. Ostrożnie otworzyłem furtkę i nagle usłyszałem przeraźliwe ujadanie psa. Do okna parterowego doszedł Stefan Marzec, pytając, kto tam. Kiedy po cichu wyszepnąłem swoje nazwisko, powiedział: to nie możliwe. Upewniłem go, że to ja. Szybko otworzył i zaprosił mnie do mieszkania. Obudziła się cała rodzina Walasków. Pani Walaskowa, ujrzawszy mnie, objęła i matczynym uściskiem przytuliła mnie do siebie. Opowiedziała mi, że od kilku tygodni modli się o moje życie i przetrwanie.

Dowiedziałem się, że kilka dni po wyjeździe Stefana Marca z Rzeszowa, Wiktor napisał do niego list, żądając pięciu tysięcy dolarów okupu za mnie. W wypadku odmowy — szantażował zdradą. Na list ten Marzec nie odpowiedział. Byli przekonani, że Wiktor mnie wyda w ręce Niemców i tylko czekali, kiedy u nich zjawi się tajna policja niemiecka. Skoro wróciłem i opowiedziałem o przeżyciach, wszyscy byli uradowani moim widokiem. Nakarmili mnie, napoili i o świcie wysłali do stodoły, na siano.

Choć byłem samotny, zakopany w sianie, czułem się szczęśliwy. Ta jedna godzina pobytu w domu Walasków, ich ciepły, serdeczny do mnie stosunek, przywrócił mi wiarę w człowieka. Byłem podniesiony na duchu, widziałem, że ktoś się o mnie troszczy, czułem przywiązanie i wdzięczność dla tej rodziny.

nazjum — były zajęte przez Niemców. Poszedłem na ulicę Przemyską — do Żydowskiego Domu Akademickiego, w którym kiedyś mieszkałem — zastałem tam klub niemiecki podejrzanego autoramentu. Kazimierz — dawniej tętniąca życiem żydowska dzielnica — dziś miał wygląd przerażający. Kraków bez Żydów przejmował mnie zgrozą.

Przypomniałem sobie, że w Działoszycach, przed rozstaniem się ze mną, Wowek Hajtler wpisał mi do notesu adres pensjonatu w Krakowie przy ulicy Radziłowskiej, gdzie w razie potrzeby mogę go odnaleźć. Pensjonat ten, jak mi powiedział, był prowadzony przez jego znajomego, Żyda z Wiednia, który udawał Niemca i jako taki ukrywał się w Krakowie. W pensjonacie tym ukrywało się wielu Żydów krakowskich. Również Wowek Hajtler udał się z Działoszyc do Krakowa, do tego pensjonatu. Chciałem więc odnaleźć Wowka.

Udałem się na ulicę Radziłowską. Zbliżywszy się do domu, zauważyłem dozorcę zamiatającego trotuar. Zapytałem go o kierownika pensjonatu. Usłyszawszy o kogo pytam, przestał zamiatać, spojrzał mi prosto w oczy i, odstawiwszy miotłę pod ścianą, poprowadził mnie kilka kroków od domu. Opowiedział mi, że pewnej nocy przyjechała tajna policja niemiecka do pensjonatu. Zastrzelili na miejscu kierownika pensjonatu, a większość pensjonariuszy zabrali ze sobą. Zrozumiałem, że Wowka Hajtlera więcej poszukiwać nie należy.

Nie mając do kogo się zwrócić w Krakowie, doszedłem do wniosku, że powinienem jechać do Wiślicy. Były jeszcze inne motywy do tej decyzji. Pragnąłem powiadomić Walasków o zachowaniu się Wiktora i przestrzec ich przed możliwością szantażu z jego strony. Ponadto moje skromne środki finansowe zaczęły się wyczerpywać, chciałem więc w jakiś sposób dostać się do domu moich rodziców, gdzie były pochowane towary dużej wartości, a także waluta obca w różnej postaci.

W dniu wysiedlenia z Wiślicy, na polecenie mojego ojca wręczyłem klucze od naszego mieszkania wójtowi gminnemu Białkiewiczowi, zaś klucze od przedsiębiorstwa i magazynów — Treuhaendlerowi, wysiedlonemu Polakowi z Częstochowy, który jako powiernik Niemców kierował naszym przedsiębiorstwem. Przed wysiedleniem zachowywał się wobec nas nienagannie, starając się zdobyć zaufanie moich rodziców. Był na tyle roztropny, że rozumiał, iż tylko tą drogą może zabezpieczyć swój byt, a nawet dojść do pieniędzy.

GRANATOWI POLICJANCI STRZELAJĄ DO ŻYDÓW

Po południu poszedłem na dworzec kolejowy i po przez Kocmyrzów pojechałem do Wiślicy. Na stacji Kazimierza Wielka wszedł do

Znów mroźne, świeże powietrze podziałało na Wiktora. Coraz mniej panował nad ruchami, skręciłem więc z nim w boczną ulicę. Długo chodziliśmy nieznanymi mi ulicami, aż zmierzchło i zaświeciły elektryczne lampy uliczne Stanęliśmy koło lampy, w odległości około 200 metrów od koszar, gdzie stali wartownicy niemieccy. Wiktor wciąż rozprawiał na ten sam temat, wciąż dźwięczały mi w uszach słowa: „Żyd", „Gestapo", „Jude", „Stefan" itd. Nagle, nie wiadomo skąd i dlaczego, pogasły światła elektryczne w całym mieście. Pomyślałem sobie: palec Boży, trzeba tę chwilę wykorzystać. Zrobiłem Wiktorowi „męską zaprawę", bijąc go i kopiąc ile mogłem, po czym leżącego na ziemi opuściłem i pobiegłem przed siebie.

Po przebiegnięciu kilkuset metrów w ciemnościach, wpadłem do rowu parumetrowej głębokości. Znalazłem się nagle w wodzie, błocie i lodzie siągającym po szyję. Był to, jak później zrozumiałem, rów obronny, przeciwczołgowy, którzy Niemcy wykopali dla ochrony koszar. W jaki sposób wydostałem się z tego rowu, sam dziś pojąć nie jestem w stanie.

Kiedy już byłem na powierzchni, usłyszałem wołania Wiktora. Gonił za mną. W pewnym momencie usłyszałem chlupnięcie i krzyk. Zrozumiałem, że i on wpadł do rowu. Oddaliłem się więc czym prędzej z tego miejsca. Światło znów zapłonęło i wtedy mogłem zobaczyć, że ociekam wodą i błotem. A była to mroźna, grudniowa noc zimowa. Co robić? — to pytanie zaczęło mnie nurtować. O powrocie do domu w takim stanie nie mogło być mowy. Zrozumiałem, że resztki mego dobytku pozostawione u gospodarzy są już stracone. Myślałem tylko o tym, jak się teraz wydostać z Rzeszowa. Postanowiłem udać się do Krakowa.

Ociekając wodą i błotem, pomaszerowałem w nocy pieszo kilkanaście kilometrów do pobliskiej stacji kolejowej za Rzeszowem, w kierunku Krakowa. W oświetlonym budynku stacyjnym, zauważyłem przez okna Niemców w mundurach. Oczekiwałem więc po przeciwnej stronie torów nadejścia pociągu. Gdy nadszedł, wszedłem do nieoświetlonego wagonu i zacząłem ściągać z siebie mokre i obłocone odzienie, starając się w ciągu nocy wysuszyć je i oczyścić. Nazajutrz rano dojechałem do Krakowa.

KRAKÓW BEZ ŻYDÓW

Kręciłem się po ulicach tak dobrze znanego mi Krakowa — spędziłem tam siedem lat przed wojną, uczęszczając do hebrajskiego gimnazjum i na uniwersytet — i właściwie nie wiedziałem co począć, gdzie iść i co robić. Żydów w Krakowie już nie było. Poszedłem na ulicę Brzozową, gdzie mieściły się potężne budynki mojego gim-

dzień, kiedy na ulicach jest pełno Niemców, było niemożliwością. Pozostać aż wrócą żandarmi z dziewczętami było niebezpieczne. Wiktor był pijany i nie panował nad słowami. Co czynić?

Najpierw zbagatelizowałem jego słowa, starając się przekonać go, iż wziął mnie za kogo innego, że nigdy przed wojną w Wiślicy nie byłem itd. Wiktor jednak z uporem trwał przy swoim i z zapalczywością twierdził, że odda mnie w ręce Gestapo. Zacząłem go nakłaniać, aby narazie przestać mówić na ten temat. Jes święto — powiedziałem — więc wyjdźmy na przechodzkę.

— Jakie to święto dla ciebie? — zapytał. — Przecież ty nie wierzysz w Chrystusa...

